בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

## שבת פרשת

## כי תצא תשפ"ו

### פון ג' אלול – ביז ט' אלול

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח רבי משה אפרים
ב"ר ארי' ע"ה - כ"ד טבת תשע"א
ולעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח
ר' משה יהודה ע"ה - ו' אדר תשפ"ה

**צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג,**
**ביטע שיקט א מעסעדזש מיט אייער אימעיל צו דעם נומער 9119-907 (646)**

## זונטאג – ג׳ אלול

הרה"ק רבי יצחק ישעי׳ ב"ר חיים מצאנז זי"ע, הי"ד, (הלברשטאם), **מטשחויב**.

"הנקרא **ר׳ ישעי׳לע טשעחויבער**"

## מאנטאג – ד׳ אלול

הרה"ק רבי ישעי׳ ב"ר מאיר זי"ע, (וולטפרייד), **בעל דברות חיים, ראש שושלת פשעדבורז**.

## דינסטאג – ה׳ אלול

הרה"ק רבי דוד צבי שלמה ב"ר אלעזר מנחם מענדל זי"ע, (בידערמאן), **מלעלוב ירושלים**.

## מיטוואך – ו׳ אלול

הגה"ק רבי גרשון שאול יו"ט ליפמאן ב"ר נתן הלוי זי"ע, (העלער), **בעל תוספות יו"ט, מקראקא**.

הגה"ק רבי שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זי"ע, **בעל זרע שמשון, מגדולי איטליאה**.

הרה"ק רבינו יקותיאל יהודה ב"ר אלעזר ניסן זי"ע, (טייטלבוים), **בעל ייטב לב, מסיגוט**.

## דאנערשטאג – ז׳ אלול

הגה"ק רבי אהרן ב"ר גרשון זי"ע, (ענגעלמאן), **בעל בית אהרן, אב"ד קויל**.

"הנקרא בפי כל **ר׳ ארון קוילער**"

הרה"ק רבי יהושע ב"ר יצחק זי"ע, הי"ד, (גליקמאן-רובין), **ראב"ד סאסנובצא**.

## פרייטאג – ח׳ אלול

הרה"ק רבי אברהם שמשון ב"ר יעקב יוסף הכהן זי"ע, (אשכנזי - כ"ץ), **מראשקוב**.

## שבת קודש – ט׳ אלול

הרה"ק רבי צדוק ב"ר יעקב הכהן זי"ע, (רבינוביץ), **בעל פרי צדיק, מלובלין**.

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח ר׳ משה אפרים ב"ר ארי׳ ע"ה. - כ"ד טבת תשע"א.

לעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח ר׳ משה יהודה ע"ה. - ו׳ אדר תשפ"ה.

**יארצייט ג' אלול**

**הרה"ק רבי יצחק ישעי' ב"ר חיים מצאנז זי"ע,**
**הי"ד, (הלברשטאם), מטשחויב**
**"הנקרא ר' ישעי'לע טשעחויבער"**

ער איז געבוירן אין שטאט צאנז, **בשנת תרכ"ד**.

אלס דער יונגסטער זון צו זיין טאטן הרה"ק **בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אריה לייבוש אב"ד טארניגראד** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי שמחה מבראד** זי"ע,
מגזע הרה"ק **רבי צבי הירש חריף בעל חכם צבי אב"ד האלבערשטאדט** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת רעכיל דבורה** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי יחיאל צבי הירש אונגאר מטרנוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי מרדכי דוד מדאמבראווא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי צבי הירש** זי"ע.

אויף דעם זיידן רבי צבי הירש וואס איז געווען א ווייַן סוחר, האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע מעיד געווען, אז ווען ער האט געמאסטן די וויין פאר די קונים, **האט ער מייחד געווען די זעלבע יחידים ווי די צדיקים הראשונים האבן אינזין געהאט ביים דאווענען**.

ער איז געווען א איש קדוש ונורא מאוד און א צדיק הדור, ער איז געווען א בקי נפלא בש"ס ופוסקים, א עניו וחסיד, ער האט זיין עבודת הקודש געטון מיט א געוואלדיגע הסתר בתוך הסתר, זיין עבודת התפלה איז געווען מיט א געוואלדיגע התלהבות דקדושה, צדיקי הדור האבן מפליא געווען זיין גרויסע קדושה, און צדיקים האבן אויף אים געזאגט, אז ער האט געהאט א גאר הייליגע נשמה, אויך איז ער געווען באוויסט אלס א בעל מופת עצום און א גאר גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

עס איז באוויסט אז דער הייליגער דברי חיים האט געהאט א ספעציעל שמחה ווען דער קינד איז געבוירן געווארן, און אפילו זייענדיג שוין 70 יאר אלט און דער הייליגער דברי חיים האט שוין דאן מער נישט אנגענומען קיין מוהלות ביי א ברית, אבער ביי דעם ברית האט ער געמאכט א אויסנאם און יא געווען דער מוהל, דער קוואטער איז געווען הרה"ק **בעל עטרת שלמה מבאבוב אב"ד בוקאווסק** זי"ע.

ביים ברית האט מען דעם קינד א נאמען געגעבן **"יצחק ישעי'"**, **יצחק** נאכן גאון הרה"ק **רבי איציקל האמבורגער** זי"ע, און **ישעי'** נאכן צדיק הרה"ק **רבי ישעי' מפשעדבורז** זי"ע.

ווערט דערציילט, אז ווען די רבי איז געווען א יונג קינד, האט די טאטע דער הייליגער דברי חיים זי"ע אמאל געשיקט אים מיטן ברידער **רבי שלום אליעזר** זי"ע קיין **קרעניץ**, צוזאמען מיט הרה"ק **רבי דוד'ל דינובער** זי"ע דער זון פונעם הייליגען בני יששכר זי"ע.

איין טאג איז פאר דעם קינד רבי ישעי'לע איינגעפאלן צו שפילן ווי ער איז א פאסט טרעגער, און ער האט אפ געשריבן אפאר ווערטער אויף א פאפיר, און ער האט דאס אריינגעטראגן פאר רבי דוד'ל און געזאגט, **א טעלעגראם, א טעלעגראם**, און דער קינד איז ארויס.

ווען רבי דוד'ל האט אויפגעמאכט דעם פאפיר, האט ער געזען אז דארט שטייט, **"ראבינער הלברשטאם קומט היינט קיין קרעניץ"**, רבי דוד'ל האט זיך נישט קיין סאך צוטון געמאכט דערפון, אבער לפלא אפאר שעה שפעטער איז דער טאטע **דער הייליגער דברי חיים מצאנז** זי"ע אנגעקומען אומגעראכטן קיין **קרעניץ**, כדי צו זעהן וואס זיינע קינדער מאכן, האט דער רבי דוד'ל דערציילט פארן טאטן דערוועגן, און געזאגט, אז דער קינד ישעי'לע איז א בעל מופת, האט דער טאטע געזאגט, **"יעצט איז ער נאכנישט א בעל מופת, אבער ער וועט נאך זיין א גרויסע בעל מופת"**.

ווי באקאנט איז ער געווען דער בן זקינים ביי זיין הייליגן טאטן, און ביי די צוויי יאר אלט האט ער ליידער פארלוירען די מאמע ע"ה, און ביים פטירה פונעם טאטן בשנת תרל"ו איז ער געווען **נאר 12 יאר אלט**, און ער איז נתגדל געווארן ביים ברודער **דער הייליגער שינאווא רב** זי"ע.

לגבי זיין געוואלדיגע התמדת התורה דערציילט מען, אז ער האט יעדן פארטאג'ס געהאט א שיעור מיט אפאר גרויסע תלמידי חכמים, די שיעור האט זיך אנגעהויבן בערך 4 אזייגער פארטאג'ס, אבער וויען די אידן זענען אנגעקומען יעדן טאג, האט מען שוין געטראפן דעם צדיק זיצן און לערנען, און וויפיל די יונגעלייט האבן פראבירט אנצוקומען בעפאר רבי ישעי'לע, איז דאס זיי נישט געגאנגען, ווייל יעדעס מאל זיי זענען אנגעקומען, האט מען שוין דעם צדיק געטראפן לערנען.

הרה"ק רבינו יואל טייטלבוים מסאטמאר זי"ע האט זייער מעריך געווען דעם צדיק רבי ישעי'לע זי"ע, און אים געהאלטן אלס דער **צדיק הדור**, און ער איז געווען פון די איינציגסטע וואס דער סאטמאר רבי האט גערופן מיטן תואר "**הקדוש**".

מען דערציילט, אז איינמאל האט איינער געברענגט צום סאטמאר רבי א בעקיטשע וואס איז געווען מקובל אז דאס איז פונעם הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע.

האט דער סאטמאר רבי געזאגט, איך האב מקובל אז דער הייליגער צדיק מטשחויב זי"ע האט אויסגעזען ממש אזוי ווי זיין טאטע מיט צורה און מיט די הייער, און ווי באוויסט איז דער הייליגער צדיק מטשחויב געווען, א נידעריגער אזוי ווי דער טאטע, אבער די בעקיטשע איז געווען מער א לענגערע, דערפאר קען זיין אז די בעקיטשע איז פון **דער קרייזער רב ר' אהרן** זי"ע דער זון פון צאנזער רב, און די רבי האט מסיים געווען, "**דאס איז אויך א חשיבות**".

איינמאל האט זיך דער צדיק רבי ישעי'לע זי"ע אויס געדריקט אויף זיך בזה"ל, "**איך האב נאך קיינמאל נישט עובר געווען אויף א עבירה, אויסער אויף איין עבירה וואס איז די פסוק, "כִּי אָדָם אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טּוֹב וְלֹא יֶחֱטָא"**".

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת פריידא** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי יחיאל העשיל מקריליוביץ** זי"ע,
(חתן הרה"ק **רבי יהושע מבעלזא** זי"ע),
בן הרה"ק **רבי משולם זושא מזינקוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יצחק מאיר מזינקוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אברהם יהושע העשיל בעל אוהב ישראל מאפטא** זי"ע.

דער שווער פונעם רבין ר' יחיאל העשיל זי"ע איז געווען א איידעם ביי הרה"ק רבי יהושע רוקח דער מיטעלער רבי מבעלזא זי"ע, דער תנאים איז פאר געקומען אין **צאנז**, און די חתונה איז פאר געקומען אין **בעלזא** ביים הייליגען זיידן הרה"ק **רבי יהושע מבעלזא** זי"ע.

הגה"ק רבי שמואל ענגיל אב"ד ראדומישלא זי"ע האט דערציילט, אז ביים חתונה פונעם רבין, וואס ווי באקאט איז שוין געווען נאכן הסתלקות פונעם הייליגען טאטן דער דברי חיים מצאנז זי"ע, האט דער זיידע הרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע געפרעגט דעם חתן, אויב ער האט איינגעלאדנט דעם טאטן צו די חתונה, און געזאגט פארן חתן, **וויסן זאלסטו, אז היינט ביים חתונה איז די זמן אז די זאלסט בעטן דעם טאטן, אז די זאלסט האבן א קשר און א שייכות מיטן טאטן און אויך מיט די אבות הקדושים**.

דערציילט רבי שמואל ענגיל זי"ע, אז עס האט פארן עולם אנגעכאפט א גרויס פחד, וויסענדיג אז דער הייליגער צאנזער רב איז דא, און אויך פארשטייענדיג, אז אויב דער גרויסער חתן וואס איז געווען א קדוש וטהור און א גאון בתורה, ברויך בעטן אז ער זאל בלייבן מקושר צום טאטן, וואס ברויכן מיר מתפלל זיין אז אונז זאלן האבן א שייכות און קשר מיט די צדיקים און גדולים מדורות הראשונים.

ווי באקאנט איז די חתונה פאר געקומען דאנערשטאג ביינאכט, און די קומענדיגע טאג פרייטאג ערב שבת קודש, איז פאר געקומען די ערשטע שבע ברכות נאכמיטאג, און מען האט געברענגט א מאכל וואס איז געווען דער מנהג צו עסן ערב שבת קודש אין בעלזא, די מאכל האט געהייסן "**ראסיל**".

איז דארט געווען דער ברודער פונעם חתן הרה"ק **דברי יחזקאל משינאווא** זי"ע, און ער האט געהאט תערומות, **אז מען האט נישט געגעסן קיין פיש ווי דער מנהג איז ביי א סעודות מצוה**.

שבת קודש ביינאכט, האט דער הייליגער זיידע דער מיטעלער רב מבעלזא זי"ע געזאגט פארן שינאווער רב, מיין טאטע דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע, האט געהאט א מנהג אז ערב שבת קודש האט מען נאר געגעסן דעם מאכל "**ראסיל**".

האט דער בעלזא רב מוסיף געווען, אז אין די תורה זעט מען אז פאר אברהם אבינו ע"ה, האט מען געטוישט די נאמען פון **אברם** צו **אברהם**, און פאר יעקב אבינו ע"ה האט מען געטוישט פון **יעקב** צו **ישראל**, אבער ביי יצחק אבינו זעט מען נישט אז מען האט געטוישט זיין נאמען.

זאגט דער הייליגער רבינו בחיי, אז אין פסוק (תולדות כ"ו), **וַיָּשָׁב יִצְחָק וַיַּחְפֹּר אֶת בְּאֵרֹת הַמַּיִם אֲשֶׁר חָפְרוּ בִּימֵי אַבְרָהָם אָבִיו וַיְסַתְּמוּם פְּלִשְׁתִּים אַחֲרֵי מוֹת אַבְרָהָם וַיִּקְרָא לָהֶן שֵׁמוֹת כַּשֵּׁמֹת אֲשֶׁר קָרָא לָהֶן אָבִיו**, זעהט מען אז די פסוק לויבט אויס יצחק אבינו ע"ה, אז אפילו די נעמען פון די בורות וואס זיין טאטע האט געגעבן, האט ער אויך נישט געטוישט, מן הסתם וועגן דעם האט מען די נאמען פון יצחק אויך נישט געטוישט, זעט מען פון דעם ווי חשוב עס איז, ווען א איד טוישט נישט קיין מנהג אדער סיי וואס די טאטע פלעגט טון.

נאך די חתונה איז ער געבליבן אויף קעסט ביים זיידן דער בעלזא רב זי"ע, דארט איז דער אייניקל געזעצן על התורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע התמדה און מיט א קדושה וטהרה, אויך האט ער געהאט א געוואלדיגע חביבות פונעם זיידן וואס האט געזען דעם גדלות התורה פון דעם אייניקל און אויך זיין קדושה מיט וואס ער האט זיך געפירט.

הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל ווען דער צדיק וקדוש רבי ישעי'לע טשחויבער זי"ע האט געלערנט מיט זיין פעטער הרה"ק רבי ישכר דוב רוקח מבעלזא זי"ע, און עס איז זיי שווער געווען עפעס און זיי האבן נישט געקענט טרעפן דעם תירוץ.

אינמיטן האט דער בעלזא רב איינגעדרימלט, און דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע איז אים געקומען אין חלום און מסביר געווען דעם תירוץ, און אים געזאגט **אז דאס איז בשכר ווייל ער לערנט בחברותא מיט זיין זון רבי ישעי'לע**.

ווען דער בעלזא רב האט זיך דערוועקט, איז ער געלאפן צום טאטן און דערציילט דערוועגן, האט דער בעלזא רב זי"ע געלאזט רופן דעם אייניקל רבי ישעי'לע און אים געזאגט מיט א התרגשות און טרערן, **זעה ווי שטארק דיין הייליגע טאטע איז זיך מטריח, אז אפילו אויבן פון גן עדן ווי דיין טאטע איז אויף א גאר הויעכע פלאץ, קומט ער אראפ וועגן דיר**.

נישט לאנג נאך די חתונה האט ער זוכה געווען צו באקומען הוראה דורך איינע פון די גדולי הפוסקים בדורו הגה"ק **רבי דוב בעריש הכהן ראפאפורט בעל דרך המלך אב"ד ראווא** זי"ע, וואס האט כמעט קיינעם נישט געגעבן די הוראה, אבער פאר רבי ישעי'לע האט ער געמאכט אן אויסנאם.

מען דערציילט, אז זומער בשנת תרצ"ב איז דער צדיק רבי ישעי'לע געגאנגען באזוכען צום שטאט קאשוי, און ווען דער גאון הרה"ק **רבי שאול בראך בעל גבעת שאול מקאשוי** זי"ע האט געהערט, אז דעם דברי חיים'ס זוהן קומט, איז ער ארויס אים מקבל פנים זיין און אים גאר שטארק מכבד געווען, און אים אויך משמש געווען מיט אלעם.

עס האט דערציילט דער פעטער הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע, אז איינמאל איז דער צדיק רבי ישעי'לע געווען זייער נישט געזונט, און מען האט זיך איינגעטיילט צו זיין נעבן בעט פונעם רבין.

איין נאכט האט דער פעטער געזאגט, אז ער וויל זיין די נאכט ביי רבי ישעי'לע, און יענע נאכט איז פאר דעם רבין ב"ה בעסער געווארן און ער איז געזונט געווארן.

ווען דער בעלזא רב האט געפרעגט רבי ישעי'לע, וואס איז פאר געקומען די נאכט, האט רבי ישעי'לע דערציילט, אז אינמיטן די נאכט איז די טאטע דער הייליגער דברי חיים זי"ע געקומען צום אים **און געברענגט א עפל, און געהייסן דעם זון עסן דעם עפל, און נאכדעם וואס ער האט געגעסן א**

**האלבע עפל איז ער גלייך געזונט געווארן**, דאס איז געווען די געוואלדיגע קשר וואס דער זוהן האט געהאט מיטן טאטן אפילו נאכן הסתלקות.

בשנת תרמ"ג איז ער געווארן רב אין שטאט **טשחויב**, און דארט איז דער צדיק באוויסט געווארן אלס א גרויסע פועל ישועות און בעל מופת עצום, אידן אין די טויזענטער זענען געקומען זיך מזכיר זיין ביי דעם צדיק וקדוש, אויך איז מען געקומען מיט האלטן זיין עבודות הקודש וואס איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע התלהבות און א אש דקדושה.

בשנת תרנ"ג איז דער צדיק אריבער צום שטאט **סאטמאר** פאר א שטיק צייט, און דערנאך האט ער זיך געצויגען קיין **קראקא**, וואס דארט איז ער געבליבן ביז די צווייטע וועלט מלחמה.

ווען זיין רעבעצין איז נפטר געווארן, האט ער חתונה געהאט בזיווג שני מיט **הרבנית הצדקת מרת אסתר** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי יעקב צבי ראבינאוויטש בעל עטרה לראש צדיק מפוריסוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יהושע אשר מזליחוב** זי"ע,
בן הרה"ק **היהודי הקדוש מפרשיסחא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אשר אב"ד פשעדבורז** זי"ע,
א אייניקל פון דעם **הייליגען טו"ז** זי"ע.

ער האט דארט אין קראקא אסאך מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים, הונדערטער אידן זענען געהאלפן געווארן מיט גרויסע ישועות און ניסים ממש חוץ לדרך הטבע, ער איז געווען נערץ ונקדש ביי אלע גדולים און צדיקים אין שטאט קראקא.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

בתו **הצדקת מרת רעכיל דבורה** ע"ה, הי"ד, אשת הרה"ק **רבי חיים יצחק טברסקי מלויעב** זי"ע, הי"ד,
בנו הרה"ק **רבי חיים אדמו"ר מטשחוב בניו יורק** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי מנשה מרופשיץ** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת הענא** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי מנחם מענדל הלברשטאם** זי"ע, בן הרה"ק **רבי ארי' לייב ממודינא** זי"ע,
בנו הרה"ק **רבי יעקב צבי אב"ד סוכא** זי"ע, הי"ד, **ראש ישיבת דברי חיים מקראקא**,
בנו הרה"ק **רבי יחזקאל שרגא מקרקוב** זי"ע, הי"ד,
חתן הרה"ק **רבי בן ציון הלברשטאם מבאבוב** זי"ע,
בנו **הבחור הקדוש בנציון** זי"ע, וואס איז נפטר געווארן אלס בחור.

י"ז אלול בשנת תרצ"ט איז דער צדיק אנטלאפן קיין לעמבערג און דארט האט דער צדיק ווייטער ממשיך געווען זיין עבודת הקודש, און אפילו שפעטער ווען מען האט דעם צדיק געפירט צום **באכניא לאגער**, האט ער ווייטער ממשיך געווען מיט זיין עבודת הקודש מיט א געוואלדיגע מסירת נפש.

**ביום ו' ערב שבת קודש ג' אלול בשנת תש"ג** איז דער צדיק וקדוש אומגעברענגט געווארן דורך די דייטשן ימ"ש, זייענדיג איינגעוויקלט אונעם טלית און תפילין פון זיין הייליגען טאטן דער דברי חיים מצאנז זי"ע איז דער צדיק רח"ל פארברענט געווארן אונעם **באכניא געטא** הי"ד.

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד' ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב"א.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

**אמאל ווען דער צדיק רבי ישעי'לע איז געווען א קינד**, איז ער זייער קראנק געווארן און דאס איז געווען בעפאר יום הקדוש, און יום הקדוש ביינאכט איז די מצב געווען גאר ערענסט, איז דער טאכטער פונעם הייליגען דברי חיים, **הצדקת מרת נחמה'לע** ע"ה, געלאפן צום טאטן וואס האט געהאלטן פאר כל נדרי, און מזכיר געווען דעם ברודער, אבער די טאטע דער דברי חיים איז דאן געווען אין א דביקות און דערהויבן ווי א מלאך אלקים, און ער האט געזאגט פארן טאכטער, **ווי אזוי קען מען יעצט טראכטן פון אייגענע קינדער, ווען מען בעט ביים באשעפער פאר כלל ישראל**.

האט די טאכטער געזאגט פארן טאטן, איך וועל נישט אוועק גיין פון דא ביז די טאטע וועט

שוין צוזאגן א באלדיגע ישועה, בלית ברירה האט דער צאנזער רב ארויס גענומען זיין טאביק פושקע, און געזאגט **דא האסטו מיין טאביק פושקע, לייג דאס ארויף אויפן קינד און ער וועט האבן א רפואה שלימה, און ער וועט נאך מעריך ימים זיין און זיין א גרויסע פועל ישועות**, איבעריג צו זאגן אז די הייליגע ווערטער פונעם טאטן איז מקויים געווארן, און רבי ישעי'לע איז געזונט געווארן, **און שפעטער יארן האט ער מיט דעם טאביק פושקעלע גע'פועל'ט גרויסע ישועות**.

דערציילט מען, אז אמאל איז די טאביק פושקעלע פונעם טאטן פארשוואונדן געווארן, און רבי ישעי'לע האט געהאט גרויס צער און עגמת נפש דערפון, וויבאלד ער האט געפילט מיט זיין גרויס עניוות אז ער איז נישט בכוח מיט זיינע אייגענע כוחות צו משפיע זיין ישועות פאר כלל ישראל.

ווען ער האט זיך אויסגערעדט זיין ביטער הארץ פארן ברודער דער הייליגער שינאווא רב זי"ע, האט אים דער ברודער געזאגט, **דעם טאטנ'ס קינד דארף נישט קיין טאביק פושקע, ער קען אויס'פועל'ן ישועות מיט זיין אייגענעם זכות**.

דער רבי ישעי'לע האט אנגענומען די ווערטער פון זיין ברודער, און מיט זיין אמונת צדיקים האט ער טאקע ווייטער גע'פועל'ט גרויסע ישועות, און אפילו שפעטער ווען מען האט געטראפן דעם טאביק פושקע, און מען האט דאס געקענט צוריק באקומען, האט דער צדיק דאס נישט געוואלט נעמען, און געזאגט, **אויב די ברודער זאגט אז איך קען פועל'ן ישועות אן דעם, ברויך איך דאס נישט**.

• • •

**מען דערציילט**, אז איינמאל איז רבי ישעי'לע געווען אין א שטאט אין אונגארן לצורך רפואה, איז צום רבין געקומען א איד, און זיך אויס גערעדט דאס הארץ, אז זיין זון איז ל"ע אראפ פון אידישן וועג, ער היט נישט קיין שבת און לייגט ליידער נישט קיין תפילין און ער האט רח"ל אפ געלאזט יעדעס ברעקל אידישקייט.

האט אים דער צדיק רבי ישעי'לע געזאגט, אז ער זאל ברענגען דעם זון צו אים און ער וועט זען וואס ער קען טון, ווען דער זון איז אהיים געקומען, האט אים דער טאטע געבעטן אז ער זאל אים טוען א טובה און איינמאל קומען אין ביהמ"ד, דער זון האט באוויליגט און האט אנגעטון זיין קאפל, און איז געקומען אין ביהמ"ד צוזאמען מיטן טאטן, ווען דער טאטע האט געזאגט פארן רבין, אז דער קינד איז דא אין ביהמ"ד, האט דער צדיק גארנישט רעאגירט.

נאך עטליכע מינוט גייט רבי ישעי'לע צו צום זון מיט א שנעלקייט, **און איז אים מכבד אז ער זאל נעמען טאביק פון זיין טאביק פושקעלע**, פארשטייט זיך אז דער בחור האט נישט געקענט אפזאגן דעם רבין, און ער האט גענומען א שמעק טאביק.

לפלא האט פאר דעם בחור גלייך נאכן שמעקן דעם טאביק, אנגעכאפט א הרהור תשובה, און ער האט תיכף געבעטן אז מען זאל אים ברענגען זיינע תפילין וואס ער האט שוין יארן נישט געלייגט, און נישט לאנג נאכדעם איז דער בחור געווארן א פולקאמע בעל תשובה.

• • •

**אין שטאט אנטווערפן האט מען אמאל געטראפן** א דארן איד'ל אין בעלזער שטיבל, מיטן נאמען "**נפתלי ראפס**", און ער האט דערציילט, אז ער איז געווען אין **גרטא** צוזאמען מיט **רבי ישעי'לע מטשחויב** זי"ע, הי"ד, און ווען רבי ישעי'לע האט געזעהן, אז מ'גייט אים רח"ל הרג'נען, האט ער געזאגט פאר דעם איד נפתלי, אז אויב וועט ער אים ברענגען לקבר ישראל, זאגט ער אים צו, אז ער וועט דורך לעבן דעם קריג.

אבער נאכן שיסן האבן די רשעים ימ"ש נישט געוואלט אז מ'זאל באערדיגן דעם צדיק רבי ישעי'לע, האבן זיי ל"ע פארברענט גופו הטהור, אבער דער ר' נפתלי האט אפ געווארט, און שפעטער ווען די רשעים זענען אוועק, האט ער צוזאמען גענומען די 'אש' פונעם צדיק רבי ישעי'לע, און עס באערדיגט מיט א מסירת נפש כדת וכדין.

לפלא אפאר טעג שפעטער, קומט צו צו איהם א דייטשער אפיציר, און ער זאגט פאר ר' נפתלי, **אז ביי יענעם און יענעם פלאץ ביים וואנט איז דא א**

**עפענונג, און ער זאל שוין אנטלויפן**, כך הוה דער ר' נפתלי האט געטראפן דעם פירצה אינעם גדר, און ער איז געראטעוועט געווארן בדרך נס ממש, און עד היום הזה פארשטייט ער נישט וואס דארטן איז געווען, **ווייל גדולים צדיקים במיתתם**.

• • •

מען דערציילט, אז זייענדיג אין שטאט קראקא האט מען געזען דאס געוואלדיגע ענווה פון דעם צדיק, און אפילו זייענדיג א גרויסער גדול וגאון און א קדוש אלקי, האט ער בכלל נישט געמאכט פון זיך קיין וועזן.

הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט, אז ווען עס איז געווען דער גרויסע יארצייט פונעם טאטן דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, און דער גאנצער עולם האט זיך געשטיפט צו באקומען ליכט וואס איז געווען א גאר טייערע זאך בימים ההם, האט זיך דער צדיק רבי ישעי'לע אויך געשטיפט צו נעמען ליכט, עס איז אים אפילו נישט בייגעפאלן, **אז פארן צאנזער רב'ס זון וועט מען שוין ברענגען ליכט**.

• • •

**הרה"ק רבי יקותיאל יהודה הלברשטאם מקלויזנבורג זי"ע האט דערציילט**, אז דער צדיק וקדוש רבי ישעי'לע מטשעחויב זי"ע איז ערב סוכות אליין ארויס אין די גאס זיכן א שיינעם אתרוג און לולב, און עס איז אים בכלל נישט איינגעפאלן אז מען וועט אים שוין אלס צאנזער רב'ס זון אינזין האבן מיט די ד' מינים.

• • •

**הרה"ק מטשערנאביל זי"ע האט דערציילט**, אז א איד איז געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק רבי ישעי'לע, אז ער האלט שוין יארן לאנג נאך די חתונה, און ליידער האט ער נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק.

דער צדיק האט אים מבטיח געווען מיט א קינד בקרוב, און כך הוה דער איד איז געהאלפן געווארן מיט א קינד, און ווען עס איז אנגעקומען די טעלעגראם מבשר צו זיין אז דער איד איז געהאלפן געווארן, איז דער צדיק געבליבן זיצן גלייכגילטיג ווי נישט אים מיינט מען, ווייל עס איז געווען ביי אים פארשטענדליך, אז די ישועה איז געקומען אין זכות פון זיין הייליגען טאטן זי"ע און עס האט גארנישט מיט אים.

אויך איז באקאנט, אז ווען מען איז געקומען מזכיר זיין ביים צדיק א חולה, אדער סיי ווען א איד האט געברויכט א ישועה, האט דער צדיק אייביג געזאגט בזה"ל, "**דעם טאטנ'ס זכות זאל מגין זיין**" אדער "**איך וועל גיין צו מיין טאטן און אים בעטן ער זאל זיך דערבארעמען**", און דאן האט מען געוויסט אז מען איז א געהאלפענער.

• • •

**מען דערציילט**, אז א פארפאלק פון די שטאט פאדגורזש איז געקומען צו רבי ישעי'לע מטשחויב זי"ע, און זיך מזכיר געווען און געבעטן ברחמים ביים צדיק, אז זיי האלטן שוין 15 יאר נאך די חתונה, און זיי האבן נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, און זיי ווילן זיך נישט גט'ן, און די פרוי האט פארפירט און געזאגט, **אז זיי גייען נישט ארויס ביז די רבי איז זיי מבטיח א קינד**.

דער צדיק רבי ישעי'לע האט אויפגעמאכט דעם הייליגען ספר דברי חיים פונעם טאטן, און אנגעהויבן מתפלל זיין און געזאגט, **טאטע האסט דאך מיר צו געזאגט, אז ווען איך וועל זיין אין אן עת צרה, וועסטו מיר קומען צו הילף**.

און א קורצע צייט שפעטער רופט זיך רבי ישעי'לע אן מיט א זיכערקייט, "**גייט אהיים, ווייל דער טאטע האט מיר צוגעזאגט אז איר וועט געהאלפן ווערן**", פארשטייט זיך אז די פארפאלק האט זוכה געווען צו זש"ק.

• • •

**הרה"ח רבי משה יהושע צאנגער ז"ל האט דערציילט**, אז זייענדיג אין **באכניא לאגער** צוזאמען מיטן צדיק וקדוש רבי ישעי'לע מטשחויב זי"ע האבן די דייטשן געלאזט וויסן, אז זיי גרייטן זיך פאר א אויסטויש מיט די אליאירטע מדינות, אז זיי וועלן באקומען דייטשע מלחמה געפאנגענע, און זיי וועלן ארויס געבן אמעריקאנע און קאנאדישע בירגער.

און דער רבי משה יהושע האט פארמאגט קאנאדישע בירגער פאפירן, אבער ער האט נישט געוויסט וואס צו טון, איז ער אריבער צו רבי ישעי'לע און אנגעפרעגט וואס ער זאל טון, האט אים רבי ישעיל'ע זי"ע געזאגט בזה"ל, "**און אז מען האט שוין פאפירן אין די האנט, דארף מען שוין לויפן, וואס איז דאס געאייל, עס וועט זיין גוט, וועט**

**דאך זיין נאך א טראנספארט און נאך א טראנספארט**".

פארשטייט זיך אז נאכדעם וואס איך האב באקומען דעם ענטפער פונעם צדיק, האב איך מיט אמונת צדיקים געפאלגט דעם צדיק, און זיך נישט איינגעגעבן אינעם טראנספארט.

עס איז טאקע ארויסגעפארן א טראנספארט פון 83 מענטשן, יעדער האט זיי גאר שטארק מקנה געווען אז זיי גייען באפרייט ווערן פון דעם גיהנום, אבער ליידער האט זיך פון דעם טראנספארט קיינער כמעט נישט צוריק געקערט לעבעדיג, ווייל די רשעים האבן רוב פון די מענטשן ליידער אומגעברענגט, דאן האב איך געזען דעם הייליגען כח פונעם צדיק, און אז ער האט מיך געראטעוועט פון א זיכערן טויט, סוף פון די מלחמה איז דער ר' משה יהושע ז"ל טאקע באפרייט געווארן.

• • •

**איינמאל איז דער הייליגער צדיק רבי ישעי' מטשחויב זי"ע** געפארן מיט א וואגן צום שטאט סאטמאר, און ער איז אן געקומען קיין סאטמאר שפעט ביינאכט, און דער בעל עגלה דער גוי האט געוואלט מער געלט וויפיל דער צדיק האט געהאט, און דער גוי האט אים געוואלט אן הייבן שלאגן, אבער דאן איז ארויס געקומען א איד א גרויסע חסיד פונעם טאטן דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, און ער האט גלייך באצאלט פארן בעל עגלה, אז ער זאל אפלאזן דעם צדיק.

דאן האט ער דערציילט פאר רבי ישעי'לע זי"ע די גאנצע מעשה, אז אינמיטן שלאפן, איז דער טאטע דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע געקומען אין חלום, און האט אים דערוועקט און געהייסן, **אז ער זאל שנעל ארויס גיין און ראטעווען זיין באליבטע זון רבי ישעי'**, אזוי ווי דער צדיק רבי ישעי'לע האט געהערט די ווערטער, האט ער זיך גאר שטארק מצער געווען, **אז ער האט אזוי מטריח געווען זיין הייליגען טאטן מעולם העליון, האט ער די גאנצע נאכט געזאגט תהילים מיט בכיות נוראות ביז אינדערפרי**.

• • •

**הרה"ח ר' אלימלך טויבער פון ארץ ישראל האט אמאל דערציילט** א מעשה וואס ברענגט ארויס דעם גרויסן חביבות וואס דער צדיק וקדוש רבי ישעי' מטשחויב זי"ע האט געהאט צו ארץ ישראל, דער ר' אלימלך איז אמאל געפארן קיין אירופה, און ער איז דאן געפארן קיין מארינבאד, כדי ער זאל זוכה זיין צו זעהן דארט די צדיקי הדור וואס זענען דארט געקומען זיך אביסל אפריען אין מארינבאד.

האט ער דארט געטראפן דעם צדיק וקדוש רבי ישעי'לע מטשחויב זי"ע, און ווען ער האט געגומען שלום פונעם צדיק, און זיך פאר געשטעלט אז ער איז פון ארץ ישראל, האט אים דער צדיק געפרעגט אויף זיין קאפטן וואס דאס איז, האט ער געזאגט פארן צדיק, אז דאס איז דער לבוש מיט וואס מען גייט אין ארצנו הקדושה, דער צדיק פון גרויס חביבות האט געבעטן פון דעם איד, **אז ער וויל קויפן דעם מלבוש**.

דערציילט ר' אלימלך, אז דער קאפטן איז שוין געווען אינגאנצן צוריסן, אבער דער צדיק האט דאס געקויפט פון אים פאר א גרויסע סכום געלט, אלעס מיט זיין גרויסע חביבות צו ארץ ישראל, און ווען רבי אלימלך איז אריין צום צדיק מיט א קוויטל, האט דער צדיק בשום אופן נישט געוואלט נעמען קיין פדיון, נאר אדרבה ער האט מיר אהין געגעבן א שיינעם סכום געלט, **אלעס פון גרויס חביבות צו ארץ ישראל**.

• • •

**מען דערציילט א מעשה נפלא** וואס איז פאר געקומען ביים צדיק וקדוש רבי ישעי'לע מטשחויב זי"ע, איינמאל האט פאסירט, אז א איד וואס האט געהאט א בעקעריי און א שטאט, און א גויטע פון שטאט האט ארויס געלאזט א שמיעה אין שטאט, אז דער איד פארקויפט סחורה נישט ערליך, נאר ער געט וויניגער ווי ער זאגט און ער גנב'עט פונעם עולם.

פארשטייט זיך אז די גוים פון שטאט און די רעגירונג האט זיך אויף דעם ארויף געכאפט, און מען האט באשטימט א טאג פאר א געריכט אויף דעם איד, דאן האט זיך איינע פון די משפחה דערוויסט, אז דער צדיק וקדוש רבי ישעי'לע מטשחויב זי"ע פארט יעצט דורך מיט די באן דעם שטאט, איז דער קרוב גלייך אריבער געלאפן צום באן, און אזוי ווי דער צדיק איז אנגעקומען, האט דער איד מזכיר געווען די צרה וואס האט פאסירט ביי זיין קרוב, און ער האט געבעטן אז דער צדיק

זאל פועל'ן א ישועה פאר דעם איד, האט דער צדיק אנגעוואונטשן און געזאגט, "**די גויטע אליין וועט זיין די ישועה פאר דעם איד**".

לפלא ווען עס איז געקומען די געריכט, האט דער שופט ארויף געריפן די מרשעת, און ער האט אנגעהויבן אויס פרעגן שאלות, און דאן האט ער געפרעגט די גויטע, אויב די ברויט וואס זי האט געקויפט איז געוועו פריש, די גויטע וואס האט געוואלט צו לייגן נאך שלעכטס אויף דעם איד, האט זי געזאגט, אז די ברויט איז אפילו נישט געוועו פריש, האט דער שופט געזאגט פאר איר, אזוי די ברויט איז נישט געוועו פריש, איז דאס דאך די סיבה פארוואס די ברויט האט געוואויגען וויינגער, ווייל אלטע ברויט וועגט נישט אזויפיל, און דער איד איז טאקע באפרייט געווארן, **ממש ווי דער צדיק האט געזאגט, אז די ישועה וועט נאך קומען דורך די גויטע אליין**.

• • •

**הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט**, אז זיין רבי הרה"ק רבי חנה מקאלשיץ זי"ע איז געוועו שטארק מקושר צום צדיק רבי ישעי'לע מטשחויב זי"ע, עד כדי כך אז ער האט זיך געהאלטן אלס א תלמיד פינעם צדיק מטשחויב, שבת שירה פלעגט דער הייליגער קאלאשיצער זי"ע פארן צום צדיק מטשחויב אלס תלמיד און חסיד,

אויך פלעגט דער צדיק רבי חנה מקאלאשיץ פארן א צווייטע שבת קיין קראקא, און דאן פלעגט ער דארט פירן א טיש, אבער ער פלעגט יעדעס מאל מאכן זיכער צו ענדיגן די טיש פריער, כדי ער זאל נאך קענען גיין צום שולחן הטהור פון רבי ישעי'לע מטשחויב זי"ע.

איינמאל האט איינע פון די חסידים געפרעגט דעם צדיק רבי חנה מקאלשיץ זי"ע, אויב ער זעהט אין דעם צדיק רבי ישעי'לע מטשחויב זי"ע אלס זיין רבי, האט דער צדיק רבי חנה מקאלשיץ זי"ע געזאגט בזה"ל, "**ערשטנס שטייט אין זוהר הקדוש "ברא מחא דאבוהי", און אויב איר פרעגט מיך וועל איך אייך זאגן אז, בפנימיות דפנימיות עולה הוא על יתר אחיו**", ובסוד קדושים מי יעמוד.

• • •

**הרה"ח ר' אברהם לאנגזאם ע"ה האט דערציילט**, אז איינמאל איז דער צדיק הרה"ק רבי ישעי'לע מטשחויב זי"ע געוועו אויף א שבת אין שטאט **מישלעניץ**, מוצאי שבת האט דער בעל אכסניא דערציילט פארן צדיק, אז קומענדיגע וואך מאנטאג וועלן זיך ברויכן אפאר בחורים באבוב חסידים שטעלן צו די מיליטער, האט דער צדיק געהייסן מען זאל די אלע בחורים ריפן צו אים, און דאן האט דער צדיק גענומען די האנט פון יעדן בחור.

און אזוי האלטענדיג די האנט האט דער צדיק פאר יעדן געזאגט עפעס אנדערש, פאר איינעם האט ער געזאגט, "**באבובער בחורים זיצן און לערנען אין ישיבה**", פאר איינעם האט ער געזאגט, **אז ער וועט ברויכן זיך שטעלן צו די מיליטער א צווייטע מאל**, **אבער דאן וועט ער באפרייט ווערן**, און פארן אנדערן בחור האט ער געזאגט, **אז ער וועט גלייך באפרייט ווערן**, לפלא אזוי ווי דער צדיק האט פאר געזאגט האט פאסירט.

• • •

**הרה"ח ר' יחיאל טווערסקי ע"ה האט דערציילט**, אז זיין מאמע ע"ה ווען עס איז איר געבוירן געווארן דאס ערשטע קינד איז זי געוועו אין א סכנה עד כדי כך אז די דאקטורים האבן געהאט אויף געגעבן אויף די מאמע, האט דער טאטע גענומען א וואגן און מיט גענומען א דאקטער אויפן וועג, און איז געפארן גלייך קיין טשחויב צום צדיק וקדוש רבי ישעי'לע מטשחויב זי"ע.

אנקומענדיג ערב שבת קודש צום צדיק איז די מצב געוועו גאר שווער ביי די מאמע, דער צדיק האט געהאט גרויס צער פינעם מצב די גאנצע צייט, שבת קודש ביים טיש, ווען דער צדיק איז אנגעקומען ביי די זמירות צו די ווערטער, **וְהָסֵר מִמֶּנִּי וּמִכָּל בְּנֵי בֵיתִי וּמִכָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל כָּל מִינֵי חֹלִי**, האט דער צדיק געהאלטן און איין איבער זאגן די ווערטער, און פארגאסן טייכן טרערן, לפלא ווי מער דער צדיק האט געוויינט איז אלס בעסער געווארן פאר די מאמע, **ביז סוף זמירות איז די מאמע שוין געוועו געזונט און שטארק**.

• • •

**אינעם ספר תולדות יצחק ווערט געברענגט די מעשה**, א איד איז אמאל אריינגעקומען צום צדיק רבי ישעיה'לע מיט גרויס געוויין, זיין קינד איז געוועו גאר קראנק אין שפיטאל אין שטאט

קראקא, און די גרויסע דאקטוירים האבן שוין געזאגט אז עס איז נישטא קיין האפענונג רח"ל.

דער צדיק רבי ישעי'לע האט גענומען דעם קוויטל, געקוקט דעריין מיט גרויס דביקות, און געזאגט מיט א פשטות, "**די דאקטוירים זאגן אזוי, אבער דער אייבערשטער איז דער איינציגער רופא כל בשר, נעם דאס קינד אהיים, גיט אים צו עסן דעם פארשריבענעם מאכל, און מיט דעם אייבערשטנס הילף וועט ער האבן א רפואה שלימה**", דער פאטער האט געהאלטן דעם צדיק'ס ווארט, און נאך אפאר טעג זענען די דאקטוירים געווען ממש ערשטוינט צו זען ווי די קראנקייט איז אינגאנצן פארשוואונדן.

• • •

**אינעם ספר תולדות יצחק ווערט דערציילט**, אז א חסיד וואס האט שוין געהאלטן עטליכע יאר נאך די חתונה און נאכנישט געהאט קיין קינדער, איז ער געקומען צו רבי ישעיה'לע מיט א צובראכן הארץ, און ער האט זיך גאר שטארק אויסגעוויינט פארן צדיק און געבעטן א ברכה, אז ער זאל שוין געהאלפן ווערן מיט א קינד.

דער צדיק רבי ישעיה'לע האט אים אויסגעהערט מיט זיין גרויס רחמנות, זיך פארטראכט אפאר מינוט, און אים געזאגט, "**גיי אהיים מיט אמונה, און ביז א יאר פון היינט וועסטו האבן א געזונט קינד**", דער איד איז אהיים מיט גרויס אמונת צדיקים און באמת געגלייבט דעם צדיק'ס ווארט, און פונקטליכקייט א יאר שפעטער איז אים געבוירן געווארן א געזונט אינגעלע.

• • •

**אין ספר עטרת יצחק ווערט דערציילט**, אז א איד וואס פלעגט כסדר פארן אויף די וועגן פאר זיינע געשעפטן און פרנסה, פלעגט יעדעס מאל בעפאר ער איז ארויסגעפארן קומען נעמען א ברכה פונעם צדיק, איין טאג איז דער חסיד אריינגעקומען צום צדיק רבי ישעי'לע נעמען א ברכה איידער ער גייט ארויס אויפן וועג.

דער צדיק רבי ישעי'לע האט אים געגעבן א מטבע פאר צדקה און געזאגט, "**האלט דעם מטבע אין טאש און פאר געזונטערהייט, דער אייבערשטער וועט דיך היטן פון יעדן שלעכטס**", אויפן וועג פארענדיג מיטן באן, איז די באן רח"ל אראפ פון די רעלסן, אין עס האט פאסירט א שרעקליכע עקסידענט, רוב רייזענדע זענען פארוואונדעט געווארן, **אבער דער איד איז ארויסגעקומען גאנץ און קיין איינציגע קריץ**, און ער האט דערציילט פאר אלעמען **אז עס איז נאר געווען אין זכות פון דעם צדיק'ס ברכה**.

• • •

**אינעם קובץ מגדל עוז ווערט דערציילט**, אז א איד איז אמאל געווען אין א גאר שווערע מצב מיט פרנסה, און ער האט געהאט א גרויסן חוב וואס ער האט געמוזט באצאלן ביז א געוויסן טאג, אנדערש וואלט מען אים ארויסגעווארפן פון זיין שטוב.

מיט זיין ביטערע מצב איז ער געקומען צום צדיק רבי ישעי'לע און זיך אויסגערעדט פארן צדיק אויף זיין שווערן מצב, דער צדיק רבי ישעי'לע האט אים געזאגט, "**פאר אהיים געזונטערהייט און האב אמונה אינעם גרויסן באשעפער, און איידער די שעה פון צאלן וועט אנקומען, וועט דער אייבערשטער שיקן זיין הילף**", א טאג פארן טערמין איז א פרעמדער איד געקומען צו זיין שטוב, און אים אנגעבאטן א גוטע געשעפט, וואס האט אים אריינגעברענגט פונקט די סכום וואס ער האט געדארפט צו באצאלן דעם גאנצן חוב.

• • •

**אינעם ספר אלה אזכרה ווערט דערציילט**, אז אין די שווערע צייטן אין **באכניע געטא**, ווען עס איז געווען א סכנת נפשות ממש צו האלטן אידישקייט, האט דער צדיק וקדוש רבי ישעי'לע מטשחויב זי"ע זיך אפגעגעבן מיט א מורא'דיגע מסירות נפש צו באקן מצות אויף פסח פאר זיך און אויך פאר די אידן וואס זענען געווען צוזאמען מיט אים אין לאגער.

ער האט זיך איינגעשטעלט זיין לעבן צו שאפן ביסלעכווייז טאג נאך טאג אביסל ווייץ און באקן כשר'ע מצות מצוה, ווען מען האט אים געפרעגט וויאזוי ער שטעלט זיך איין דאס לעבן צו באקן די מצות, האט ער געענטפערט מיט א מורא'דיגע פשטות, "**איך קען נישט עסן חמץ אים פסח, און איך וויל מזכה זיין נאך אידן צו האבן א כשר'ע כזית מצה**", ווייל ביי דעם צדיק איז א מצוה געווען דאס לעבן און גארנישט עפעס אויסער דעם האט דעם צדיק נישט אינטערסירט.

• • •

**אינעם קובץ זכור אבות ווערט דערציילט**, אז אידן וואס זענען געווען צוזאמען מיט דעם צדיק רבי ישעי'לע אינעם לאגער האבן דערציילט, אז אפילו אין די טונקלסטע טעג אין די לאגערן און געטאס, ווען מען האט נאר געקענט, האט דער צדיק כסדר געזוכט צו טון מצוות מיט א מסירות נפש.

אידן חסידים פונעם צדיק רבי ישעי'לע האבן באזארגט אביסל אויל און פאדעם, און דער צדיק רבי ישעיה'לע האט צינדן חנוכה ליכט מיט גרויס מסירת נפש בשעת די רשעים די דייטשן ימח שמם האבן זיך געדרייט ממש אונטער די פיס.

בשעתן צינדען האט זיין פנים געלויכטן מיט א הימלישע לעכטיקייט און מיט א גרויסער דביקות, און ער האט געגעבן גרויס חיזוק און אמונה פאר אלע אידן ארום אים, נישט צו פאלן אין יאוש נאר האבן אמונה אינעם גרויסן באשעפער.

• • •

**אינעם קובץ אהלי שם ווערט דערציילט**, אז אידן וואס זענען געווען מיטן צדיק אין לאגער און האבן מיט גרויסע ניסים זיך געראטעוועט, האבן דערציילט נאך די מלחמה, אז יום כיפור אין געטא האט דער צדיק רבי ישעי'לע געדאווענט מיט די לעצטע כוחות פון טיפן הארצן.

ער האט געהאלטן אין איין מחזק זיין די ארומיגע אידן אז דער אייבערשטער הערט אלע תפילות און מיט מיט בכיות נוראות און ביטערע טרערן האט דער צדיק איינגעריסן פאר כלל ישראל, און אפילו ווען ער איז געווען נישט אזוי געזונט און אפגעשוואכט, האט ער נישט מוותר געווען אויף קיין שום מנהג אדער תפילה וואס ער האט נאר געקענט, און האט מקדש געווען שם שמים ביז דער צדיק איז אומגעקומען על קידוש השם ג' תמוז בשנת תש"ג.

• • •

**אינעם ספר רבינו הקדוש מצאנז ווערט געברענגט**, אז נאך אלס גאר יונגער בחור אין צאנז, איידער זיין פאטער דער הייליגער דברי חיים איז נסתלק געווארן, איז רבי ישעי'לע געווען באקאנט מיט זיין אויסערגעוויינטלעכער התמדה, ער פלעגט זיצן שעה'ן לאנג מיט א גמרא אדער א ספר און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה אן א אויפהער.

די גרויסע צאנזער יושבים און תלמידים האבן זיך געוואונדערט אויף זיין טיפן הבנה אין ש"ס און פוסקים, און זיין גרויסע ברודער דער הייליגער שינאווער רב זי"ע, האט אים איינמאל געפרעגט א שווערע קושיא אין א רמב"ם, און דער יונגער רבי ישעי'לע האט אים געענטפערט א תירוץ און א פשט מיט א געוואלדיגע קלארקייט, און דער הייליגער שינאווער רב האט זיך אויסגעדריקט, "**אז ער האט א לעכטיגע קאפ און א גרויסן עתיד אין תורה**".

• • •

**אינעם קובץ כרם שלמה ווערט דערציילט**, אז אפילו ווען ער איז שוין געווען א בארימטער רב און רבי אין שטאט טשעחויב, און שפעטער אין די גרויסע שטאט קראקא, וואו טויזנטער מענטשן זענען געקומען נאך זיין הילף און ברכות, האט ער נישט אויפגעהערט פון זיין סדר הלימוד.

מקורבים האבן דערציילט אז שפעט ביינאכט, ווען אלע מענטשן זענען שוין אהיים געגאנגען און די שטוב איז געווארן רואיג, פלעגט דער צדיק רבי ישעי'לע פארמאכן די טיר און זיצן און לערנען בהתמדה רבה ביז די פריערדיגע שעה'ן פון דער צופרי, און דער צדיק פלעגט כסדר זאגן, "**אז דאס לערנען תורה איז זיין גרעסטע חיות און תענוג**".

• • •

**אינעם ספר אלה אזכרה ווערט דערציילט**, אז אידן וואס זענען געווען מיט אים אין די יארן פון די קריג האבן דערציילט מיט התפעלות, אז אפילו ווען עס איז געווען גאר שווער און מען האט געמוזט זיך באהאלטן, האט ער געזוכט יעדן אופן צו קענען חזר'ן זיין לערנען, ער האט געקענט גאנצע מסכתות אויסנווייניג, און ווען ער האט נישט געהאט קיין ספרים ביים האנט, פלעגט ער זיצן און חזר'ן משניות און גמרא פון זיין זכרון מיט גרויס חשק און אהבת התורה, כדי נישט אריבערצוגיין קיין איין מינוט אן תורה.

• • •

**אינעם קובץ אור תורה ווערט דערציילט די מעשה**, אז א איד א סוחר איז איינמאל פארמישט געווארן אין א שווערן מסירה דורך די גויאישע מאכט, און מען האט אים געסטראשעט מיט יארן אין תפיסה, די אדוואקאטן האבן געהאלטן אז די

מצב איז גאר שוואך און עס איז כמעט נישטא קיין אויסוועג, דער סוחר איז געקומען צו לויפן צום צדיק רבי ישעי'לע מיט גרויס שרעק, און ער האט דערציילט פארן צדיק די גרויסע צרה וואסווארט אים ח"ו אפ.

דער צדיק וקדוש רבי ישעי'לע האט דעם איד אויסגעהערט מיט זיין גרויס רחמנות און מיטגעפיל, דאן האט דער צדיק גענומען דעם קוויטל מיט די נאמען, און געזאגט מיט א פשטות, "**גיי צום משפט אן קיין שום פחד, דער אייבערשטער וועט אומקערן די הארץ פון דעם שופט, און דו וועסט ארויסגיין פריי**", לפלא דעם טאג פונעם משפט האט זיך דער שופט פלוצלונג אנגעהויבן פירן צו דעם איד גאר אנדערש ווי געוויינטלעך, ער האט אפגעווארפן אלע טענות פון די מוסרים, און האט דעם איד באפרייט.

• • •

**אינעם קובץ כרם שלמה ווערט דערציילט די מעשה**, א איד איז נעבעך געלעגן אין בעט מיט א שווערע פיבער וואס די דאקטוירים האבן נישט געקענט אפשטעלן, די משפחה איז געווען אינגאנצן צעבראכן פון די מצב פונעם חולה, זיין ברודער איז געלאפן צום צדיק וקדוש רבי ישעי'לע מטשעחויב זי"ע, און האט מזכיר געווען דעם חולה און געבעטן אז דער צדיק זאל איינרייסן פארן חולה און ברענגען א רפואה שלימה.

דער צדיק רבי ישעיה'לע האט פארן ברודער פונעם חולה געגעבן א שטיקל שיריים פונעם שבת'דיגן קוגל און געזאגט, "**גיב דאס צו עסן פארן חולה, און מיט דעם אייבערשטנס הילף וועט די פיבער אראפגיין**", דער איד איז גלייך אריבער געלאפן צום שטוב פונעם ברודער, און כאטש דער חולה האט שוין עטליכע טעג נישט געקענט אריינעמען קיין עסן אין מויל, האט ער מיט גרויס אמונה געגעסן דעם שטיקל שיריים, **און נאך א קורצע צייט איז די פיבער אינגאנצן אראפגעפאלן, און ער איז געווארן אינגאנצן געזונט**.

• • •

**אינעם ספר זכרונם לברכה ווערט דערציילט**, אז א איד וואס האט פארלוירן זיין גאנצע געלט אין א שווערן געשעפט, איז געקומען צום צדיק רבי ישעי'לע מטשחויב זי"ע, און האט זיך אויסגערעדט צום צדיק איבער זיין שווערע מצב פרנסה, אז ער האט שוין ליידער פארלוירן זיין גאנצע פארמעגן און ער האט ממש נישט מיט וואס צו שפייזן זיין פאמיליע, דער צדיק האט דעם איד אויסגעהערט מיט זיין גרויס רחמנות און אהבת ישראל.

דאן האט דער צדיק רבי ישעי'לע האט אים געזאגט, "**איידער דו זוכסט א נייע געשעפט, נעם דיין לעצטע מטבע און גיב עס פאר צדקה פאר א ארימאן מיטן גאנצען הארץ, און דער אייבערשטער וועט דיר אי"ה בקרוב עפענען נייע טירן**", דער איד האט אזוי געטון, און באלד נאכדעם האט ער זיך באקענט מיט א נייעם שותף וואס האט אים אנגעבאטן א גוטע געלעגנהייט, און אין א קורצע צייט האט ער צוריק פארדינט זיין גאנצע פארמעגן מיט ריווח, און האט שטארק מצליח געווען אין זיינע געשעפטן.

**יארצייט ד' אלול**

**הרה"ק רבי ישעי' ב"ר מאיר זי"ע, (וולטפרייד)**
**בעל דברות חיים, ראש שושלת פשעדבורז**

ער איז געבוירן אין שטאט לאסק, **בשנת תקי"ח**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי מאיר מלאסק** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי אליקים געץ אב"ד בלאסק** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי מאיר** זי"ע,
ולמעלה בקודש ביז הגה"ק **רבי אליקים געץ בעל אבן השוהם** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת פייגא'לע** ע"ה.

בימיו פונעם רבין האט די ממשלה געהייסן, אז יעדע משפחה דארף האבן א משפחה נאמען, ווען מען האט דעם רבין געפרעגט וואס זיין נאמען זאל זיין, האט ער געזאגט מיין משפחה נאמען זאל זיין "**שמחת עולם**" וואס מיינט "**וועלט פרייד**".

ער איז געווען א גאון עולם און א למדן עצום בתורה און א איש קדוש ונורא מאוד, גדולים און צדיקים בדורו האבן דעם צדיק גאר שטארק מכבד געווען, ער איז געווען באוויסט אלס א גרויסע גאון בתורה און א געוואלדיגע קדוש, זיין עבודת הקודש איז געווען מיט א געוואלדיגע התלהבות דקדושה, אויך איז ער געווען באוויסט אלס א בעל רוח הקודש אמיתי, און א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, טויזענטער אידן האבן זיך מדבק געווען אין דעם צדיק און זיך געקומען מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק.

ווען א איד איז געקומען מזכיר זיין ביים רבין א חולה אדער א מקשה לילד, האט דער צדיק געהאט א מנהג, צו לערנען א פלפול בהלכה אין דעם ענין וואס מען איז געקומען מזכיר זיין, און דורך דעם האט דער צדיק ממשיך געווען א ישועה פאר דעם איד.

ווען דער צדיק איז נאך געווען גאר יונג איז זיין טאטע נסתלק געווארן, אבער אפילו זייענדיג א יונג קינד און א יתום, האט ער זיך איינגעווארפן אין תורה, און אפילו נאך גאר יונג איז ער שוין געווען באוויסט אלס א גדול בתורה ועבודת השם, און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה.

ער האט אנפאנג געלערנט און געווען פון די תלמידים מובהקים פון הגה"ק **רבי פינחס זעליג בעל עטרת פז מלאסק** זי"ע, און ער איז געווען זיין רבי בתורת הנגלה.

בשנת תקל"ב ווען ער איז געווען בערך 15 יאר אלט, האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת נעכא** ע"ה,
בת **הגביר מוה"ר דן לעווענבערג מפשעדבורז** ז"ל.

נאך די חתונה איז ער געזעצן על התורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער איז געווען אויסגעטון פון עולם הזה, און עוסק געווען נאר בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, זיין שווער זייענדיג א גביר האט דעם איידעם אויס געהאלטן מיט אלעם וואס ער האט געברויכט, נאר כדי דער איידעם זאל קענען נאר עוסק זיין בתורה.

דארט אין שטאט **פשעדבורז** האט דער שווער מייחד געווען א שטוב ספעציעל פארן איידעם, אז ער זאל קענען לערנען תורה אן קיין שטער, דארט האט ער געלערנט ביי זיין רבין הגה"ק **רבי ארי' לייב בעל חידושי מהר"א אב"ד אפטא** זי"ע, און דארט אין ישיבה האט ער געלערנט בחברותא מיט הרה"ק **רבי יעקב יצחק היהודי הקדוש מפשיסחא** זי"ע.

מען דערציילט, אז די שטאט איז דאן נאך געווען פיל מיט מתנגדים, האט דער שווער געלאזט אויפשטעלן א מקו', וואס איז געווען באהאלטן, אז דער איידעם וואס האט זיך שוין דאן פארעכנט אלס א חסיד, זאל זיך דארט אונעם מקו' קענען מקדש ומטהר זיין, אבער אן דעם וואס די מתנגדים זאלן וויסן פון דעם.

דארט האבן די צוויי חברים עוסק געווען בתורה ועבודת השם יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, די רבי זייערע האט די צוויי תלמידים גאר שטארק מעריץ געווען און באוואונדערט זייער חכמת התורה און גדלות און חריפות בתורה, די רבי פלעגט גאר שווערער שאלות שיקן צו די צוויי תלמידים, און די פסק פון די תלמידים האט די רבי אנגענומען, און די רבי האט גאר שטארק משבח געווען דאס גדלות

בזה"ל, "**אין הדור יתום שיש בו תלמידי חכמים כיעקב יצחק וישעי', הלומדים תורה לשמה וזוכים לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא**".

שפעטער זענען די צוויי גדולים אריבער צום שטאט **ליסא**, וואס איז דאן געווען א עיר מלאה חכמים גאונים וצדיקים, דארט האבן די צוויי געלערנט אין די ישיבה המפורסמת פון הגה"ק **רבי דוד טעביל אב"ד ליסא** זי"ע, און דארט זענען די צוויי גאר שנעל באוויסט געווארן, מיט זייער גדלות בתורה און מען האט זיי גאר שטארק מכבד געווען, אויך האט דארט אין ישיבה דאן געלערנט דער גרויסער גאון הגה"ק **רבי עקיבא איגר** זי"ע, און ער האט געהאט א גאר נאנטע קשר מיט רבי ישעי'לע מפשדבורז זי"ע.

דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט געהאט א תלמיד חביב, הרה"ק **רבי דוד'ל מלעלוב** זי"ע, וואס האט געהערט פון די צוויי גדולים בתורה וואס לערנען אין שטאט פשעדבורז, און זיין רבי דער חוזה האט אים זייער געבעטן, אז ער זאל די צוויי מקרב זיין צו אים.

איז רבי דוד'ל געפארן קיין פשעדבורז, ווען ער איז אריין געקומען אין ביהמ"ד, זענען די צוויי גדולים געזעצן און עוסק געווען אין א סוגיא, און עס איז זיי שווער געווארן א קשיא, וואס די צוויי גאונים האבן נישט געקענט טרעפן דעם תירוץ, איז דער חבר רבי יעקב יצחק מפשיסחא זי"ע צו געגאנגען צום ספרים שאנק צו אפירזיכן א ספר וואס קען העלפן פארשטיין דעם סוגיא.

דאן האט אים רבי דוד'ל געזאגט, **אויב קען מען נישט דעם הייליגען חוזה מלובלין, דאן קען מען נישט פארשטיין דעם פשט אין די גמרא**, אבער דער יוד הקדוש האט זיך נישט צוטון געמאכט פון די ווערטער, און ווען רבי ישעי'לע איז דאן געקומען צום ספרים שראנק, האט אים רבי דוד'ל געזאגט די זעלבע ווערטער, אבער זיי ביידע האבן זיך נישט צוטון געמאכט פון די ווערטער, נאר זענען צוריק געגאנגען עוסק זיין אין לערנען, אבער לפלא האבן זיי נישט געקענט פאר ענטפערן דעם קשיא וואס זיי האבן געהאט, און די ווערטער פון רבי דוד'ל האט געמאכט א שטארקע רושם אויף זיי, אבער זיי האבן נישט געקענט טרעפן רבי דוד'ל.

דעם קומענדיגע טאג האבן זיי געטראפן דעם רבי דוד'ל לעלובער, און זיי האבן געבעטן אז ער זאל זיי דערציילן מער איבער די גדלות פונעם חוזה און זיי טראגן צום חוזה, האט זיי רבי דוד געזאגט, אז ער איז גרייט זיי צו נעמען צום רבין, אבער קודם דארפן זיי זיך פארטיפן און דערגרינטעווען איבער דעם שורש נשמה פונעם הייליגען חוזה מלובלין.

א גאנצן טאג האבן זיך די צוויי פארטיפט אין זייערע הייליגע מחשבות, ביז זיי זענען דערגאנגען אז די נשמה פונעם הייליגען חוזה מלובלין איז בשורשו פון **רבי יוסי הכהן פון די משנה**, ערשט דעמאלט האט רבי דוד'ל זיי באוויליגט צו נעמען קיין לובלין.

אנקומענדיג ביים הייליגען חוזה האבן זיי באגעגענט א געהויבענע איד רבי פרץ פון ארץ ישראל, וואס ער האט זיך דאן פונקט געזעגנט פונעם חוזה, האבן זיי געהערט ווי דער חוזה פרעגט דעם איד רבי פרץ, צו אמאל גייט ער אין ארץ ישראל פוקד זיין ציונים פון די הייליגע תנאים, האט ר' פרץ געזאגט אז יא, האט אים דער חוזה געפרעגט, **אויב ער גייט פוקד זיין דעם ציון פון דעם תנא רבי יוסי הכהן, האט דער איד געענטפערט אז יא**.

דאן האט דער הייליגער חוזה געפרעגט דעם ר' פרץ, אויב ער ווייסט פארוואס ער פרעגט דווקא אויפן קבר פון רבי יוסי הכהן, און דער חוזה האט תוך כדי דיבור אליין געזאגט, **אז דאס איז ווייל ער דער חוזה איז בשורשו די נשמה פון רבי יוסי הכהן**.

דאן האט דער הייליגער חוזה שלום געגעבן פאר די צוויי געהויבענע יונגעלייט וועלכע האבן זיך דאן איבערצייגט דעם אפענעם רוח הקודש פונעם הייליגען חוזה לובלין, און ביידע זענען דאן שוין געבליבן תלמידים נאמנים פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע.

לגבי דאס דביקות וואס דער צדיק רבי ישעי' מפשעדבורז זי"ע האט געהאט, צו זיין רבין דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, דערציילט מען, אז דער רבי ישעי' האט אמאל זיך אויסגעדריקט בזה"ל, "**במשך 22 יאר האב איך נאך געקוקט מיין רבין דעם חוזה אויף יעדע טרוט און תנועה, און איך האב געזען, אז דער רבי איז יעדע נאכט אויף**

**געשטאנען בדיוק ביי חצות, נישט א מינוט פריער און נישט א מינוט שפעטער**".

און מען דערציילט אז ווען דער תלמיד פונעם חוזה הרה"ק היהודי הקדוש מפשיסחא זי"ע איז נסתלק געווארן, האט הרה"ק רבי מרדכי מטשרנוביל זי"ע געפרעגט פונעם חוזה, ווי אזוי האט די רבי געלאזט אזא גרויסע תלמיד נפטר ווערן פון די וועלט און איבער געלאזט די תלמידים אן זייער רבי, האט דער הייליגער חוזה געזאגט, **עס איז דא איינער בדומה לו, און דאס איז הרה"ק רבי ישעי' מפשעדבורז זי"ע וואס זיין אור התורה שיינט מסוף העולם עד סופו**, און דער הייליגער חוזה מלובלין פלעגט רופן דעם תלמיד רבי ישעי'לע "**מיין ספרים שאנק**", וויבאלד ער איז געווען א גרויסע בקי אין אלע מקצועות התורה בנגלה ובנסתר.

בשנת תקמ"ח האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין שטאט **פשעדבורז**, דארט האט די רבי אנגעהויבן פירן זיין רבנות, הונדערטער אידן זענען געקומען נעמען א ברכה פון דעם צדיק און הונדערטער אידן זענען געהאלפן געווארן מיט גרויסע ישועות למעלה מדרך הטבע דורך די ברכה פונעם צדיק, אויך איז מען געקומען זען די הייליגע עבודה וואס דער צדיק האט אראפ געלייגט.

דערציילט מען, ווי אזוי דער הייליגער רבי ר' ישעי'לע איז געווארן רב אין שטאט פשעדבורז, בעפאר אים איז געווען רב אין שטאט הגה"ק **רבי נטע אייבושיץ** זי"ע, דער זון פון הגה"ק **רבי יונתן אייבושיץ** זי"ע, און נאכן פטירה איז דער צדיק וקדוש רבי ישעי'לע געזעצן און עוסק געווען בתורה יומם ולילה דארט אין ביהמ"ד אין שטאט פשעדבורז.

איין נאכט איז צו אים געקומען אין חלום דער גאון הגה"ק רבי נטע אייבשיץ זי"ע און זאגט אים, איך געב דיר איבער דאס רבנות אין שטאט, כך הוה דעם קומענדיגן טאג האבן די בני הקהלה אין שטאט אויף גענומען דעם רבין אלס רב אין שטאט פשעדבורז.

ער האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים און פון זיין ישיבה זענען ארויס געקומען גרויסע גדולים און צדיקים ובתוכם.

הרה"ק **רבי יוסף ברוך אפשטיין דער גוטער איד מניישטאט** זי"ע,
הרה"ק **רבי שלמה הכהן רבינוביץ בעל תפארת שלמה מרדומסק** זי"ע,
הרה"ק **רבי אלעזר מקוזניץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי דוד יצחק ברומברג מפיעטרקוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי יעקב מווידאמא** זי"ע,
הרה"ק **רבי אהרן הלוי עפשטיין מקראקא** זי"ע,
הרה"ק **רבי משה בידרמאן מלעלוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי יצחק שלמה מזעליחוב** זי"ע,
בנו הרה"ק **רבי עמנואל מווארשא** זי"ע.

אויך איז ער געווען גאר שטארק בידידות מיט גדולים און צדיקים בדורו, וואס אלע האבן גאר שטארק מעריץ געווען דעם צדיק מיט זיין געוואלדיגע קדושה און זיין עבודת השם, וואס איז געווען מיט א אש להבה, דער צדיק האט געדינט דעם באשעפער מיט א געוואלדיגע התלהבות, ובתוכם זענען געווען גרויסע צדיקי הדור ובתוכם.

הרה"ק **רבי ישכר דוב בער בארון הסבא קדישא מראדושיץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי דוד מלעלוב** זי"ע, וואס דער הייליגער רבי ישעי'לע האט געזאגט אויף רבי דוד'ל, **אז ווען משיח וועט קומען וועט רבי דוד'ל זיין דער דיין פאר משיח**.

הרה"ק בעל אור לשמים מאפטא זי"ע האט זיך אמאל אויס געדריקט, **אז דער צדיק רבי ישעי' מפשעדבורז זי"ע האט די נשמה פון ישעי' הנביא ע"ה**.

בשנת תקס"ב האט די רבי זוכה געווען, אז עס איז אים געבוירן געווארן א בן זכר, און דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט געהייסן מען זאל דעם קינד א נאמען געבן **עמנואל** "**עמנו קל**", אלס א סגולה פאר **אריכת ימים**, ווייל די רבי האט ליידער פארלוירן אפאר קינדער יונגערהייט.

בשנת תקע"ה תשעה באב ווען זיין רבי דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע איז נסתלק געווארן, האבן אסאך תלמידים פון דעם חוזה און אויך אסאך אידן פין פולין אנגעהויבן זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, ער איז דאן פארעכנט געווארן צווישן די גרעסטע רבנים אין גאנץ פולין.

דער צדיק האט געהאט א געוואלדיגע אהבת ישראל, און ליב געהאט יעדן איד מיט א געוואלדיגע אהבה, ער האט מליץ יושר געווען אויף יעדן איד אפילו אויף אידן וואס זענען געווען גאר שוואך אין אידישקייט.

איינמאל האט דער צדיק געטייטשט דעם פסוק (דברים י"ד א'), **בָּנִים אַתֶּם לַד' אֱלֹקֵיכֶם**, וואס חז"ל זאגן (ראש השנה כ"ה), אויפן פסוק **אֵלֶּה מוֹעֲדֵי ד' מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם בְּמוֹעֲדָם**, זאגט די גמרא **אל תקרי אותם אלא אתם**, זאגט די גמרא ווייטער, **אתם אפילו שוגגין אתם אפילו מזידין**, דאס מיינט אז אפילו מען האט קובע געווען ראש חודש בטעות אויפן נישט ריכטיגן טאג, מיט דעם אלעם איז דאן ר"ח און אויך די ימים טובים זענען לויט דעם באשטימט.

האט דער צדיק געזאגט, אז דאס זעלבע קען מען טייטשען די פסוק **בָּנִים אַתֶּם לַד' אֱלֹקֵיכֶם**, סיי **ווען א איד איז ח"ו א שוגג אדער ח"ו א מזיד מיט אן עבירה, מיט דעם אלעם בין כך ובין כך בָּנִים אַתֶּם לַד' אֱלֹקֵיכֶם מיט די אלע זאכן בלייבט א איד א קינד פונעם הייליגען באשעפער**.

אויך האט ער גאר אסאך עוסק געווען אין צדקה וחסד אויף א גאר הויעכע פארנעם, עס האט ביים רבין נישט גענעכטיגט קיין געלט נאר ער האט יעדן טאג אויסגעטיילט דאס גאנצע געלט פאר צדקה.

האט זיך געמאכט איין נאכט און דער צדיק קען נישט איינשלאפן, פרעגט ער די רעבעצין **אויב עס איז געבליבן עפעס געלט אין שטוב**, האט זי געזאגט אז ניין עס איז גארנישט געבליבן, האט דער צדיק געלאזט רופן דעם גבאי און געבעטן, אז ער זאל גיין נאכזיכן אויב עס איז דא א איד וואס איז געקומען אין שטאט און וויל די קומענדיגע טאג ברענגען א פדיון, ווייל אפשר דאס האלט אים אפ פון שלאפן.

איז דער גבאי אריבער צו דעם גאסט הויז, און ער האט טאקע געטראפן דארט א איד, וואס איז דארט איבער געשלאפן, און געטראכט פון גיין צום רבין די קומענדיגע טאג, האט **די רבי דעם איד אויף גענומען און דעם פדיון גלייך געשיקט צו א נצרך, און דאן איז די רבי געגאנגען זיך צולייגען אביסל.**

ער האט איבער געלאזט זיין הייליגע קינדער.

**בנו יחידו** הרה"ק **רבי עמנואל מפשעדבורז** זי"ע, בתו **הרבנית הצדקת מרת פייגל חנה** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי יהודה לייבוש דומ"ץ פשעדבורז** זי"ע, בתו **הרבנית הצדקת מרת טויבע רחל** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי יששכר דובער וויינבערג אב"ד גאמבין** זי"ע.

אבער דער ממלא מקום אין פשעדבורז איז געווען קודם הרה"ק **רבי ישכר דוב בער מראדושיץ** זי"ע, און שפעטער האט דער זון איבער גענומען דאס רבנות.

נסתלק לגנזי מרומים **ד' אלול בשנת תקצ"א**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **פשעדבורז**, וואס איז צווישן די צווי שטעט, **ראדומסק**, און **ראדושיץ**,

ליידער איז די גאנצע ביה"ח חרוב געווארן ביים צווייטן וועלט מלחמה און עס איז ממש נישט געבליבן קיין זכר.

אבער די לעצטע יארן האבן א גרופע אידן ובתוכם **הר"ר אברהם חיים מאטצען, ובנו ר' אלכסנדר דוד מאטצען, הר"ר ישראל מאיר רובין, הר"ר מרדכי יצחק לאזאר, הר"ר אברהם יוסף פריעדמאן**, לכבודו פונעם הייליגען צדיק איבער געמאכט דעם מקום קדוש, און געבויעט א שיינעם אוהל און א גדר ארום דעם ביה"ח, אויך האט מען דארט אויף געשטעלט א שיינעם הכנסת אורחים פאר די אידן וואס קומען צום ציון הקדוש, זאל דער זכות ביישטיין פאר זיי און פאר אלע אידן וואס קומען צום ציון פון דעם צדיק מיט כל מיני ישועות און ברכות לרוב.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

**עס איז געווען א מעשה ביים הייליגען חוזה מלובלין זי"ע**, א מוצאי שבת קודש נאך הבדלה, און דארט איז געווען זיין תלמיד חביב דער הייליגער צדיק מפשעדבורז זי"ע, און עס איז געווען דער לעצטער טאג צו מאכן **קידוש לבנה**, אבער עס איז געווען פארוואלקענט און עס איז געגאנגען א רעגן.

האט זיך דער חוזה אנגערופען, **מן הדין איז גלייך אז רבי ישעי'לע זאל אונז געבן א שיינע לבנה צו קענען מאכן קידוש לבנה**, האט דער תלמיד רבי ישעי'לע געבעטן דעם רבין דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, אז מען זאל אריינגיין אין שוהל, און דער חוזה מלובלין איז אריין.

דאן איז דער תלמיד רבי ישעי'לע צו געגאנגען צום ערשטן פענסטער, און ער זאגט פארן רבין, דא האט די רבי א הערליכע לבנה, און עס האט זיך ביי דעם פענסטער באוויזן א הערליכע לבנה, דער הייליגער חוזה האט זיך זייער געפרייט, און מען האט געמאכט קידוש לבנה מיט א שמחה עצומה.

דאן האט דער הייליגער חוזה מלובלין געזאגט פאר די חסידים, **מיינט נישט אז דער פענסטער איז געווען קעגן די זייט פון די לבנה, און מיינט נישט אז ישעי'לע האט ארומגעדרייט די גאנצע שוהל אז עס זאל זיין קעגן די לבנה, ניין, נאר ער האט ארומגעדרייט דעם גאנצן הימל און געברענגט דעם לבנה צו דעם פענסטער, אלעס כדי זיין רבי וואס איז געווען שוואך זאל זיך נישט דארפן מטריח זיין צו מאכן קידוש לבנה**.

• • •

**דערציילט א איד**, אז מיט אפאר יאר צוריק, ווען די ציון פונעם רבין איז נאכנישט געווען אזוי מפורסם אלס א מקום ווי מען קען אסאך אויספועלען, **איז ער געווען א אלטער בחור פון בערך 34 יאר אלט**, און נאכנישט זוכה געווען אויף צו שטעלן א בית נאמן בישראל, עס איז געווען חודש אדר, איז ער געפארן אויף א נסיעה אויף מקומות הקדושים, כ"א אדר איז ער געווען ביים הייליגען נועם אלימלך אין ליזענסק, און כ"ד אדר איז ער געפארן צום ציון פון הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע.

אבער ווען ער איז אנגעקומען צו א שייד וועג וואס איז געווען פארמאכט, און ער האט זיך געמיזט איינדרייען אויף די פארקערטע זייט, האט ער אנגעהויבן בלאנזשענען, און וואס ער האט פראבירט האט נישט געהאלפן, און בלית ברירה האט ער זיך אפ געשטעלט ביי א גאז סטאנציע, און ער האט פראבירט דארט צו רעדן דאס מערסטע וואס ער האט געקענט צו מסביר זיין וואס ער זיכט, אבער די גוים דארט האבן בכלל נישט פארשטאנען וואס ער וויל.

ביז איין גוי האט זיך דערבארעמט אויף אים, און פארשטייענדיג אז ער זיכט א ציון פון א צדיק א ראבינער, האט אים דער גוי געזאגט, אז נישט ווייט פון דא איז דא א ציון פון א הייליגע ראבינער, און ער איז מסכים אים צו טראגן צו דעם ציון, קיין סאך ברירות האב איך סיי ווי נישט געהאט, בין איך פאר 10 מינוט נאכגעפארן דעם גוי, און נאך 10 מינוט קומט ער אן צו א ביה"ח, וואס עס איז דארט נישט געווען קיין קברים, אבער ביים עק פונעם ביה"ח זעה איך א אוהל וואס איז געווען פארשפארט, אבער קוקענדיג זעה איך אז דאס איז די ציון פון הרה"ק רבי ישעי' מפשעדבורז זי"ע, איך האב נאך בעפאר דעם קיינמאל נישט געהערט דעם נאמען, אבער עפעס האט מיך געצויגען צו דעם ציון.

איך שטעל מיך דארט אפ, און בשעת ווען דער גוי שטייט אין די זייט און קוקט זיך צו, **האב איך אנגעהויבן זאגן תהילים מיט בכיות, און פלוצלונג האב איך געשפירט ווי איך ווער ממש איבער גענומען**, אזוי האב איך מתפלל געווען און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ ביים ציון פון דעם צדיק, און דאן האב איז זיך דערמאנט אז מיין טאטן זאל זיין געזונט ברויך אויך א ישועה, סיי אין געזונט און אויך אין פרנסה פון חובות וואס ער האט פון חתונה מאכן די קינדער, האב איך שוין אריינגעווארפן א תפילה פאר מיין טאטן'ס וועגן אויך.

נישט צום גלייבן, אבער אזוי ווי איך ענדיג זיך אויסגיסן דאס הארץ ביים ציון קדשו פון דעם צדיק, רופט מיך מיין מאמע אן, און זאגט מיר דעם גוטן בשורה, **אז דער שדכן האט יעצט גערופן אז א שידוך וואס מען האט שוין גערעדט פאר 7 יאר צוריק, אז די אנדערע זייט איז מסכים צו גיין ווייטער**, און זי זאגט מיר כאפ דעם נעקסטן פליגער אהיים.

מיינט נישט אז די מעשה ענדיגט זיך דא, איך בין אנגעקומען אהיים דאנערשטאג, און ביי מוצאי שבת בין איך א חתן געווארן בשעה טובה ומצלחת, אבער דא קומט די צווייטע שאלה, **כסף מנלן**, פון ווי נעמט מען געלט צו חתונה מאכן, דא קומט די סוף פונעם מופת.

אפאר וואכן שפעטער קומט א בריוו אויף די פאסט פון די שטייער אינסטאנצן פון די רעגירונג,

איבער א געוויסע שטח וואס געהערט צו מיין טאטן און די רעגירונג האט לעצטנס איבער געשריבן די זאנינג געזעצן און די ווערט פונעם שטח איז געשטיגען און די רעגירונג וויל מער שטייער דערפאר.

מיינע עלטערן זענען געשטאנען פארוואונדערט, און נישט געוויסט פון וועלכע שטח מען רעדט דא, ווייל מיין טאטע האט קיינמאל נישט פארמאגט קיין שטח, אבער נאכן פארשן אביסל איז מען געוואויר געווארן, אז אונזער זיידע ווען ער איז ארויף געקומען פון טשעכעסלאוואקי קיין ארץ ישראל, האט ער זיך איין געקויפט שטחים אונעם געגענט פון רחובות, און בעפאר ער איז אוועק האט ער פאר יעדן פון די קינדער פארשריבן איין שטח אן דעם וואס די בני משפחה זאלן דערפון וויסן.

די רעדע איז געווען פון א גאר גרויסן שטח וואס האט זיך פארקויפט פאר א שיינעם סכות געלט, און דא קומט אריין די ישועה פונעם הייליגען צדיק, ב"ה **מיין טאטע האט געהאט גענוג געלט צו קענען אויסצאלן די חובות און אויך אויף הוצאות החתונה**.

• • •

**ווי באוויסט האט דער צדיק געזען בעולמות עליונים** און געהאט רוח הקודש אמיתי, דערציילט מען אז איין יום הקדוש ביינאכט, ווען מען האט געענדיגט דאווענען, און דער גאנצער עולם איז אהיים געגאנגען, און נאר די רבי מיט זיינע פאר גרויסע תלמידים זענען געבליבן זיצן די גאנצע נאכט און עוסק געווען אין הייליגע ענינים.

איז דארט אין ביהמ"ד געווען א איד א עושר, וואס האט זיך געשטעלט זאגן תהילים, איז דער רבי צו געגאנגען צום איד און זאגט אים, רבי איד וויסן זאלסטו, אז דער גרויסער באשעפער האט זיך זיין מיליטער, און יעדע סאלדאט פונעם באשעפער האט זיך זיין תפקיד וואס ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט, א חלק זענען דא צו עוסק זיין בתורה ותפלה דעם גאנצן טאג און אויך ביינאכט, און א אנדערע חלק איז דא אויף די וועלט צו טון צדקה וחסד מיט די עניים, און דיין פלאץ אויף די וועלט איז צו מפרנס זיין די ארימעלייט.

דערפאר זאגט דער צדיק פאר דעם עושר, גיי די אהיים יעצט, און לייג זיך צו אביסל, אז די זאלסט האבן כח צו קענען דאווענען מיטן עולם דעם קומענדיגן טאג, און לאז דעם לערנען און דאווענען ביינאכט פאר די וואס זענען געשטעלט אויף דעם, אבער נאך יו"ט זאלסטו דערפילען דיין תפקיד, און זיכער מאכן אז די ארימע אידן האבן מיט וואס יו"ט צו מאכן, און אויף ווינטער זאלסטו זיכער מאכן אז עס איז דא גענוג הייצונג פאר די ארימע אידן, ווייל דאס איז דיין תפקיד אויף די וועלט.

• • •

**דערציילט א איד הרה"ח רבי חנני' פריעדמאן נ"י פון לאנדאן**, א מעשה וואס ער האט בייגעוואוינט פאר אפאר יאר צוריק, אין לאנדאן וואוינט א איד וואס האט אפ געקויפט א גרויסע ריעל עסטעיט געשעפט פון עטליכע דרייסיג דירות, און כדי זיך אויסדרייען פון צאלן שטייער, האט ער איינגעגעבן אז זיין פירמע איז א צדקה קאסע, און אזוי האט ער געהאפט אז ער וועט נישט דארפן צאלן קיין מכס.

אזוי ווי ער האט געענדיגט דעם גאנצן געשעפט, האבן זיך די אינסטאנצן ארויפגעזעצט אויף אים, און האבן אים דערפאקט און דערגאנגען זיין דריידל, גלייך האבן זיי איינגעפרוירען זיין באנק אקאונט וואס האט געהאט א גרויסע סכום געלט, און דער איד איז געבליבן ממש אן קיין פרוטה, **און צו אלעם האבן זיי געוואלט אז דער יונגערמאן זאל באצאלן א האלבע מיליאן פונט, און עס וועט בלייבן אויף אים א קירמענאלע רעקארד**.

איין טאג זאג איך פאר דעם איד, כאפ דיך אריבער קיין פשעדבורז צום הייליגן צדיק, און די וועסט זיכער פויעלען א ישועה, אבער די פראבלעם איז געווען, אז פונקט דאן איז געווען די שווערע צייטן פון קאראנע און די גרעניצען זענען געווען פארשלאסן, אבער דער איד איז אויפגעקומען מיט א איינפאל, ער האט אינטער געשמירט די קהלה אין ווארשע אז זיי זאלן איינגעבן, אז זיי דארפן א רב וואס זאל קומען צוגרייטן דעם עולם אויף פסח, און אזוי האט ער פארשאפט א וויזע צו גיין קיין פולין.

ר"ח ניסן איז דער איד אנגעקומען קיין פולין און געגאנגען צום ציון הקודש פונעם הייליגען צדיק פון פשעדבורז, און געזאגט תהילים און צו געזאגט, **אז אויב די פרשה ענדיגט זיך מיט א**

**שטראף פון אונטער 30 טויזענט פונט און אן קיין קרימענאלע רעקארד, נעמט ער זיך אונטער א דבר טוב.**

יענעם ערב פסח שיקט אים זיין אקאונטען א אימעל און זאגט אים, אז די שטאט האט געגעבן א נייעם סעטעלמענט, וויבאלד זיי קענען נישט אויפווייזען קלאר אז די קאסע איז נישט געווען קיין צדקה קאסע, דער**פאר געבן זיי א שטראף פון 28 טויזענט פונט און עס וועט נישט בלייבן קיין קרימענאלע רעקארד**, זי"ע.

• • •

**הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האט דערציילט**, אז אמאל האט דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע געבעטן פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, אז ער זאל אים אריבער שיקן אפאר פון זיינע גרויסע תלמידים, ווייל ער וויל זיך מיט זיי משתשע זיין, האט דער חוזה מלובלין זי"ע געשיקט דריי תלמידים קדושים וטהורים, הרה"ק **היהודי הקדוש מפשיסחא** זי"ע, הרה"ק **רבי ישעי' מפשעדבורז** זי"ע און דער גרויסער תלמיד הרה"ק **רבי דוד'ל מלעלוב** זי"ע.

ווען זיי זענען אנגעקומען צום קאשניצער מגיד זי"ע, האט זיי דער מגיד געזעצט לעבן זיך, קודם איז געזעצן דער יהודי הקדוש זי"ע, וואס איז געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה, דערנאך איז געזעצן רבי דוד'ל מלעלוב זי"ע, און נאך אים איז געזעצן דער צדיק רבי ישעי' מפשעדבורז זי"ע, דער מגיד האט אנגעהויבן צו רעדן מיטן יהודי הקדוש אין לערנען, און זיי האבן זיך מפלפל געווען גאר שטארק, **און בשעת מעשה האט דער צדיק רבי דוד'ל מלעלוב זי"ע זיך געזעצט עסן פונעם קוילעטש וואס איז געווען דארט אויפן טיש.**

דער צדיק רבי ישעי' מפשעדבורז זי"ע וואס איז געזעצן אביסל ווייטער, האט זיך פראבירט אריין צו בייגן אונטער רבי דוד'ל מלעלוב, כדי ער זאל קענען מיט האלטן וואס דער מגיד מיטן יהודי הקדוש רעדן אין לערנען, האט זיך דער מגיד מקאזניץ אנגערופן, פארוואס פראבירט איר צו הערן וואס אונז רעדן מיר, **ענדערש קוק ווי אזוי דער צדיק רבי דוד'ל עסט דעם קוילעטש, ווי ער איז מכוון גרויסע יחידים נוראים וקדושים בשעתן עסן, יעדער ביס איז א קרבן ממש.**

• • •

**נאכן הסתלקות פונעם צדיק וקדוש רבי משה אליקים מקאזניץ זי"ע** דער זוהן פונעם הייליגען מגיד מקאזניץ זי"ע, איז דער הייליגע טאטע רבי משה'לע מקאזניץ זי"ע געקומען אין חלום צו זיין זון הרה"ק רבי אלעזר זי"ע, האט רבי אלעזר געפרעגט פון זיין טאטע, אין וועלכע צדיק ער זאל זיך מדבק זיין אלס תלמיד, **האט אים די טאטע געוויזן א צורה פון א צדיק, און געזאגט ער זאל זיך מדבק זיין אין דעם צדיק.**

ווען רבי אלעזר האט פארציילט פאר די מאמע וועגן די חלום, און מסביר געווען די צורה פונעם צדיק וואס די טאטע האט אים געוויזן, האט די מאמע געזאגט, **אז דאס איז הרה"ק רבי ישעי' מפשעדבורז זי"ע**, און דאן איז דער צדיק רבי אלעזר געפארן קיין מפשעדבורז, און זיך מדבק געווען אין דעם הייליגען צדיק מפשעדבורז אלס זיין רבו מובהק, און ער איז דארט געזעצן בצלו פונעם צדיק פאר פיר יאר.

ווערט דערציילט אז דער הייליגער צדיק רבי ישעי' מפשעדבורז זי"ע האט דעם תלמיד רבי אלעזר גאר שטארק מכבד געווען און געהאט צו אים א ספעציעלע חביבות און אים מקבל געווען מיט א געוואלדיגע שמחה, און רבי ישעי' זי"ע האט אמאל מיט זיין גרויס עניוות מסביר געווען פאר רבי אלעזר מקאזניץ, **די טעם פארוואס זיין טאטע האט אים געשיקט צו אים קיין מפשעדבורז.**

ווייל דער דרך העולם איז, אז ווען מען פלאנצט איין א נייע בוים, בינד מען דעם נייע צווייגל צו צי א אלטען צווייג, און ווען עס איז שוין גענוג רייף קען מען דאס אויף בינדן, דאס זעלבע איז מיט דיר, דיין טאטע האט דיך געשיקט צו מיר אז איך זאל זיין דעם צווייגל צו וועם די זאלסט דיך צו בינדן ביז די בוסט גרייט אליין צו פירן.

• • •

**דער הייליגער תפארת שלמה מראדומסק זי"ע** איז געווען א תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי ישעי' מפשעדבורז זי"ע, און איינמאל האט דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע געזינגען ביי זיין רבין רבי ישעי' די זמר **המבדיל מוצאי שבת קודש**, און זיין רבי האט מורא'דיג הנאה געהאט פונעם זמר, און ווען ער האט גענדיגט דעם זמר **האט רבי ישעי' אריינגעלייגט די האנט אין זיין קעשענע, און ארויס גענומען א מטבע.**

און דאן האט זיין רבי דער צדיק רבי ישעי'לע זי"ע געזאגט פאר די חסידים, פון ווי האב איך די מטבע, **איך האב זיכער נישט געטראגען דעם מטבע אים שבת, ווייל איך בין נאך קיינמאל נישט נכשל געווארן מיט קיין חילול שבת**, **נאר מוז מען זאגן, אז אליהו הנביא ז"ל האט דאס אריין געלייגט, כדי איך זאל עס קענען געבן פאר דעם אינגערמאן אלס שכר פארן זינגען דעם זמר המבדיל**, און דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע האט טאקע באקומען דעם מטבע וואס איז געקומען פון אליהו הנביא ז"ל.

• • •

**עס איז באקאנט אז דער הייליגער צאנזער רב זי"ע**, האט א נאמען געגעבן פאר זיין זוהן הרה"ק **רבי ישעי'לע מטשחויב** זי"ע, נאך הרה"ק **רבי ישעי' מפשעדבורז** זי"ע, און ער האט געזאגט, אז **ער האט דעם נאמען געגעבן אלס א הכרת הטוב פארן אראפ ברענגען דעם תלמיד חשוב דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע**.

• • •

**ווי באוויסט איז דער צדיק וקדוש דער הייליגער סבא קדישא מראדושיץ זי"ע** געווען שטארק מקושר צום צדיק רבי ישעי'לע מפשעדבורז זי"ע, און די צוויי צדיקים זענען זיך צוזאמען געקומען יעדן חודש און צוזאמען עוסק געווען בפלפול דאורייתא און אויך אין עניינים גבוהים ורמים בנגלה ובנסתר, און צוזאמען האבן די צוויי צדיקים ממתיק געווען גרויסע זאכן פאר כלל ישראל.

• • •

**איינע פון די אייניקלעך פונעם הייליגען ראדושיצער זי"ע האט דערציילט**, אז דער זיידע דער סבא קדישא מראדושיץ זי"ע האט געהאט א מנהג, אז בשעת ער האט געלערנט דעם הייליגען רא"ש אויף הלכות שבת, האט ער מרגיש געווען וועלכע פיש ער וועט האבן לכבוד דעם קומענדיגע שבת, איין וואך ערב שבת קודש האט פאסירט, אז דער הייליגער ראדושיצער זי"ע האט נישט געהאט קיין פיש לכבוד שבת, די מקורבים האבן שוין כמעט אויף געגעבן צו האבן פיש פאר שבת, אבער דער הייליגער ראדושיצער האט געהייסן, אז מען זאל גרייטן א טאפ מיט אלע צו געהערן פאר די פיש אויפן גאז.

יענעם ערב שבת האט זיך געמאכט, אז אינעם שטוב פון דעם הייליגען צדיק רבי ישעי'לע מפשעדבורז זי"ע איז אנגעקומען א שיינעם "לאקס" פיס לכבוד שבת, ווען מען האט זיך געגרייט צו אפקאכן דעם פיש לכבוד שבת, האט מען געהערט א גרויסע רעש אינעם קאך, און פונעם רעש איז אויך דער צדיק רבי ישעי'לע אריין געקומען אין קאך.

אזוי ווי דער צדיק האט דערזעהן דעם שיינעם לאקס פיש אין קאך, האט ער גלייך געזאגט, דער פיש באלאנגט פארן הייליגען ראדושיצער, און געהייסן מען זאל דאס שוין אריבער טראגן קיין ראדושיץ, און טאקע אזוי ווי דער שליח איז אנגעקומען מיטן פיש, האט דער הייליגער ראדושיצער געהייסן מען זאל דאס אפקאכן אינעם טאפ לכבוד שבת קודש.

• • •

**אין ספר עטרת תפארת ווערט דערציילט**, אז דער רבי דער צדיק רבי ישעי'לע מפשעדבורז זי"ע האט זייער ליב געהאט יעדן איד און האט זיך אוועקגעגעבן צו העלפן מענטשן וואס זענען געווען אין א שווערע לאגע, איין מאל איז א איד געקומען צו אים זייער צובראכן, ווייל ער האט נישט געהאט קיין פרנסה צו שפייזן זיין פאמיליע.

דער רבי דער צדיק רבי ישעי'לע זי"ע האט אים אויסגעהערט מיט א גרויס רחמנות און דאן האט דער צדיק מחזק געווען דעם איד מיט פשוטע ווערטער פון חיזוק, און אים געזאגט מיט זיין גרויס עניוות און מיט א אמת'דיגקייט, "**מען דארף האבן שטארקע אמונה אין דעם אייבערשטן וואס פירט די וועלט**" און דער צדיק האט אים געגעבן א ברכה און אים ארויסבאגלייט מיט א שמחה, קורץ דערנאך האט דער איד געפונען א גוטע פרנסה און האט געהאט אלעס וואס ער האט געברויכט צו שפייזן זיין פאמיליע.

• • •

**אין ספר דברות חיים ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז א איד געקומען צום הייליגען צדיק רבי ישעי'לע מפשעדבורז זי"ע און מיט א צובראכן הארץ זיך אויסגערעדט זיין הארץ, ווייל ער האט געהאט גאר א גרויסן חוב און די בעלי חובות האבן אים שטארק גערודפ'ט, און דער איד האט שוין מער נישט געקענט אויסהאלטן די צער און בושות, דער רבי האט אים געזאגט **אז ער זאל גיין אין מארק און אנהויבן האנדלען, און ער האט אים מבטיח געווען אז ער וועט זען הצלחה**, דער איד האט אזוי

געטאן, און טאקע אזוי ווי דער צדיק האט געזאגט, האט ער אין א גאר קורצע צייט אנגעהויבן זייער מצליח זיין און געמאכט גאר גוטע רווחים און ער האט מצליח געווען צו באצאלן אלע זיינע חובות.

• • •

**אין ספר עטרת תפארת ווערט דערציילט**, איבער זיין גרויסע עבודה אין היטן דעם **לשון** און אויך זיין געוואלדיגע **אהבת ישראל**, איינמאל האט א מענטש געוואלט רעדן שלעכטס אויף א צווייטן איד פארענט פונעם צדיק רבי ישעי'לע זי"ע, דער רבי האט אים גלייך אפגעשטעלט מיט א ווארעם הארץ און אים געזאגט, "**יעדער איד האט אין זיך א הייליגע נשמה, און מען דארף נאר קוקן אויף די גוטע חלקים פון א צווייטן איד**" דער מענטש האט תשובה געטאן און האט אנגענומען אויף זיך מער נישט צו רעדן קיין לשון הרע.

• • •

**אין ספר תפארת ישעי' ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז א גאסט געקומען צום צדיק מפשעדבורז זי"ע אויף שבת, דער מענטש איז געווען א גרויסער ארימאן און ער האט זיך זייער געשעמט מיט זיינע אלטע ארימע קליידער, דער רבי האט אים אנגענומען מיט א גרויסע ליבשאפט און אים געגעבן צו זיצן גלייך לעבן אים ביים טיש, און דער רבי האט אים געגעבן די בעסטע מאכלים און אים אנגעווארעמט דאס הארץ, **אז דער אייבערשטער קוקט נאר אויפן הארץ פון א מענטש און נישט אויף זיינע קליידער**, דער מענטש איז אהיים געגאנגען מיט א גרויסע שמחה און חיזוק.

• • •

**אינעם ספר נפלאות הרבי ווערט געברענגט**, אז א חסיד איז איינמאל געקומען קיין פשעדבורז בעטן א ברכה פאר זיין קראנקע קינד, און דער איד האט זיך אויסגערעדט דאס הארץ אז דאס קינד ברויך א רפואה שלימה, דער רבי האט זיך זייער מצטער געווען צוזאמען מיט דעם איד און האט מיט געוויינט מיט דעם איד, און דאן האט דער צדיק אנגעהויבן מתפלל זיין צום באשעפער מיט א גרויסע התעוררות, נאכדעם האט ער געזאגט צום פאטער, "**גייט אהיים מיט גרויס שמחה, ווייל דאס קינד וועט געזונט ווערן**", ווען דער פאטער איז אנגעקומען אהיים, האט ער געזען, **אז אין די זעלבע מינוט איז דאס קינד טאקע געווארן געזונט**.

• • •

**אין ספר תפארת ישעיה ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז א איד געקומען צום צדיק מפשעדבורז זי"ע בעטן א ברכה, ווייל ער האט געהאט א שווערע דין ודברים מיט א צווייטן איד און ער האט מורא געהאט אז ער גייט פארלירן זיין גאנצע געלט, דער רבי האט אים געזאגט **אז עס איז בעסער צו אנטלויפן פון מחלוקת און מוותר זיין, ווייל די ברכה פונעם אייבערשטן רוהט נאר וואו עס איז דא שלום**, דער איד האט געפאלגט דעם רבי'ן און איז אריבערגעגאנגען צום אנדערן איד און האט אים געזאגט אז ער איז מוותר, קורץ דערנאך האט ער באקומען א נייע געלעגנהייט צו מאכן גוט פרנסה אין אן אנדערן אופן, און ער האט פארדינט פיעל מער ווי ער האט געקענט פארלירן.

• • •

**אינעם ספר שם ושארית ווערט געברענגט**, אז א יונגערמאן איז אמאל געקומען צום רבי'ן דער צדיק מפשעדבורז זי"ע און זיך באקלאגט אז ער פילט נישט קיין קאצענטראציע און קיין התעוררות ביים דאווענען, דער רבי האט אים אנגעכאפט די האנט מיט א גרויסע ווארעמקייט און אים געזאגט, "**דער אייבערשטער פרייט זיך מיט יעדער אמת'ער ווארט וואס א איד זאגט ארויס פון מויל, אפילו ווען מען פילט נישט קיין גרויסע מדריגות**", און דער רבי האט דעם איד גאר שטארק מחזק געווען אז א איד ברויך טון דאס בעסטע וואס מען קען, און פונעם יענעם טאג אן האט דער יונגערמאן אנגעהויבן דאווענען מיט גרויס שמחה און חשק.

• • •

**אין ספר נפלאות הרבי ווערט געברענגט**, אז איינמאל פאר פסח האט דער רבי זיך מיט שווערע כוחות געב**אקען גאר שיינע און מהודר'דיגע מצות לכבוד פסח**, ער האט אבער באמערקט ערב פסח, אז אן ארימער חסיד אין שטאט האט נישט קיין געלט צו קויפן מצות לכבוד יום טוב, **דער רבי האט גלייך אוועקגעגעבן זיין אייגענע געלט וואס ער האט אנגעזאמלט פארן יום טוב, און האט אויך אוועקגעגעבן זיין מהודר'דיגע מצות פאר דעם ארימאן**, כדי דער ארימאן זאל קענען פייערן דעם יום טוב מיט כבוד און שמחה, און דער צדיק האט געזאגט פאר זיינע תלמידים, "**אז העלפן א צווייטן איד איז די גרעסטע מצווה**".

**יארצייט ה׳ אלול**

**הרה״ק רבי דוד צבי שלמה ב״ר אלעזר מנחם מענדל זי״ע, (בידערמאן), מלעלוב ירושלים ״הנקרא בפי כל רבי דוד׳ל לעלובער״**

ער איז געבוירן אין שטאט פשעדבורז, **שמחת תורה בשנת תר״ד**.

צו זיין טאטן הרה״ק **רבי אלעזר מנחם מענדל מלעלוב** זי״ע,
בן הרה״ק **רבי משה מלעלוב** זי״ע,
בן הרה״ק **רבי דוד מלעלוב** זי״ע,
בן הרה״ק **רבי שלמה בידערמאן** זי״ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת פייגא מאטיל** ע״ה,
בת הרה״ק **רבי צבי הורוויץ** זי״ע,
בן הרה״ק **החוזה מלובלין** זי״ע, און צדיקים בדורו פונעם רבין האבן מעיד געווען, אז דער צדיק האט געהאט **די צורה ווי דעם זיידן דער הייליגער חוזה מלובלין זי״ע.**

ער איז געווען א איש אלוקים קדוש ונורא מאוד, ער איז געווען א למדן נפלא און א עובד השם באמת, ער איז געווען מפורסם אלס א אוהב ישראל אמיתי, און א בעל רוח הקודש אמיתי, ער האט געדינט דעם גרויסן באשעפער מיט א דביקות נורא וקדוש, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע עבודת התפלה וואס איז צו געגאנגען מיט כוחות עצומות און א מסירת נפש ממש, זיין צורה האט געלאכטן מיט א הימלישע שיין, ער האט מקרב געווען יעדן איד נישט קיין חילוק יענעמס מצב, ער האט זיך פאר יארן לאנג נישט אריינגעלייגט אין בעט אפילו ביינאכט, נאר עוסק געווען יומם ולילה בתורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע התמדה.

פון אלס גאר יונג קינד האט ער זיך שוין געפירט בקדושה וטהרה, יומם ולילה האט ער עוסק געווען בתורה מיט א קדושה און התמדה גדולה, ביי די זעקס יאר האט ער שוין געלערנט גמרא תוספות מיט מהרש״א, **און ער האט שוין דאן געקענט איבער 100 בלאט גמרא בעל פה.**

בשנת תרי״א איז ער ארויף קיין **ארץ ישראל** צוזאמען מיטן טאטן הרה״ק **רבי אלעזר מנחם מענדל** זי״ע, און מיטן זיידן הרה״ק **רבי משה מלעלוב** זי״ע, אבער ליידער נאך 72 טעג י״ג טבת בשנת תרי״א איז דער זיידע רבי משה נסתלק געווארן, און מען האט דעם זיידן באעערדיגט אויפן הר הזיתים סמוך ונראה צום קבר פון זכרי׳ הנביא ע״ה.

מען דערציילט, אז אויפן וועג ווען מען האט זיך געגרייט צו פארן קיין ארץ ישראל, און די רבי איז דאן געווען בערך זעקס יאר אלט, זענען זיי דורך געפארן דעם שטאט פונעם הייליגער רוזי׳נער זי״ע, און דער הייליגער רוזי׳נער האט דעם קינד גענומען אויפן שויס און געזאגט מיט א התפעלות בזה״ל, ״**ער האט לעכטיגע אויגן, ער וועט קיינמאל נישט זינדיגן**״.

ביי די 15 יאר אלט האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת מרים פרומה** ע״ה,
בת הרה״ק **רבי נח פינחס הלוי הורוויץ ממאגרוב** זי״ע,
מגזע הגה״ק **רבי פנחס הלוי בעל הפלאה מפרנקפורט** זי״ע,
ומגזע הגה״ק **רבי שמואל שמעלקא מניקלשבורג** זי״ע.

מיט די יארן ווען די רבי איז אויף געוואקסן האט ער געזאגט פארן טאטן, אז ער וויל פארן קיין אירופה צו זיכן א רבי, האט אים די טאטע געפרעגט, וואס איז נישט גוט מיט מיר אלס רבי, האט דער זון געזאגט, א טאטע קען נישט זיין קיין רבי פארן זון.

האט דער טאטע געפרעגט, פארוואס נעמסטו נישט דעם **כותל המערבי אלס רבי**, האט דער זון געזאגט, איך ברויך א רבי וואס קען מיר ענטפערן, האט דער הייליגער טאטע געזאגט, אויך ביים כותל קען מען באקומען אן ענטפער, וואס ווי עס איז באקאנט האט דער טאטע יעדן פרייטאג ביינאכט געגריסט א גוט שבת ביים כותל, **און ער האט צוריק באקומען א גוט שבת**.

דאן איז די רבי געפארן קיין אירופה, און ווען ער איז אנגעקומען קיין קארלין האט ער זיך מדבק געווען און הרה״ק **רבי אהרן בעל בית אהרן מקרלין** זי״ע, און ער האט דעם בית אהרן גענומען אלס זיין רבו מובהק.

מען דערציילט, אז זייענדיג אין אוקריינע האט דארט געהערשט א שרעקליכע מגיפה, און די רבי

איז אויך ליידער אן געשטעקט געווארן דערפון, און די מצב איז געווען גאר שווער, האט די רבי דאן מתפלל געווען צום באשפער, אז ער זאל אים העלפן אז ער זאל געזונט ווערן, און ער האט זיך אינטער גענומען, אז אויב ווערט ער געזונט, וועט ער עוסק זיין זיין גאנץ לעבן צו מקיים זיין דעם פסוק "**אלמדה פושעים דרכיך**", און מקרב זיין פארקראכענע אידן צום באשעפער.

און דער צדיק איז טאקע געזונט געווארן, און בחסדי השם איז ער צוריק אנגעקומען קיין ארץ ישראל, דאן האט ער טאקע מקיים געווען זיין צוזאג, און ער האט זיין גאנץ לעבן מקרב געווען פארקראכענע נשמות, און מיט זיין געוואלדיגע אהבה און ווארעמקייט זיי צוריק געברענגט צום באשעפער.

שפעטער ווען ער איז צוריק געקומען קיין ארץ ישראל, האט ער אנגעהויבן דאווענען אין דעם ביהמ"ד פון די **חסידי קארלין**, און ווי עס איז באקאנט האט דער צדיק זיין גאנץ לעבן געדאווענט אויפן דרך פון קארלין מיט א געוואלדיגע ברען און א אש דקדושה.

די רבי האט מיט א מסירת נפש צוזאמען געשטעלט די געלט און מייסד געווען דעם **שכונות בתי ווארשא אין ירושלים**, ווי אידן ארימעלייט האבן דארט געוואוינט, אבער ער אליין האט בשום אופן נישט געוואלט הנאה האבן פון די געלט, און ער האט נישט געוואוינט אין דעם געגענט, **און ער האט געלאזט צוואה, אז קיינער פון זיינע קינדער און אייניקלעך זאלן דארט נישט וואוינען**.

בשנת תרמ"ג ווען זיין טאטע זי"ע איז נסתלק געווארן, האט מען געבעטן דעם זוהן רבי דוד צבי שלמה זי"ע צו איבער נעמען דאס רבנות, אבער ער ברוב עניוות האט נישט געוואלט אנעמען דאס רבנות, נאר נאכדעם וואס דער פעטער הרה"ק **רבי יצחק דוד** זי"ע איז נסתלק געווארן, דאן איז ער געווארן דער ממלא מקום פון זיין טאטן אין לעלוב, דאן האט ער אסאך מנהגים פון קרלין איינגעפירט ביי זיך אין לעלוב, וואס אסאך דערפון פירט מען זיך נאך עד היום.

ער איז געווען באוויסט אלס א בקי נפלא סיי בתורת הנגלה און אויך בתורה הנסתר און קבלה, די קהילות ספרדים האבן אים געוואלט אויף נעמען אלס א חכם פאר זיי, אבער די רבי האט צו דעם נישט געוואלט מסכים זיין.

ער האט אין ירושלים גאר אסאך עוסק געווען און ארויס העלפן דעם ציבור, ווי פריער דערמאנט האט ער במסירת נפש אויף גישטעלט **די בתי ווארשא**, אויך האט ער מייסד געווען דעם **כולל ווארשא**, און נאך אפאר יאר וואס ער האט מיט א מסירת נפש אויס געהאלטן דעם כולל, איז ער געווארן א גרויסער בעל חוב.

און צוליב דעם האבן די טורקישע רעגירונג אים איינגעזעצט אין תפיסה, דאן האבן די צוויי צדיקים הרה"ק **רבי יהודה אריה לייב בעל שפת אמת מגור** זי"ע און הרה"ק **רבי אברהם בורנשטיין בעל אבני נזר מסוכטשוב** זי"ע צוזאמען געשטעלט די געלט צו קענען באצאלען די אלע חובות, און אזוי האט מען דעם רבין באפרייט פון תפיסה.

זיין עבודת השם איז צוגעגאנגען מיט א געוואלדיגע קדושה און התלהבות, ער האט געדאווענט ממש מיט א ברען און מסירת נפש, און געווען גרייט יעדע סעקונדע צו גיין אויף קידוש השם למען שמו יתברך.

ער האט עוסק געווען אין צדקה וחסד אויף א מוראדיגע פארנעם, יעדע פרוטה וואס ער האט צוזאמען געשטעלט האט ער פארטיילט פאר עניי ארץ ישראל, ביי אים אין שטוב האט געהערשט א געוואלדיגע ארימקייט, און ווען די רעבעצין האט געבעטן, אז ער זאל אראפגעבן עפעס פון די געלט פארן שטוב, האט דער צדיק מיט א תמימות געזאגט, "**איך בין דאך נאר א גבאי צדקה, און דאס געלט באלאנגט פאר די עניים, ווי אזוי קען איך אפילו טראכטן פון נעמען אפילו איין פרוטה פאר זיך**".

מיט די אלע צדקות איז נאך זיין שטוב געווען אפען פאר יעדן איד, ער האט יעדן איינעם אויף גענומען מיט א געוואלדיגע שמחה און פרייליכקייט, אלע גדולים און צדיקים בדורו האבן דעם רבין מכבד געווען און מעריץ געווען.

ער איז גאר אסאך געפארן קיין **מירון** צום ציון פון **רשב"י** זי"ע, ובפרט **ל"ג בעומר** וואס דאן האט דער צדיק אפגעראכטן א גרויסע עבודה, ער פלעגט בעפאר ל"ג בעומר בעטן א רשימה פון אלע

שטוב מענטשן און חסידים, און בשעת דעם הדלקה אין מירון האט ער אפגעליינט די אלע נעמען און דערנאך אריינגעווארפן די רשימה אינעם הדלקה, און ער האט געזאגט, **אז ער זעט ווי די פאפיר ווערט טאקע פארברענט אבער די אותיות פליען ארויף אין הימל**, און ער האט געזאגט, **אז בשעת די הדלקה קומען די צדיקים מעולם העליון אראפ מיט האלטן דעם גרויסן שמחה.**

איינמאל איז א איד געקומען זיך מזכיר זיין ביים רבין, אז זיין קינד איז ל"ע זייער נישט געזונט, האט אים די רבי געזאגט, אז ער זאל פארן קיין מירון צום ציון פון רשב"י און דארט וועט ער פויעלען א ישועה, האט דער איד געזאגט אז ער איז שוין געווען אין מירון.

האט די רבי געזאגט, אויב א איד איז שוין געווען ביים דאקטאר, און ער איז נישט געווארן אויסגעהיילט, מיינט דאס אז ער זאל שוין נישט צוריק גיין מער צום דאקטאר, וואס דען, מען פראבירט נאכאמאל און נאכאמאל ביז די רפואה קומט, כך הוה דער איד איז נאכאמאל געפארן קיין מירון, און ער האט געהאט א ישועה און דאס קינד איז געזונט געווארן.

ל"ג בעומר בשנת תרע"א האט ליידער פאסירט א גרויסע אומגליק אין מירון, ווען די גדר פון די דאך פון דעם אוהל איז ליידער צובראכן געווארן, און ליידער זענען אסאך מענטשן דאן געשעדיגט געווארן, און עס זענען געווען ליידער אידן וואס זענען נעבעך אומגעקומען רח"ל.

די רבי איז אויך דאן געווען אויפן דאך אנגעטון מיט די שטריימל און ווייסע קאפטן אזוי ווי יום הקדוש מיט פארמאכטע אויגן אין א גרויסע דביקות, און ווען די גדר האט זיך איינגעבראכן, האט די רבי געזאגט פאר אלע וואס זענען געשטאנען נעבן אים, **אז זיי זאלן זיך נישט אוועק רורן פון אים, און מיטן אייבערשטענס הילף וועט פאר זיי גארנישט פאסירן**, כך הוה אז אלע וואס זענען געבליבן דארט נעבן רבין, זענען אלע בדרך נס געראטעוועט געווארן, אפילו עס איז דארט געווען א גרויסע צומישעניש און א געשטיפעריי.

הרה"ק רבי חיים שמואל שטערנפעלד מחנטשין זי"ע האט געזאגט אויפן רבין, **אז ער איז דער צדיק הדור**, און ווען עס איז אנגעקומען א בריוו פונעם רבין צו הרה"ק **רבי ירחמיאל ישראל יצחק בעל ישמח ישראל מאלכסנדר** זי"ע, האט זיך דער הייליגער צדיק מאלכסנדר אנגעטון **זיינע שבת'דיגע בגדים, און געליינט דעם בריוו**, און ביים חתימה האט ער געזאגט **"עס לייכט"**, און ער האט דעם בריוו געהייסן **אוועק לייגן אין זיין אתרוג האלטער**.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק **רבי שמעון נתן נטע** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי יוסף צינוירט מקראקא** זי"ע,
הרה"ק **רבי יעקב יוסף** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת רבקה רחל** ע"ה, אשת הגה"צ **רבי אברהם שלמה אדלער** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת לאה** ע"ה, אשת הגה"צ **רבי אברהם הורביץ** זי"ע,
הגה"צ **רבי פנחס אורי** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת מלכה עכסה** ע"ה, אשת הגה"צ **רבי מרדכי דוד ווינשטאק** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת נחמה ריקל** ע"ה, אשת הגה"צ **רבי אהרן יהושע אליאך** זי"ע.

זיינע הייליגע דברי תורה איז געדריקט געווארן אונעם **ספר ליקוטי דברי דוד.**

נסתלק לגנזי מרומים **ה' אלול בשנת תרע"ח**, ומנוחתו כבוד איז אויפן **הר הזיתים אונעם חלקת פרושים**.

לויט זיין צוואה האט מען אויפן מצבה נאר געשריבן זיין נאמען און די נאמען פון זיין מאמע און דעם יום הפטירה, און הרה"ק רבי מרדכי מרחמסטריווקא זי"ע האט געזאגט אויפן רבין ביי די פטירה, **אז עס איז אוועק גענומען געווארן צוויי דריטל יראת שמים פון ירושלים.**

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

**הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האט געזאגט** בשם זיין הייליגען טאטן זי"ע, **אז צינדן שמן זית לעכט פאר א נפטר, איז אזוי ווי א טרינק וואסער פאר א דורשטיגען, און ח"ו אויב מען לעשט אויס א לכט וואס איז אנגעצינדען פאר א נפטר, איז**

**דאס ממש ווי מען דערשטיקט ח"ו א לעבעדיגען מענטש**, אויך האט מען געזאגט בשם דעם רבין ר' דוד צבי שלמה זי"ע, אז **עסן מלוה מלכה יעדן מוצאי שבת קודש, איז א סגולה פאר אריכת ימים**.

• • •

**מען דערציילט**, אז אין ירושלים איז א איד געקומען זיך מזכיר זיין ביים רבין, אז ליידער זיין זוהן א בחור איז ליידער אראפ פון זינען ל"ע, און ערווארפט אראפ זיין קאפל פון קאפ, און נאך אזאנע מעשים משונים, און ער האט זיך אויסגעגאסן זיין הארץ פארן רבין, און דאס איז געווען אפאר טאג נאך פסח, האט די רבי געזאגט פאר דעם איד, קום מיט מיר אויף ל"ג בעומר צום יארצייט פונעם הייליגען תנא רשב"י, און די וועסט אי"ה האבן א ישועה.

דער איד איז טאקע געפארן מיטן רבין, און מיט גענומען זיין זון, ליידער אויפן גאנצן וועג האט דער קינד געמאכט געפערליכע בושות פארן טאטן, אראפ ווארפענדיג זיין קאפל, ווען מען איז אנגעקומען צום ציון הקדוש, און די רבי האט אנגעצינדן דעם הדלקה, איז די רבי צו געגאנגען צום בחור, און אראפ גענומען זיין היט, **און אריינגעווארפן די קאפל פונעם בחור אין דעם הדלקה**.

לפלא יענעם סעקונדע האט דער בחור אנגעהויבן שרייען, "**א קאפל, א קאפל**", דער טאטע און אלע ארומיגע זענען נשתומם געווארן פון דעם מראה, זעענדיג ווי דער בחור איז נהפך געווארן צו א אנדערן מענטש, און פון דאן אן איז דער בחור צוריק געווארן נארמאל כאחד אדם און געווען א ערליכער בחור.

• • •

**מען דערציילט**, אז ווען דער הייליגער צדיק רבי דוד צבי שלמה מלעלוב זי"ע, איז געפארן קיין אירופה זיכן א רבי, איז ער קודם אנגעקומען קיין קארלין צום הייליגען בית אהרן זי"ע, און ער האט זיך גלייך מדבק געווען אונעם **הייליגען בית אהרן מקארלין** זי"ע, און אים גענומען אלס זיין רבו מובהק.

אביסל שפעטער איז ער געווען ביים **הייליגען דברי חיים מצאנז** זי"ע, און דאס איז געווען אויף א ראש חודש, און ער האט געהאט די זכי' צו זיין אין ביהמ"ד בשעת דער הייליגער דברי חיים האט געזאגט הלל און געזונגען פתחו לי שערי צדק מיטן ניגון פונעם הייליגע קאליבער זי"ע.

האט דער הייליגען רבי דוד'ל מלעלוב זי"ע נאכדעם געזאגט, **אז דארט ארום דעם הייליגען צאנזער רב, זענען נעבער געשטאנען אידן, וואס האבן נישט געהאט קיין שכל זיך איין צו קוקען אויפן גרויסע עבודה וואס דער צדיק האט אריינגעלייגט אונעם הלל, נאר געווען פארנומען מיטן שמעקן טאביק**.

און רבי דוד'ל האט ממשיך געווען, **אז אויב ער וואלט אנגעקומען קודם קיין צאנז, וואלט ער שוין מער נישט אריבער קיין קארלין, ווייל ביים הייליגען צאנזער רב האט מען קונה געווען אלעס בשלמות, נאר וויבאלד ער האט שוין געהאט מקבל מרות געווען אין קארלין, איז ער שוין געבליבן דבוק אין קארלין**.

• • •

**הרה"ק רבי אברהם שלמה מלעלוב זי"ע האט דערציילט**, אז ווען דער זיידע האט געוואוינט אין ירושלים, האט ער קודם געוואוינט אין איין דירה, אבער נאכדעם האט ער זיך אוועק געצויגען צו אן אנדערע דירה.

די משפחה וואס האבן זיך אריינגעצויגן צו די דירה ווי דער זיידע האט געוואוינט, זענען געקומען זיך אפרעדן צום זיידן, **אז יעדע נאכט הערט מען קלאפן אויף די פענסטער**, האט די זיידע געזאגט, אז די קומענדיגע נאכט ווען מען הערט קלאפן זאל מען זאגן, "**אז ר' דוד'ל וואוינט שוין נישט דא**", כך הוה אזוי ווי מען האט דאס געזאגט, האט זיך די קלאפן אויף געהערט, ווייל דאס זענען געווען נשמות מעולם העליון, וואס די זיידע האט גאר אסאך געארבעט פאר די נשמות.

• • •

**אין ירושלים האט געוואוינט א געהויבענע איד הרה"ח ר' שלמה ראטה ז"ל**, וואס איז געווען ממונה אויף די כולל אונגארן, אויך איז ער געווען א גרויסע עסקן בצרכי ציבור, און בשעת די ערשטע וועלט מלחמה איז געווען א גרויסע הונגער אין ארץ ישראל, ובפרט אין ירושלים, און דער ר' שלמה האט אסאך ארויסגעהאלפן דעם מצב אין ירושלים, אויך האט ער אסאך תומך געווען דער הייליגען רבין ר' דוד'ל מלעלוב זי"ע.

אײן טאג איז ר' שלמה ז"ל אריין צום רבין, און די רבי האט גלייך דערקענט מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, אז עפעס ערענסט גייט פאר ביי ר' שלמה, האט אים די רבי געפרעגט, ר' שלמה וואס איז מיט דיר, וואס די ביסט אזוי פארלוירן, האט אים ר' שלמה דערציילט, אז ער איז אין א גאר שווערע מצב ממש בין מוות לחיים.

האט דער הייליגער צדיק געזאגט פאר ר' שלמה, גיי יעצט ארויס צום הר הזיתים, צום ציון פונעם הייליגען זיידן הרה"ק רבי משה מלעלוב זי"ע, און זאג אים בזה"ל, "**איהר האט צי געזאגט צו זיין א מליץ יושר פאר די וועלכע שטיצען דיינע קינדער**", און היות איך שלמה בין תומך דיין אייניקל רבי דוד צבי שלמה, און איך געפין זיך אין א צרה, בעט איך אז די רבי זאל מליץ יושר זיין פאר מיר און איך זאל געהאלפן ווערן, דערציילט ר' שלמה אז ממש יענעם טאג, איז ער טאקע געהאלפן געווארן מיט א ישועה.

• • •

**צו פארשטיין די הייליגע אויגן וואס דער צדיק רבי דוד'ל מלעלוב זי"ע האט געהאט**, דערציילט מען, אז איינע פון די גרויסע חסידים פונעם צדיק רבי דוד'ל מלעלוב זי"ע, וואס האט געהייסן הרה"צ ר' מיכאל הערמאן ז"ל, וואס איז געווען א תלמיד חכם מפורסם און א בקי אין תורת הקבלה, דער ר' מיכאל פלעגט קומען יעדן שבת קודש צום טיש פונעם צדיק, וואס איז געווען מפורסם אז עס איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע ברען און אש קודש פונעם קדושת שבת קודש.

איין וואך האט זיך דער חסיד פארשפעטיגט און געקומען גאר שפעט צום טיש, האט דער צדיק געזאגט פארן חסיד בזה"ל, "**רבי מיכאל האט זיך אנגעגעסן א בויך מיט זויערס, און נאכדעם איז ער געקומען צום טיש**", די חסידים ביים טיש האבן נישט פארשטאנען וואס די רבי מיינט, אבער שפעטער האט דער חסיד דערציילט, אז ער האט זיך בעפארן טיש פארלערנט **אינעם ספר הזוהר**, און דאס האט די רבי געמיינט מיט די ווערטער, "**א בויך מיט זויערס**", ווייל דער צדיק האט מיט זיינע הייליגע אויגן מרגיש געווען, **אז דער חסיד האט געלערנט "זוהר"**.

• • •

**איינע פון די גרויסע חסידים פונעם צדיק וקדוש רבי דוד שלמה צבי מלעלוב זי"ע**, איז גאנץ אנפאנג געווען פון די גרויסע מתנגדים פונעם צדיק, דער איד פלעגט אסאך שרייבן אין צייטונגען אויף די חסידים ובפרט אויף די חסידים פונעם הייליגען צדיק רבי דוד'ל מלעלוב זי"ע.

איין טאג האט דער מתנגד געוואלט אריין גיין אינעם ביהמ"ד פון דעם צדיק מלעלוב, כדי זיך איין קוקען אינעם ביהמ"ד פונעם צדיק מלעלוב, און דער איד האט געטראכט ביי זיך, אז דאס ביהמ"ד איז זיכער ליידיג, אבער ווען ער איז נאר אריין געקומען אין ביהמ"ד, האט ער געזען אז די ביהמ"ד איז פיל מיט חסידים, דער איד האט גאנץ גוט געוויסט, אז די חסידים ווען זיי וועלן אים נאר זעהן, וועלן זיי נקמה נעמען אויף די אלע שלעכטע זאכן וואס ער האט אלס געשריבן אויף זיי.

דער איד האט אויס געשריגן די פסוק (תהילים פ"ו) **תְּפִלָּה לְדָוִד, שָׁמְרָה נַפְשִׁי כִּי חָסִיד אָנִי הוֹשַׁע עַבְדְּךָ**, און בשעתן זאגן די ווארט **לְדָוִד** האט ער געטייטשט אויפן צדיק **רבי דוד'ל**, ווי צו בעטן פונעם צדיק, אז ער זאל אים אפ היטן פון זיינע חסידים, דער צדיק מיט זיין גרויס אהבת ישראל, האט ער גלייך געוויזן פאר די חסידים, אז קיינער זאל בשום אופן נישט אן רירן דעם איד, לפלא נישט לאנג נאכדעם, האט דער איד מחזיר בתשובה געווען, און ער איז געווארן פון די גרויסע חסידים פונעם צדיק.

• • •

**בשנת תרע"ז ביי די יומא דהילולא פון זיין טאטן ט"ז אדר** וואס איז אויס געפאלן יענעם יאר שבת קודש, האט זיך דער צדיק דערמאנט שוין נאכן זמן כניסת השבת, אז ער האט פארגעסן צו אן צינדען א ליכט לכבוד די יארצייט פונעם טאטן, ווען דער צדיק רבי דוד'ל איז אריין געקומען צום שולחן הטהור שבת קודש ביינאכט, **האט ער זיך פארקוקט אויף די אויל ליכט וואס איז געווען אנגעצינדען לכבוד שבת ביי זיך אין ביהמ"ד, און דער צדיק האט מקדיש געווען איין ליכט לעילוי נשמת די יארצייט פונעם טאטן זי"ע**.

לפלא יענע איין ליכט וואס האט געהאט אויל נאר צו ברענען אפאר שעה, א**בער יענעם שבת קודש האט דאס געברענט די גאנצע שבת, און האט זיך פארלאשן שוין נאכן זמן מוצאי שבת קודש**, אידן פון גאנץ ירושלים זענען געקומען זעהן דעם מופת וואס דער צדיק האט באוויזן.

• • •

**הגה"צ רבי יוסף ציינווירט זי"ע האט דערציילט**, אז זיין טאטע הרה"צ רבי יהושע ציינווירט זי"ע האט אים דערציילט, אז די צייט פונעם ערשטן וועלט מלחמה, האבן די ממשלה אין ארץ ישראל געטוישט די געלט **פון זילבערנע מטבעות צו פאפירענע געלט**, ווייל עס איז געווען א גרויסע ארעמקייט אין ארץ ישראל יענע צייט, האט דאן פאסירט ביים טאטן, אז איינע פון די קינדער זענען ליידער זייער נישט געזונט געווארן.

איז די טאטע אריין צום צדיק וקדוש רבי דוד'ל מלעלוב זי"ע, און ער האט מזכיר געווען דעם קינד ביים צדיק, און געגעבן פאפירענע געלט פארן צדיק אלס א פדיון, **אבער די טאטע האט זיך געשעמט אז ער האט געגעבן א פאפירענע געלט וואס איז געווען גאר ווייניג ווערט**, אבער דער צדיק האט דאס גלייך מרגיש געווען און געזאגט פארן טאטן בזה"ל, "**בוסט א בטלן, פאפירענע געלט איז דאך לייכטער צו צערייסן**", און דאן האט דער צדיק געוויזן פארן טאטן ווי אזוי ער צערייסט די געלט, כאילו ער איז מבטל די גזירה אויפן קינד, **און לפלא איז דער קינד גלייך געזונט געווארן**.

• • •

**ווי באוויסט האבן זיך די צדיקים הקודמים אייביג געפרייט מיט יסורים**, וויסענדיג אז די יסורים וואס דער באשעפער שיקט אויף א איד, איז א גרויסע תועלת פאר א איד, ווייל דאס קומט נאר מיט גרויס רחמים וחסדים פונעם גרויסן באשעפער, פארשטייט זיך אז אויך דער צדיק וקדוש רבי דוד'ל מלעלוב זי"ע, האט זיך כסדר געפרייט מיט יסורים וואס ער האט געהאט.

פארציילט מען, אז ביי די תפלה וואס מען זאגט נאכן זאגן וידוי, "**וּמַה שֶּׁחָטָאתִי לְפָנֶיךָ מְחוֹק בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים אֲבָל לֹא עַל יְדֵי יִסּוּרִין וְחוֹלָאִים רָעִים**", האט אבער דער צדיק וקדוש געזאגט בזה"ל, "וּמַה שֶּׁחָטָאתִי לְפָנֶיךָ מְחוֹק בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים ***אֲפִילוּ*** עַל יְדֵי יִסּוּרִין וְחוֹלָאִים רָעִים, ווייל דער צדיק וקדוש האט אסאך מער מורא געהאט און געהאט א גרויס פחד פון אן עבירה, אז ער האט בכלל נישט מורא געהאט פון די יסורים, נאר געוואלט אוועק נעמען די עבירה אפילו דורך יסורים.

• • •

**הגה"ח רבי יצחק דוד גרוסמן זי"ע פון ירושלים**, האט געהאט א מנהג צו גיין זיך טובל'ן אין מקו' ביי חצות לילה, ער האט געהאט דארט א שכן א גוי, וואס האט געזען ווי דער איד גייט יעדן טאג אין מקו' ביי חצות ביינאכט, האט דער גוי אפ געמאכט, אז די קומענדיגע נאכט, ווען דער איד גייט אין מקו', וועט ער רח"ל דער הרג'ענען דעם איד, און טאקע דעם קומענדיגע נאכט, ווען דער רבי יצחק דוד איז אריין אין די מקו', **איז דער גוי אריין, און ער האט אראפ געהאלטן דעם רבי יצחק דוד אין די וואסער כדי ער זאל נישט קענען ארויף קומען**.

דער רבי יצחק דוד האט זיך ממש געראנגעלט זיך צו האלטן ביים לעבן, און ער האט שוין ממש געהאלטן ביים זיך דערטרענקען רח"ל, אבער פלוצלונג קומט אריין צו לויפן דער צדיק וקדוש רבי דוד'ל מלעלוב זי"ע, און ער האט דעם גוי געגעבן א האק אין קאפ, און פון דעם איז דער גוי אראפ געפאלן באוויסטלאז, און אזוי האט דער צדיק געראטעוועט דעם איד, און ווען דער רבי יצחק דוד האט געפרעגט דעם צדיק, פון ווי ער האט געוויסט אז ער איז אין א סכנה, האט דער צדיק געענטפערט מיט זיין גרויס ענוות, "**מיט מיינע גראבע עבירות האב איך געהאט א הרגשה, אז מיין חבר איז אין א סכנה**".

• • •

**הרה"ח ר' שמואל אהרן וועבער ז"ל האט דערציילט**, אז ווען ער האט געהאלטן נאך די חתונה, איז ער איינמאל געווען ביים צדיק רבי דוד צבי שלמה מלעלוב זי"ע אין ביהמ"ד נאך שחרית, און יענעם טאג איז געווען א יארצייט פון איינע פון די צדיקים, און מען האט געגעבן תיקון, דער ר' שמואל אהרן איז צו געגאנגען געבן לחיים פארן רבין, לפלא זאגט די רבי פאר ר' שמואל אהרן בזה"ל, "**לחיים טובים ולשלום, בעתו ובזמנו ובניקל**", עס איז אים געווען א פלא די ברכה, אבער אפאר טאג שפעטער איז ער געוואר געווארן, אז די ווייב ווארט ב"ה א קינד, און דער צדיק האט דאס אלעס מרגיש געווען נאך בעפאר איינער זאל וויסן דערפון.

ווען עס איז געקומען די צייט צו האבן די קינד, איז זיין ווייב געווען א מקשה לילד, איז ער אריבער צום צדיק מזכיר זיין די יולדת, האט דער צדיק געזאגט, **אז ער זאל אהיים גיין און זאגן 7 מאל נישט צו גיך און נישט צו פאוואליע די קאפיטל תהילים (תהילים כ') יַעַנְךָ ד' בְּיוֹם צָרָה**, דער חסיד ר' שמואל אהרן האט אויס געפאלגט וואס די רבי האט געהייסן, און ווען ער האט געענדיגט די 7'טע מאל

דעם קאפיטל, איז דאס קינד געבוירן געווארן בשעה טובה ומוצלחת.

ווען ער איז צוריק געקומען מבשר זיין פארן רבין די בשורה טובה, נאך בעפאר ער האט געקענט עפעס זאגן, האט דער צדיק אים געזאגט **"א מיידל"**, וואס דאס איז געווען א פלא ממש, דאן האט ער געזאגט פארן רבין די נאמען וואס ער וויל געבן נאך א באבע, האט דער צדיק געזאגט, אז ער זאל געבן די נאמען "**פריידא גיטל**", נאך די רעבעצין פון זיין ברודער הרה"ק רבי יצחק דוד מלעלוב זי"ע, **ווייל זי איז געווען א גרויסע צדקת און האט אלע קינדער געהאט בניקל**, ער האט טאקע געגעבן דעם נאמען פארן טאכטער, **און לפלא האט די טאכטער געהאט אלע קינדער בניקל**.

• • •

**נאך האט א אייניקל פונעם חסיד ר' שמואל אהרן וועבער ז"ל דערציילט**, אז די זיידע פלעגט יעדע וואך גיין צו סעודת מלווה מלכה צום צדיק רבי דוד צבי שלמה מלעלוב זי"ע, איין וואך איז ער נישט אנגעקומען צו מלווה מלכה, און דעם אנדערן טאג האט די רבי געפרעגט פון ר' שמואל אהרן, ווי ער איז געווען נעכטן ביי מלווה מלכה, האט ער געזאגט פארן רבין די סיבה.

האט דער צדיק רבי דוד'ל זי"ע אים געזאגט, **איך וויל נישט דווקא וויסן פארוואס די בוסט נישט געקומען, איך וויל נאר מאכן זיכער אז די האסט דיך געוואשן צו מלווה מלכה, ווייל דאס איז א סגולה פאר אריכת ימים**, און דאן האט דער צדיק רבי דוד'ל זי"ע געזאגט פארן חסיד ר' שמואל אהרן, **לייג דיר אוועק א האר פון די בארד, ווייל דיינע אייניקלעך וועלן נישט גלייבן אז דו האסט געהאט א געלע בארד**, און בשעת די זיידע האט דערציילט די מעשה, **איז ער שוין דאן געווען איבער די ניינציג יאר אלט**, און ער האט געזאגט, יונג וועל איך שוין נישט ווערן.

• • •

**אין ספר תפארת אבות ווערט געברענגט**, אז איינמאל אין א הייסן זומער טאג האט רבי דוד'ל געזען א פורמאן וואס האט געפירט קעלבער אויף א וואגן, די בהמות זענען געווען גאר דורשטיג און האבן געליטן פונעם שטארקע היץ, רבי דוד'ל איז גלייך געלאפן, **גענומען א איימער וואסער מיט זיין אייגענער כח, און אנגעהויבן אנגיסן וואסער פאר די קעלבער**, ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס ער פלאגט זיך אזוי פאר בהמות, האט ער געענטפערט מיט א פשטות, "**דאס איז א מצוה פון צער בעלי חיים, און דער אויבערשטער האט רחמנות אויף דעם וואס האט רחמנות אויף אנדערע באשעפענישן**".

• • •

**אין ספר קדש הלולים ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז אריבער א פשוט'ער איד אויפן גאס און ער האט שטארק באליידיגט דעם צדיק רבי דוד'ל מלעלוב זי"ע אויף די גאס, די חסידים זענען געווארן שטארק אין כעס אויף דעם איד און געהאלטן אז זיי ברויכן זיך אננעמען פארן כבוד פונעם רבי'ן, אבער דער צדיק רבי דוד'ל האט זיי גלייך אפגעשטעלט און געזאגט, "**האט נישט קיין טענות אויף אים! ער איז א גוטער איד, נאר ער האט פשוט א שווערע הארץ און ער ליידט נעבעך אסאך צער, און דערפאר שרייט ער נעבעך**", און דער צדיק האט מתפלל געווען פאר יענעם איד, אז ער זאל האבן א ישועה.

• • •

**אין ספר מגדל דוד ווערט געברענגט**, אז די חסידים האבן דערציילט, אז ווען דער צדיק רבי דוד'ל פלעגט זיך שטעלן דאווענען, האט זיך דער גאנצער ארום געביטען, ער פלעגט דאווענען מיט אזא ברען און דביקות עילאית, אז מען האט ממש געזען אויף זיין פנים ווי ער שטייט פארן מלך מלכי המלכים, איינמאל אין א שבת האט א גרויסער רב באזוכט אין זיין בית מדרש, און ער האט זיך נאכדעם אויסגעדריקט, "**צו זען ווי רבי דוד'ל זאגט נאר דעם אנהויב פון דאווענען, קען מען שוין תשובה טאן מיטן גאנצן הארץ**".

• • •

**אין ספר מגדל דוד ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז א איד פון ירושלים אריינגעקומען צום צדיק וקדוש רבי דוד'ל מלעלוב זי"ע מיט א צעבראכן הארץ, און ער האט דערציילט פארן צדיק אז זיין קליין קינד איז ליידער גאר שווער קראנק, און די דאקטוירים האבן שוין געהאלטן אז עס איז ליידער נישטא קיין שום האפענונג, חס ושלום, און דער איד האט ביטערליך געוויינט פארן צדיק אז ער זאל פועלן א רפואה שלימה פארן קינד.

דער צדיק רבי דוד'ל האט גענומען דעם קוויטל מיט זיין גרויס רחמנות, דער צדיק האט

פארמאכט די אויגן פאר א לאנגע ווייל, און זיך פארטיפט אין א שטארקע דביקות מיט גרויס קדושה.

דערנאך האט ער זיך אנגערופן מיט פולער בטחון, "**גיי אהיים מיט שמחה! דער אויבערשטער איז א רופא חנם, און דאס קינד וועט האבן א רפואה שלימה**", ווען דער טאטע איז אנגעקומען אהיים, האט ער געפונען אז דאס קינד האט זיך פלוצלונג אויפגעוועקט פון זיין שווערער צושטאנד, דאס פיבער איז אראפ, און ביז א קורצע צייט איז ער אינגאנצן געזונט געווארן.

• • •

**אין ספר תפארת אבות ווערט דערציילט**, אז אין יענע יארן אין ירושלים האבן די טערקישע מאכט-האבער ארויפגעלייגט א שווערע גזירה אויף די אידישע איינוואוינער, וואס דאס האט זייער פארשווערט די מצב פון די אידן אין ירושלים, די עסקנים זענען געלאפן צו רבי דוד'ל און געבעטן אז ער זאל איינרייסן און מבטל זיין די גזירה.

דער צדיק רבי דוד'ל האט זיך פארשלאסן אין זיין חדר און געדאווענט מיט גרויסע בכיות און קדושה עילאית, ווען ער איז ארויסגעקומען, האט ער געזאגט, "**דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט, די גזירה איז בטל געווארן**", לפלא דעם קומענדיגע טאג האבן די טערקישע באאמטע פלוצלונג צוריקגעצויגן פונעם גזירה, און די אידן האבן אפגעאטעמט מיט פרייד.

• • •

**אין ספר מגדל דוד ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז אריבערגעקומען א ארעמע מיידל וואס האט געארבעט אלס דינסט אין א הויז אין ירושלים, און זי איז געווען גאר צעבראכן, ווייל זי האט בטעות צעבראכן א טייער גלעזל פון די בעלי בתים, און זי האט מורא געהאט אז מען וועט איר אראפנעמען דאס געלט פון איר קליינעם געהאלט וואס זי האט באקומען.

ווען דער צדיק רבי דוד'ל האט דאס געהערט, האט ער זיך גלייך אויפגעשטעלט, ארויסגענומען געלט פון זיין אייגענעם קעשענע, און איר געגעבן דעם גאנצן סכום צו באצאלן פארן בעל הבית, און ער האט איר געזאגט מיט גרויס ליבשאפט, "**גיי אהיים מיט א רוהיג הארץ, קיין שום מענטש דארף נישט ליידן אדער וויינען וועגן א שטיקל גלאז**".

• • •

**אין ספר תפארת אבות ווערט דערציילט**, אז עס האט אמאל אויסגעבראכן א שווערע מחלוקת צווישן צוויי שכנים אין ירושלים, און די זאך האט זיך גאר שטארק פארפלאנטערט, ווען דער צדיק רבי דוד'ל האט געהערט דערפון, האט ער באשלאסן אז ער אליין וועט גיין צו זיי אין הויז צו מאכן שלום.

איינער פון די חסידים האט אים געפרעגט מיט וואונדער, "**רבי, פארוואס זאלט איר זיך מטריח זיין און גיין צו זיי? זאלן די צוויי קומען צו אייך אין שטוב**", האט דער צדיק רבי דוד'ל האט אים געענטפערט מיט זיין גרויס עניוות, "**דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה וואס איר גאנצע וועג איז נאר שלום, אויב איך קען ברענגען שלום צווישן צוויי אידן, איז מיין כבוד גארנישט ווערט, איך וועל גיין ביז דעם אנדערן עק שטאט פאר דעם**", און דער צדיק איז געגאנגען צו זיי, און דורך זיין איידלקייט אוןווארעמע דיבורים האבן זיך די צוויי שכנים ארומגענומען איינע דעם אנדערן און מוחל געווען איינע דעם אנדערן.

• • •

**אין ספר בית לעלוב ווערט געברענגט**, אז איינמאל פרייטאג צונאכטס, ווען דער צדיק וקדוש רבי דוד'ל מלעלוב זי"ע איז געזעסן ביים טיש מיט זיינע תלמידים און חסידים, איז אריינגעקומען א ארימאן וואס האט אויסגעזען זייער אומאיידל און האט זיך נישט אויפגעפירט ווי עס פאסט פאר א שבת'דיגן טיש, עטליכע פון די ארומיגע האבן אים געוואלט ארויסבאגלייטן אדער אים גאר פארשעמען.

אבער דער צדיק וקדוש רבי דוד'ל מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, האט גלייך אנגעכאפט דעם ארימאן'ס האנט, אים אראפגעזעצט ממש נעבן זיך אויפן אויבן-אן, און אים מכבד געווען מיט די שענסטע מאכלים פונעם טיש, און שפעטער האט דער צדיק געזאגט פאר זיינע חסידים מיט א פשטות, "**דער שבת איז געגעבן געווארן צו ברענגען מנוחה און שמחה פאר יעדן אידיש הארץ, בפרט פאר די וואס האבן נישט קיין אנדערע ארט וואו צו זיין**", ווייל דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען צו מקרב זיין יעדן איד אפילו די גאר שוואכע אידן, און האט זיי אלע געברענגט נענטער צום גרויסן באשעפער.

**יארצייט ו' אלול**

**הגה"ק רבי גרשון שאול יו"ט ליפמאן ב"ר נתן הלוי זי"ע, (העלער)**
**בעל תוספות יו"ט, מקראקא**

ער איז געבוירן אין שטאט וואלערשטיין און די מדינה באוואריא, **בשנת של"ט**.

צו זיין טאטע הגה"ק **רבי נתן הלוי העלער** זי"ע.

ליידער איז די טאטע וואס איז געווען א גאר געהויבענע איש אלוקים, נסתלק געווארן נאך בעפאר דער קינד איז געבוירן געווארן, און ער איז אויף געצויגען געווארן ביים זיידן הגה"ק **רבי משה הלוי העלער** זי"ע.

ער איז געווען א איש אלקים קדוש ונורא מאוד, און א צדיק וקדוש, ער איז געווען א בקי וחריף נפלא בש"ס ופוסקים און א למדן נפלא בתורה, ער איז געווען מפורסם אלס א לוחם מלחמת השם במסירת נפש, ער האט אסאך עוסק געווען אין חכמת הקבלה, ער האט אסאך מלחמה געהאלטן מיט די מהרסי הדת, און ער האט מתקן געווען גרויסע תיקונים צו מחזק זיין אידישקייט, ובתוכם האט ער איינגעפירט אז מען זאל נישט אויפנעמען קיין רבנים, דורך דעם וואס יענער האט באצאלט פאר די רבנות מיט געלט, און טאקע דערפאר וואס ער האט אזויפיל לוחם געווען, האט ער געהאט אסאך שונאים צווישן די וואס האבן זיך נישט געוואלט פירן ערליך, און מען האט דעם גאון וקדוש אסאך געפייניגט און מצער געווען.

אויך איז דער גאון געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע חכמה אין פילוסופיה און געווען א גאון אין חכמת אסטרונומיה.

ער איז שוין פון זיין יוגענט געווען מפורסם מיט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע חכמת התורה, ער האט שוין דאן מחבר געווען גאר הייליגע חיבורים נפלאים וואס גאונים און צדיקים בדורו האבן זייער מפלא געווען.

ער האט געלערנט אין די ישיבה פון הגה"ק **בעל מהר"ל מפראג** זי"ע, אויך האט ער געלערנט תורה פון הגה"ק **רבי יעקב גינצבערג בעל זרע יעקב מפראג** זי"ע, און אויך פון הגה"ק **רבי שלמה אפרים מלונטשיץ בעל כלי יקר מפראג** זי"ע.

ער האט חתונה געהאט מיט **הצדקת מרת נעכלי** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי משה אהרן תאומים מפראג** זי"ע.

מען דערציילט, אז ווען דער הייליגער תוספות יום טוב זי"ע איז שוין געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע גאונות און גדלות בתורה, האט ער געלערנט פאר בערך דריי יאר אין די ישיבה פון הגה"ק **רבי אליהו אשכנזי בעל שם מוורמייזא** זי"ע, און איז געווען צווישן די 27 בני עליה וואס זיין רבי ר' אליהו האט ממליץ געווען אויף זיי, **אז די זעלנען די 27 אותיות מיט וואס די תורה איז געגעבן געווארן, און מיט די 27 ווערטער האט דער גרויסער באשעפער באשאפן די וועלט**, און דארט ביי דעם רבין איז דער גאון גאר שטארק געוואקסן אין תורת הקבלה, און דער גאון האט געזאגט, אז דארט האט ער זיך געלערנט **צו מקרב זיין אפילו גאר פשוטע אידן צום גרויסע באשעפער**.

ביי די 18 יאר אלט בשנת שנ"ז האט מען אים אויף גענומען אלס דיין און ראש ישיבה אין שטאט **פראג**, און בשנת שפ"ה האט מען אים אויף גענומען אלס **אב"ד ניקלשבורג**.

בשנת שפ"ו איז ער אריבער קיין **ווינא אוסטריה**, און דארט האט דער גאון אויף געטון גאר אסאך ארויף צו ברענגען אידישקייט, ער האט דארט אין שטאט אסאך תקנות מתקן געווען אינעם בית הכנסת, ווי דער נוסח און סדר פונעם דאווענען, און אויך א סדר צו לערנען דעם הייליגען ספר **אורחות חיים להרא"ש**, און ער האט אפילו געלאזט איבער דריקן דעם ספר אין אידיש שפראך אז יעדער אפילו די פשוטע המון עם זאלן דאס קענען לערנען.

בשנת שפ"ח האבן די אידן פון שטאט פראג פארבעטן דעם גאון אז ער זאל קומען דינען אלס רב ביי זיי אין שטאט, די שטאט'ס לייט פון ווינא האבן נישט געוואלט לאזן זייער טייערע רב אוועק גיין, אבער דעם הייליגען תוספות יו"ט האט זייער געוואלט גיין קיין פראג, וואס איז דאן שוין געווען א עיר מלאה חכמה און גאוני התורה.

אבער ליידער ביקש לישב בשלווה, קפץ עליו רוגזו, און דאן איז געווען אינמיטן די מלחמת שלשים שנה, און מען האט ארויף געלייגט א שטייער אויף אלע מענטשן פון די מדינה, וואס די געלט איז געגאנגען צו שטיצן די מלוכה, און דאן האט מען אויף געשטעלט ביי די אידן א וועד, וואס זאלן צוזאמען נעמען דאס געלט און באשטימען וויפיל יעדער ברויך געבן לויט וויפיל יענער האט פארדינט, און וויבאלד דער הייליגער תוספות יו"ט איז דאן געווארן רב אין שטאט, איז ער אויך געווען אין דעם וועד.

צוליב דעם האט ער ליידער געהאט דארט אין שטאט שונאים גבירים וואס האבן נישט צו געשטימט צום סכום וואס מען האט זיי מחייב געווען, זענען זיי ליידער געגאנגען פאר'מסר'ן פארן מלך הער פערדינאנד דער צווייטער, **אז דער גאון אין זיינע הייליגע חיבורים מעדני מלך, און לחם חמודות, שרייבט ער זאכן קעגן די ממשלה**.

י"ז תמוז בשנת שפ"ט האט מען ארעסטירט דעם גאון אין געברענגט קיין ווינא, און מען האט דעם גאון געשטעלט פארן געריכט, און די קאטולישע גלחים און ריכטער האבן דעם גאון אויסגעפרעגט אויף אלע וועגן, אבער דער הייליגער גאון האט מיט זיין גרויסע כח התורה זיי אלע אפ געפרעגט און אויפגעוויזן אז אין זיין ספרים שטייט גארנישט קעגן די ממשלה.

מען האט דאן ארויסגעגעבן א איסור, אז ער קען נישט וואוינען אינעם גאנצן מדינה און אויך אז מען זאל מער נישט מעגן פארקויפן זיינע ספרים.

מיט דעם אלעם האט דאס לעבן פונעם הייליגען גאון געהאנגען ממש אויף א האר, אז מען זאל אים ח"ו אומברענגען אלס שטראף, אבער בחסדי השם איז דער גאון ניצול געווארן מיט ניסי ניסים און מען האט אים נאך פערציג טאג זיצן אין תפיסה באפרייט **ביום כ"ח מנחם אב שפ"ט**.

ער האט דאן געשריבן דעם **מגילת איבה**, ווי ער האט פארשריבן אלע צרות וואס ער איז דאן אריבער, און אויך דעם גרויסע נס וואס דער הייליגער באשעפער האט מיט אים געטון, אז ער איז באפרייט געווארן, און ער האט באפוילען פאר די דורות שפעטער, אז מען זאל דעם טאג וואס ער איז ארעסטיר געווארן האלטן פאר א **יום תענית**, און דעם טאג וואס ער איז באפרייט געווארן זאל זיין **א טאג פון שמחה**.

בשנת שצ"ב האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין שטאט **נמירוב** אין פולין, און בשנת שצ"ד האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין שטאט **לודמיר** אין וואהלין, אבער ליידער דארט האט דער גאון ווייטער געליטן פון די רשעים, וואס זענען דערגאנגען דעם גאון מיט אנדערע מסירות.

בשנת ת"ד ווען דער **הייליגער ב"ח** זי"ע איז נסתלק געווארן, האט מען דעם גאון אויף גענומען אלס ממלא מקום אין שטאט **קראקא**, וואס דאס האט די גאון געהאלטן פאר א גרויסע זכי' פאר אים, וויבאלד דער שטאט קראקא איז געווען באוויסט אלס א עיר התורה ווי גרויסע גדולים און גאונים האבן דארט געוואוינט, און דער גאון האט באשטימט דעם טאג **א' אדר** אלס א **יום שמחה לדורות**, דעם טאג וואס ער איז געווארן רב אין שטאט **קראקא**.

אבער ליידער איז פארן גאון נישט געווען באשערט צו לעבן במנוחה, און בשנת ת"ח האט זיך אנגעהויבן די צרות פון די "**גזירת ת"ח ות"ט**" ווען ליידער זענען אויס גע'הרג'עט געווארן א גרויס חלק פון כלל ישראל מיט מיתות משונות און אכזריות רח"ל.

נאכדעם וואס די רשעות פון די רשעים האבן זיך אויפגעהערט, האט דער גאון עוסק געווען מיט א געוואלדיגע מסירת נפש צוריק צו אויף שטעלן דאס אידישקייט אין די אלע שטעט,

אויך האט ער אסאך עוסק געווען אין היתר עגינות פאר די פרויען וואס די מענער זענען ליידער אוועק גענומען געווארן, און מען האט נישט געוויסט וואס עס איז מיט זיי געווארן, און הונדערטער עגינות האט דער גאון מיט זיין געוואלדיגע חכמה און כח התורה מתיר געווען.

נאך די גזירות ת"ח ות"ט, האט דער גאון גאר אסאך תעניתים אפ געראכטן און מתפלל געווען, **אז מען זאל אים מגלה זיין, וואס די גורם איז געווען פאר די ביטערע גזירה אויף אידישע קינדער**.

און דער גאון האט געזאגט, אז מען האט אים מגלה געווען פון הימל, אז די ביטערע צרות זענען ליידער געקומען, **ווייל מען היט נישט ריכטיג אפ דעם קדושת ביהכנ"ס און ביהמ"ד, און מען רעדט אינמיטן דאווענען דברי חול**, און ער האט געזאגט, אז מיט דעם וואס מען רעדט ביים דאווענען, איז מען ח"ו פוגם אין דעם ווארט "**דבור**" און דורך דעם גייט אוועק די אות "**ו**" און עס ווערט ח"ו "**דבר**".

דאן האט דער גאון גאר אסאך מעורר געווען אידישע קינדער סיי ביי זיך אין שטאט, און אויך האט ער מפרסם געווען אין אלע אידישע שטעט, אז מען זאל אנהייבן נזהר זיין אין קדושת ביהמ"ד, און דורך דעם וועט קומען אלע ברכות אויף כלל ישראל.

אויך האט דער גאון דאן מתקן געווען א **מי שברך** וואס מען זאל מאכן אין אלע בתי מדרשים פאר די אידן וואס רעדן נישט ביים דאווענען.

מי שברך אבותינו, אברהם יצחק ויעקב, משה ואהרן, דוד ושלמה, הוא יברך את כל מי ששומר פיו ולשונו שלא לדבר בעת התפילה, הקב"ה ישמרהו מכל צרה וצוקה ומכל נגע ומחלה, ויחולו עליו כל הברכות הכתובות בספר תורת משה רבינו ובכל ספרי הנביאים והכתובים, ויזכה לראות בנים חיים וקיימים ויגדלם לתורה לחופה ולמעשים טובים, ויעבוד את ה' אלוהינו תמיד באמת ובתמים ונאמר אמן.

ער האט איבער געלאזט פאר די וועלט זיינע הייליגע חיבורים, וואס ממש איינס איז גרעסער ווי די צווייטע.

**תוספות יום טוב, פירוש על משניות.**
**מעדני יום טוב, פירוש על פסקי הרא"ש.**
**פלפולא חריפתא, פירוש על פסקי הרא"ש.**
**אוצרות יום טוב, על התורה.**
**מגילת איבה, תולדות חייו.**
**מלבושי יום טוב, הערות על חיבוריו מרבי מרדכי יפה בעל הלבושים זי"ע.**
**טוב טעם, הערות על פירוש רבנו בחיי.**
**תורת האשם, הערות על ספר תורת חטאת של הרמ"א.**
**ברית מלח, על הלכות מליחה.**
**חידושי הלבנה, על הלכות חידוש הלבנה.**
**מאמר יום טוב, הערות על פירוש רבי אברהם אבן עזרא.**
**צורת בית המקדש, בירור אודות מידותיו וצורתו של בית המקדש.**
**פירוש על ספר בחינת עולם של רבי ידעיה הפניני.**

אויך האט דער גאון וצדיק זוכה געווען אז זיין חיבור **תוספות יו"ט**, איז געדריקט געווארן אין אלע **משניות אלס א פירוש אויף משניות**.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הגה"ק **רבי אברהם** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת רייזל** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי יעקב יוסף כ"ץ מטריסק** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת רבקה** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי צבי הירש מפראג** זי"ע, וואס פון זיי איז ארויס געקומען די הייליגע גזע **זידיטשוב** און **קאמארנא**,
הגה"ק **רבי חיים** זי"ע.

בשנת תי"ד איז דער גאון ליידער גאר שטארק קראנק געווארן, און זיך גאר שווער געמיטשעט מיט יסורים נוראים, און ווי באקאנט איז זיין ארגינעלע נאמען געווען "**יום טוב ליפמן**" אבער דאן האט מען אים צו געגעבן די נאמען "**גרשון שאול**" אלס סגולה לרפואה.

נסתלק לגנזי מרומים **ו' אלול בשנת תי"ד**, ומנוחתו כבוד איז אין **ביה"ח הישן אין שטאט קראקא**.

לעצטערע יארן האבן אידן אנגעהויבן א שטארקע הפצה צו מעורר זיין אידן אז מען זאל זיך שטארקן און אינטער נעמען א קבלה נישט צו רעדן ביים דאווענען, און אידן זעהן גרויסע ישועות חוץ לדרך הטבע דורך די קבלה, אזוי ווי דער הייליגער צדיק האט צו געזאגט, **אז אויב וועט מען האלטן דעם הויז פונעם הייליגע באשעפער הייליג און טייער, וועט דער באשעפער שיקן השפעות געזונט פרנסה און נחת.**

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מען האט אמאל געפרעגט דעם פוסק הדור** הגה"צ רבי מאיר אריק מטארנא זי"ע, אויב עס איז אמת אז דער מהר"ל מפראג האט באשאפען **א גולם דורך דעם ספר יצירה**.

האט ער געזאגט, **אויב דער מהר"ל מפראג האט באשאפן א גולם צו נישט, דאס ווייס איך נישט, אבער אז דער מהר"ל האט אויף געשטעלט אזא גרויסן תלמיד ווי דער הייליגער תוספות יום טוב ווייס איך יא, און דאס איז פיל גרעסער ווי באשאפן א גולם.**

• • •

**ווי באקאנט האט דער הייליגער תוספות יו"ט זי"ע** געהאט א זון א גרויסער גאון און צדיק הגה"ק **רבי שמואל** זי"ע, וואס האט זיך גאר שטארק איבער געגעבן פארן טאטן, און ער האט געהאט א גרויסע יד אונעם באפרייען דעם טאטן פון תפיסה.

איינמאל איז דער זון גאר שטארק קראנק געווארן, און ער איז שוין געווען נוטה למות, איז דער טאטע דער תוי"ט צו געגאנגען צו זיין ספרים שאנק ווי עס איז געלעגן די כתב יד פונעם הייליגען חיבור "**תוספות יו"ט אויף גאנץ משניות**", און ער האט גענומען דעם חיבור אין זיינע הייליגע הענט, און געזאגט מיט זיין גרויס ענווה, "**רבוש"ע אפשר האב איך געהאט א הנאה גופניות און נישט אינזין געהאט אינגאנצן לשם שמים מיט מיין חיבור, איך זאג דיר צו רבש"ע אז איך גיי פארברענען דעם כתב יד**", און דער תוי"ט האט אנגעגרייט דעם פייער צו פארברענען דעם גאנצן חיבור, כדי דאס זאל זיין א זכות פאר זיין קינד אז ער זאל געזונט ווערן.

אבער דאן האט דער תוי"ט געהערט ווי זיין קינד שרייט, **טאטע טאטע טוה דאס נישט**, איז דער תוי"ט געלאפן צום קינד, און ער זעהט אז פאר זיין זון איז שוין בעסער געווארן, און דער קינד דערציילט אים וואס דא האט פאסירט.

יעצט איז מיין נשמה געווען אין הימל, און מען האט מיך דארט דן געווען צי איך זאל בלייבן לעבן אדער ח"ו נישט, מיט אמאל זעט ער ווי **רבינו הקדוש דער בעל המשניות קומט און זאגט, לאזט אים צורוה, און לאזט אים לעבן, ווייל זיין טאטע האט מחבר געווען דעם ספר תוספות יו"ט לשם שמים, און ער האט מכוון געווען צום אמת, און יעצט וויל ער דאס פארברענען.**

תיכף דערנאך האט זיך דער זון ערוועקט און געבעטן ביים טאטן אז ער זאל ח"ו נישט פארברענען דעם חיבור וואס רבינו הקדוש האט אזוי הנאה דערפון, און דער זון איז דאן אינגאנצן געזונט געווארן.

• • •

**ווערט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער תוספות יו"ט זי"ע איז א חתן געווארן צום טאכטער פונעם גביר פונעם שטאט, איז ער נאך דאן געווען גאר יונג, און נאכן שידוך איז איינע פון די גרויסע שרים געקומען צום שווער אין שטוב, און לכבוד דעם שר האט מען געמאכט א גרויסע סעודה, און בשעת די סעודה האט דער שר חוזק געמאכט פונעם גביר, אז ער האט גענומען פאר אן איידעם דעם בחור וואס איז פעלער האפטיג, וואס ווי באוויסט האט דער הייליגער גאון דער תוספות יו"ט **געהינקעט אויף איין פיס**, האט דער גביר געזאגט פארן שר, **די וועסט נאך זעהן זיין גרויסע כוח.**

בשעת די סעודה האט דער שר געהאלטן א דרשה, און ער האט געזען ווי דער יונגער גאון דרימעלט איין בשעת זיין דרשה, האט דער שר געזאגט בתוך הדברים, "**קוקט ווי דער חתן שלאפט בשעת מיין דרשה**", אבער לפלא ווען דער שר האט געענדיגט די דרשה, האט ער געבעטן דעם תוספות יו"ט, אז ער זאל איבער זאגן די דרשה וואס ער האט ממש יעצט געזאגט.

צום גרויסן וואונדער פון אלע מענטשן וואס זענען דארט געזעצן, האט דער הייליגער תוספות יו"ט איבער געזאגט דעם גאנצן דרשה, און נישט אויס געלאזט קיין שום ווארט, און אפילו די ווערטער וואס דער שר האט געזאגט "**קוקט ווי דער חתן שלאפט בשעת מיין דרשה**", דאס האט ער אויך איבער געזאגט, דאן האט דער שר געכאפט, אז דער גאון האט טאקע נישט פארשטאנען די דרשה, וויבאלד עס איז נישט געווען אויף זיין שפראך, אבער מיט זיין געוואלדיגע זכרון, האט ער געקענט איבער זאגן דעם גאנצן דרשה ווארט ביי ווארט.

• • •

**ווי באוויסט האט דער זוהן פונעם הייליגען תוספות יו"ט זי"ע**, הגה"ק **רבי שמואל** זי"ע זוכה געווען צו זיין דער הויפט עסקן וואס האט געפירט צום באפרייאונג פון זיין הייליגען טאטן, ווען זיין טאטע דער הייליגער תוספות יו"ט זי"ע איז געווען רב אין פראג, און איז ליידער געזעצן אין תפיסה אין שטאט וויען צוליב די פאלשער בלבול און שרעקליכע מסירות פון זיינע קעגנער וואס זענען געווען פון די מהרסי הדת.

יענע צייט ווען מען האט זיין טאטן ליידער איינגעזעצט און תפיסה און עס האט רח"ל געדראעט אויפן הייליגען תוספות יו"ט זי"ע א משפט מוות, האט אים זיין טאטע א שטיק צייט בעפאר געשיקט לערנען אין די גרויסע ישיבה אין **מיץ** וואס איז געווען אין פראנקרייך, דער זוהן רבי שמואל האט דארט עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה און געוואקסן אין תורה ביז ער איז געווען א בקי נפלא בש"ס ופוסקים.

איין טאג האט דער זוהן רבי שמואל באקומען א בריוו פון זיין גרויסן טאטן, אז ער זאל זאפארט אהיים קומען, דער זוהן האט זיך גלייך ארויס געלאזט אויפן וועג אהיים, אבער ווען דער זוהן איז דורך געגאנגען דעם שטאט **וויען**, איז ער ליידער געוואר געווארן די מצב פון זיין גרויסן טאטן אז ער געפינט זיך ליידער אין פינסטערן תפיסה און מען גייט אים רח"ל משפט'ן אויב דער טאטע זאל בלייבן לעבן אדער ח"ו נישט.

פארשטייט זיך אז דער זוהן איז פון דעם געווארן שטארק צובראכן און נישט געקענט ווייטער גיין פון גרויס צער, ער האט זיך דאן נאנט צום שטאט וויען אנידערגעזעצט אפרוען אויף א ארט צווישן ביימער און גראז, יענע צייט איז פאר געקומען א גרויסע פאראדע אין שטאט וויען, און דער זוהן רבי שמואל האט ביי זיך געטראכט ביי וועם ער קען יעצט איינשטיין דא אין שטאט בעפאר ער גייט ווייטער.

אזוי זיצענדיג אונטערן בוים האט דער זוהן רבי שמואל געהערט אויפאמאל פארצווייפלטע געשרייען, "**ראטעוועט, ראטעוועט**", ווען ער האט א קוק געגעבן האט ער געזען א שרעקליכע בילד, ווי א ווילדער אקס לויפט נאך א רייכע פרוי, און נעבן איר לויפט א אנדערע פרוי מיט א קליין קינד אין די האנט, און די פרויען שרייען מיט קולות אז מען זאל זיי ראטעווען פון דעם ווילדן אקס.

אזוי קוקענדיג האט דער גאון וואס איז געווען א גאר קלוגער מענטש געזען, אז די פרוי מיט די קינד אין די האנט איז די העלפערין פון די רייכע פרוי, און די העלפערין האט געטראגן **א רויטע טיכל**, און ווי באוויסט ווערט א אקס זייער ווילד ווען ער זעהט א רויטע קאליר, און דערפאר איז דער אקס ווילדערהייט נאכגעלאפן די פרוי.

דער גאון רבי שמואל טראכט נישט קיין צוויי, ער געט א כאפ אראפ די רויטע טיכל פון די העלפערין, און געט א ווארף דעם טיכל אין פנים פארן אקס, גלייך האט זיך דער אקס א לאז געטאן אויפן טיכל און דאס צעביסן און צעשטויסן, און אזוי האט ער געראטעוועט די פרויען און דעם קינד פון די סכנה.

א שטיקל צייט שפעטער איז אנגעקומען צום זוהן רבי שמואל א שיינער פיאקער, דארט איז געזעצן די מאן פון די רייכע פרוי וואס איז געווען א גרויסע שטאטס-מאן פון פראנקרייך, און ער האט שטארק באדאנקט דעם רבי שמואל פארן ראטעווען זיין פרוי און קינד פון די סכנה, און דער מאן האט געוואלט באלוינען דעם גאון רבי שמואל מיט פיל געלט און מתנות, אבער דער גאון רבי שמואל האט זיך אנטזאגט פון נעמען סיי וואסער באלוינונג פארן ראטעווען א מענטש פון טויט.

דער מאן האט נאכאמאל באדאנקט דעם רבי שמואל פאר זיין הצלות נפשות וואס ער האט געטון, און דאן האט דער מאן פארשפראכן פאר רבי שמואל, אז אויב ער וועט ברויכן סיי וואסערע טובה וועט ער אים דאס טון, און דער מאן האט אים געזאגט, אז ער האט גאר שטארקע קשרים אין די מלוכה און ער וועט זיך אנשטרענגען אים א טובה צו טון, אלס שכר וואס ער האט געטון פאר זיין משפחה, דער זוהן רבי שמואל האט דאן נאכנישט געוויסט ווי שנעל ער וועט ברויכן זייער טובה.

אבער ווי דער חכם מכל אדם שלמה המלך ע"ה זאגט (קהלת י"א א') **שַׁלַּח לַחְמְךָ עַל פְּנֵי הַמָּיִם כִּי בְרֹב הַיָּמִים תִּמְצָאֶנּוּ**, ווען רבי שמואל איז אנגעקומען אין אידישן קווארטאל האט ער זיך דאן הערשט דערוויסט אין וואסערע צרה די טאטע געפינט זיך ליידער, דאן האט דער זוהן רבי

שמואל דערציילט די השגחה פרטית וואס ער האט היינט געהאט מיט א הויעכראנגיקען פערזענליכקייט פון פראנקרייך.

דאן האט זיך דער זוהן אריין געלייגט און דורך געקוקט דעם גאנצע מסירה וואס מען האט אריין געגעבן אויפן טאטן, און אזוי ווי ער האט געהאט די באווייזן אז דאס איז פאלש און דאס איז נאר געווען א נקמה פון די מהרסי הדת, איז ער גלייך אריבער צו דעם שר כדי צו אפנעמען די טובה וואס ער האט אים פארשפראכן, און ב"ה מיט גרויס סייעתא דשמיא איז טאקע געלונגען צו אויף ווייזן פאר די שופטים די פאלשקייט פון די מסירה, און מען האט מיטן באשעפער'ס הילף אויפגעטרישט די אורטייל פאר א געלט שטראף, און דער הייליגער תוספות יו"ט זי"ע איז געראטעוועט געווארן ממוות לחיים.

• • •

**הרה"ח רבי שמואל בריכטא ז"ל האט דערציילט** א מעשה וואס ער האט מיטגעהאלטן, ער האט געהאט א חבר וואס האט ל"ע באקומען א הארץ אטאקע און ער איז געווען שטארק מסוכן, אבער ווען ער איז געקומען מבקר חולה זיין דעם חבר האט ער געזען, אז דער חבר איז געזונט און שטארק, פרעגט אים ר' שמואל וואס איז דא געשען.

האט דער חבר דערציילט די מעשה, איך בין א אייניקל פונעם הייליגען תוי"ט זי"ע, און איך פיר מיך יעדעס יאר **צו מאכן א יארצייט סעודה און לערנען משניות אונעם טאג פונעם יארצייט לעילוי נשמת דעם הייליגען זיידע**.

דאס יאר ביים יארצייט בין איך געלעגן קראנק אין שפיטאל, זעה איך אין חלום דעם זיידן דעם תוי"ט, און ער זאגט מיר, **דו פירסט דיך יעדעס יאר אין טאג פונעם יארצייט צו מאכן א סעודה לעילוי נשמתי, און אזוי בשעת מעשה האט אים די זיידע אנגעהויבן רייבן אויפן הארץ, און אזוי ווי איך האב מיך דערוועקט בין איך געווען געזונט און שטארק**.

• • •

**ווי באקאנט ליגען אונעם זעלבן ביה"ח ווי דער הייליגער תוי"ט זי"ע אסאך גדולים און גאונים**, אבער לפלא ליגט דער הייליגער תוי"ט גאר ביים עק פונעם ביה"ח, ווי מען לייגט געווענליך די גאר פשוטע אידן, אדער אפילו די גאר שוואכע פון שטאט, און דאס איז משום מעשה שהיה.

ווי באוויסט איז דער הייליגער תוי"ט זי"ע געווען דער עמוד התורה און עמוד הוראה בדורו, ער איז געווען פון די גרעסטע גדולים אין יענע צייטן, אבער גאר שטארק האט דער גאון עוסק געווען אין צדקה וחסד, ער פלעגט ארום גיין נאך געלט און צוזאמען שטעלן גרויסע סכומים פאר ארימעלייט און זייערע משפחות.

איז געווען אין שטאט א איד א גרויסער עושר וואס האט געהייסן **יוסף**, ער האט פארמאגט גאר אסאך געלט, אבער ווען דער הייליגער תוי"ט איז צו אים געקומען נאך געלט, האט מען פון אים נישט געקענט ארויס באקומען קיין פרוטה פאר צדקה, און דערפאר איז דער עושר געווען ללעג ולקלס אין דעם שטאט, מען האט אים כסדר פארשעמט און מבזה געווען, מען האט אים געריפן **יוסל'ה קמצן**.

ויהי היום דער עושר איז נפטר געווארן, און די חברא קדישא זענען געקומען צום הייליגען תוי"ט, און געפרעגט ווי מען זאל דעם איד לייגען אין ביה"ח, האט מען מיטן צושטימינג פונעם רב באגראבן דעם גביר **ביים עק פונעם ביה"ח**, ווייל אזא מענטש וואס דער באשעפער האט אים געבענטשט מיט אזויפיל געלט, זאל נישט האבן דאס הארץ צו געבן פאר ארימעלייט קיין פרוטה, **דארף ליגן ביים עק פונעם ביה"ח**.

אבער אביסל נאכן פטירה פון דעם גביר, האבן אנגעהויבן קומען צום תוי"ט נייע ארימעלייט וואס זענען קיינמאל נישט געקומען בעטן קיין צדקה פונעם תוי"ט, און ווען מען האט זיי געפרעגט וואס עס גייט יעצט פלוצלונג פאר, האבן זיי געזאגט, אז שוין יארן לאנג וואס זיי באקומען שטיצע פון אנדערע אידן פון שטאט, אבער יעצט האבן די אנדערע אידן אויף געהערט געבן און דערפאר קומען זיי צום רב.

ווען דער תוי"ט איז געגאנגען צו די אידן און געפרעגט, פארוואס זיי האבן אויף געהערט געבן געלט פאר די ארימעלייט, האבן די אלע דערציילט, **אז יארן לאנג וואס דער עושר וואס איז יעצט נפטר געווארן האט זיי אלע געגעבן גרויסע סכומים געלט כדי זיי זאלן פארטיילן די געלט פאר ארימעלייט, און דער עושר האט זיי אלע אן געזאגט, אז זיי זאלן**

**קיינעם נישט דערציילן דערוועגן**, אבער יעצט אז ער איז נפטר געווארן, האבן זיי שוין נישט קיין געלט צו געבן.

ווען דער הייליגער תוי"ט און די שטאט מענטשן האבן דאס דערהערט, זענען זיי ממש דערציטערט געווארן, אז אלע יארן האט מען ליידער פארשעמט דעם עושר און באהאלטענערהייט איז ער געווען א גרויסע בעל צדקה וואס האט אזויפיל צדקה געטיילט פאר ארימעלייט.

דער הייליגער תוי"ט זי"ע האט געטראכט ביי זיך, ווי אזוי ער קען מתקן זיין דאס וואס מען האט אזוי מבזה געווען דעם גרויסען בעל צדקה, האט ער געהייסן פאר די חברא קדישא, **אז נאך זיין 120 זאל מען אים לייגן ביים עק פונעם ביה"ח נעבן דעם גרויסן בעל חסד**.

• • •

**אינעם הקדמה צו זיין הייליגען פירוש אויף די משניות**, דערציילט דער הייליגער תוספות יום טוב זי"ע, ווי אזוי ער האט זיך געוואגט צו שרייבן א פירוש נאך וואס עס איז שוין געווען דער גרויסער פירוש פון רבינו עובדיה מברטנורא, און ער שרייבט דארט מיט גרויס עניוות, **אז ער האט חלילה נישט געוואלט משיג זיין אדער ארויסגעבן א מחלוקת אויפן ברטנורא**, נאר וואס דען, ער האט זיך פארגליכן צו דעם באקאנטן משל פון דעם "**ננס על גבי ענק**", איבער א קליינע חי' וואס שטייט אויף די אקסלען פון א ריז, וועט דער קליידער חי' נישט טראכטן אז ער איז גרויס.

די זעלבע איז ווען א קליינער מענטש שטייט אויף די אקסלען פון א גרויסן ריז, קען דער קליינער מענטש זעהן אביסל ווייטער ווי דער ריז אליין, איז דאס נישט ווייל דער קליינער איז א חכם אדער קלוגער, נאר ווייל ער שטייט אויף די הויכע אקסלען פונעם ריז, דערפאר קען ער אזוי ווייט קוקען, האט דער הייליגער תוספות יו"ט געזאגט מיט זיין געוואלדיגע עניוות, **אזוי אויך, זיין גאנצע פירוש איז נאר געבויט אויף די יסודות פונעם ברטנורא, און ער קומט בלויז צוזאמנשטעלן און ענטפערן די קשיות וואס בלייבן שווער**.

• • •

**אינעם ספר מגילת איבה ווערט דערציילט**, אז ווען מען האט דעם הייליגען תוספות יום טוב געפירט אין תפיסה קיין וויען, האט ער געמוזט גיין מיט שווערע אייזערנע קייטן אויף זיינע פיס, די קייטן זענען געווען אזוי שווער און שארף, אז זיי האבן אים אויפגעריסן די הויט און ער האט געהאט גרויסע יסורים און ווייטאג, האט איינער פון די מקורבים אים געפרעגט מיט א צובראכן הארץ, "**רבי, ווי אזוי קענט איר אויסהאלטן אזעלכע ביטערע יסורים און ביזיונות**".

האט דער הייליגער תוספות יו"ט געענטפערט מיט א שמייכל און א רואיגקייט, "**דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די זכיה צו מחבר זיין חיבורים אויף דער תורה וואס זענען נתקבל געווארן בכל תפוצות ישראל, אויב דער אייבערשטער האט מיר געגעבן אזא גרויסע כבוד און זכיה אויף די וועלט, דארף איך דאך האבן עפעס א כפרת עוונות און יסורים כדי צו רייניגען מיין נשמה, אז איך זאל נישט אנווערן מיין חלק אינעם עולם הבא, דעריבער דאנק איך דעם אייבערשטן אויף די יסורים די זעלבע ווי אויף די טובות**".

• • •

**אינעם ספר צורת בית המקדש ווערט געברענגט**, אז דער הייליגער תוספות יו"ט זי"ע האט געהאט א גרויסע ידיעה אין חכמת "**געאמעטריע און ארכיטעקטור**", ער האט מחבר געווען א הייליגען חיבור מיט דייגראמען און מאסן מיטן נאמען, "**צורת בית המקדש**" וואס דער גאון איז דארט מסביר קלאר די נבואה פון יחזקאל הנביא איבער דעם בית המקדש השלישי.

ווערט דערציילט, אז ווען ער איז געווען אין וויען, האבן טייל פון די גרויסע קייסערישע ארכיטעקטן און אינזשענירן געזען זיינע שריפטן און זיין עקספערטיז אין בויען און אויפשטעלן בינינים, און זיי זענען געווען ערשטוינט פון זיין טיפע חכמה און וויסענשאפט, און דאס האט געהאלפן אראפנעמען די שנאה פון די גוים צו אים, ווען זיי האבן איינגעזען אז ער איז א גרויסער חכם און אן ערליכער מענטש.

• • •

**עס ווערט געברענגט אין ספר סיפורי נפלאות**, אז אין די יארן וואס דער הייליגער תוספות יו"ט זי"ע האט געדינט אלס רב אין שטאט פראג, האט זייער אפט פאסירט גרויסע פייערן וואס האבן פארברענט גאנצע אידישע געסלעך, ווייל די

הייזער זענען געווען געבויט פון האלץ, איינמאל אין א הייסן זומער טאג האט אויסגעבראכן א גרויסע שריפה אין דעם אידישן קווארטאל אין פראג, די ווינטן זענען געווען שטארק און די פלאמען האבן זיך שנעל צעשפרייט פון איין הויז צום צווייטן, די מענטשן זענען געלאפן אין גאסן מיט פאניק, נישט וויסנדיג ווי אהין צו אנטלויפן.

ווען דער הייליגער תוספות יום טוב האט דאס געהערט, איז ער ארויסגעגאנגען אין גאס, אנגעכאפט זיין שטעקן, און זיך געשטעלט גראד אנטקעגן די פלאמען, ער האט אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל, און געזאגט עטליכע קאפיטלעך תהילים מיט בכיות, און דערנאך אריינגעקריצט מיט זיין שטעקן אויף דער ערד און געזאגט, "**ביז אהער זאלסטו קומען און נישט ווייטער**", און א גרויסער נס האט פאסירט, גלייך ווי די פלאמען זענען אנגעקומען צו יענעם ארט, האט זיך דער ווינט פלוצלינג געביטן, און דאס פייער איז איינגעשלאפן און זיך אינגאנצן אפגעשטעלט! **די אידן פון פראג האבן דעמאלטס געזען עין בעין זיין גרויסע קדושה און כח התפילה**.

• • •

**אין ספר שם הגדולים ווערט געברענגט**, אז גרויסע צדיקים האבן דערציילט, אז ווען דער הייליגער תוספות יום טוב זי"ע האט עוסק געווען אין שרייבן זיין פירוש אויף די משניות, האט ער פאראַרבעט יעדן איינציגען דיבור מיט אומגעהויבענע קדושה און טהרה, און ער האט געהאט סייעתא דשמיא למעלה מדרך הטבע, איינמאל איז אים שווער געווארן אן געוויסע שווערע משנה אין מסכת קדשים וואס ער האט נישט געקענט מיישב זיין, ער האט אפגעראכטן די גאנצע נאכט אין תעניתים און בכיות, בעטנדיג דעם אייבערשטן ער זאל אים מאכן לייכטן די תורה הקדושה.

אינדערפרי איז דער גאון איינגעשלאפן אויפן ספר, און אינעם חלום איז אים ערשינען א דמות פון א זקן וקדוש (**טייל זאגן עס איז געווען רבינו עובדיה מברטנורא אליין**), וואס האט אים אנטפלעקט דעם ריכטיגן פשט אין די משנה, און אים געזאגט, "**אשריך וואס דיין תורה איז גורם גרויס נחת רוח אין פמליא של מעלה, און די חכמי המשנה זענען זיך מתענג אויף דיינע דיבורים**", ווען ער האט זיך אויפגעוועקט, האט ער גלייך פארשריבן דעם תירוץ אינעם ספר, וואס שטייט ביזן היינטיגן טאג אין זיין פירוש אויף משניות.

• • •

**אינעם ספר מאור הגולה ווערט געברענגט**, אז דער הייליגער תוספות יום טוב זי"ע איז געווען א תלמיד מובהק פון דעם **הייליגן מהר"ל מפראג** זי"ע, אפילו ווען דער תוספות יום טוב איז שוין אליין געווען מפורסם בדורו, אלס א גרויסער גאון און רב פון א שטאט, האט ער זיך געפירט מיט א מורא'דיגע הכנעה און יראת הכבוד צו זיין רבי'ן דער הייליגער מהר"ל זי"ע.

דער גאון דער הייליגער תוספות יו"ט האט באמת גארנישט געהאלטן פון זיך און פלעגט כסדר זאגן בזה"ל, "**כל מה שיש לי - מרועי ורבי הוא**" (**אלעס וואס איך האב אין תורה און אין קדושה קומט פון מיין רבי'ן**), און ווען ער האט געשריבן זיין פירוש אויף די משניות, האט ער שטענדיג אפגעשטעלט זיין מיינונג ווען ער האט געוואוסט וואס דער מהר"ל האלט איבער יענע סוגיא.

ווערט דערציילט אז ווען ער פלעגט אריינגיין אלס בחור צו זיין רבי'ן דעם מהר"ל, **פלעגט דער מהר"ל אויפשטיין פאר אים**! ווען די תלמידים האבן געפרעגט דעם מהר"ל פארוואס ער שטייט אויף פאר א גאר יונגן בחור, האט דער מהר"ל געענטפערט מיט זיין רוח הקודש בזה"ל, "**איך שטיי נישט אויף פאר דעם בחור, נאר פאר דעם אור התורה פון די 'תוספות יום טוב' וואס גייט ליכטיג מאכן די גאנצע וועלט**".

• • •

**אין די סיפורי הדורות ווערט דערציילט**, אז נאכדעם וואס דער הייליגער תוספות יום טוב איז באפרייט געווארן פון תפיסה אין ווין און געמוזט פארלאזן די מדינה, האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג קיין פוילן, יענע צייטן זענען די וועגן געווען זייער געפערליך, פול מיט וואלד-גזלנים וואס פלעגן בארויבן און הרגענען רייזענדע, אינמיטן וועג, טיף אין א גרויסן וואלד, האבן א גרופע באוואפנטע רויבער ארומגערינגלט זיין וואגן, און די גזלנים האבן ארויסגעשלעפט דעם רב און זיינע מקורבים און געפאדערט אלע זייערע געלטער און חפצים.

דער הייליגער תוספות יום טוב האט זיך גארנישט פארלוירן און זיך בכלל נישט

דערשראקן, נאר ער האט אראפגעקוקט אויפ'ן הויפט גזלן מיט א מורא'דיגן הדרת פנים און א קלארן איידעלן בליק, און ער האט אים געזאגט מיט א רואיגקייט, "**איך בין א פשוטע מענטש און א דינער פונעם אייבערשטן, מיר האבן נישט קיין גאלד אדער זילבער, נאר הייליגע ספרים**".

דער ראש הגזלנים האט דערזען דעם געטליכען צורה פונעם הייליגען תוספות יום טוב, און א פחד און א מורא'דיגע שרעק איז אים באפאלן, ער האט זיך אנגעהויבן ווארפען און געזאגט פאר זיינע מענטשן, "**לאזט דעם מאן גיין! ער איז נישט קיין געוויינלעכער מענטש!**", און נישט נאר וואס זיי האבן אים נישט געטשעפעט, נאר דער ראש הגזלנים האט אים אפילו באגלייט ביז ער איז ארויס פון וואלד בשלום.

• • •

**אין די ספרי דרוש ומעשיות מרבני פולין ווערט געברענגט**, אז בשעת דער הייליגער תוספות יו"ט זי"ע איז געווען רב אין קראקא, זענען צוויי אידן געקומען צו אים אויף א דין תורה, איינער איז געווען א רייכער סוחר און דער צווייטער אן ארימער שניידער.

דער סוחר האט געטענה'ט אז ער האט געגעבן פארן שניידער א טייערע שטיק זיידן שטאף צו נייען א טייערער קלייד, אבער דער שניידער טענה'ט, אז די שטאף איז פארברענט געווארן אין א שריפה וואס האט פאסירט אין זיין שטוב, און דער סוחר איז אים חושד, אז ער האט די שטאף באהאלטן און פארקויפט פאר זיך.

דער הייליגער תוספות יום טוב האט צוגעהערט ביידע צדדים, און ער האט געבעטן דעם שניידער **ער זאל אים ווייזן זיין שערל און די נאדלען מיט וואס ער ארבעט**, דער רב האט אביסל ארומגעדרייט די כלים אין די הענט, און דאן געפרעגט דעם שניידער א פאר קליינע שאלות איבער ווי אזוי ער שניידט שטאף.

און דורך זיינע חכמה'דיגע שאלות אין זיין קענטעניס אין וועלטליכע ענינים, האט דער תוספות יום טוב אויפגעדעקט, אז די טענות פונעם שניידער שטימען נישט מיט די מציאות פון זיין ארבעט, און דער שניידער האט זיך צעוויינט, און מודה געווען, אז ער האט זיך פארפירט דורך זיין גרויסע דחקות, און געבעטן מחילה, **דער רב האט נישט נאר געמאכט א פשרה אז דער סוחר זאל באקומען זיין געלט, נאר ער האט אויך ארויסגעהאלפן דעם ארעמען שניידער פון זיין אייגענער קאסע אז ער זאל קענען באצאלן זיינע חובות**.

• • •

**אין די תולדות התוספות יום טוב ווערט דערציילט**, אז כאטש דער הייליגער תוספות יום טוב זי"ע איז געווען פון די גרעסטע גאונים און גדולים פונעם דור, פלעגט ער זיך פירן מיט אומגלויבליכע פשוט'קייט צו זיינע תלמידים, איינמאל האט א יונגער בחור אין זיין ישיבה געפרעגט א שטארקע קשיא אויף א סוגיא וואס דער תוספות יום טוב האט געזאגט ביים שיעור, און די קשיא האט צעווארפן דעם סוגיא.

אנשטאט אוועקצושטופען דעם בחור אדער מיישב זיין דעם שיעור בדוחק, האט דער הייליגער תוספות יום טוב זיך אפגעשטעלט, געטראכט א מינוט, און געזאגט פאר אלע תלמידים, "**דער יונגערמאן איז גערעכט! מיין פשט איז נישט ריכטיג**", און ער האט גלייך מבטל געווען זיין מיינונג פאר דעם תלמיד'ס קשיא, און שפעטער, ווען ער האט געשריבן זיין פירוש אויף יענע סוגיא, האט ער געברענגט יענע חידוש און צוגעלייגט, אז ער האט עס געהערט פון זיין תלמיד, און פאר זיינע נאנטע האט ער געזאגט, "**אמת איז אמת, נישט קיין חילוק פון וועמען עס קומט, צו פון א גרויסן רב אדער פון א יונגן תלמיד**".

• • •

דער הייליגער תוספות יו"ט זי"ע איז געווען רב אין שטאט לודמיר, און ער האט געברויכט פארלאזן דעם שטאט צוליב ביטערע רדיפות וואס ער האט דארט געליטן, ביים אנטליפן פון שטאט האט דער הייליגער תוספות יו"ט געשאלטן די שטאט מיט דריי קללות, איינס, **ס'זאלן אייביג אויסברעכן שריפות אין שטאט**, צווייטנס, **ס'זאל זיין דארט אסאך מזיקין**, און דריטנס, **ס'זאל אלעמאל זיין מחלוקת צווישן די פירערס פון שטאט און מען זאל זיך קיינמאל נישט קענען פאראייניגן צו איין מיינונג**.

יארן זענען פארלאפן און איינמאל איז **דער הייליגער טשערנאבילער מגיד** זי"ע אנגעקומען

קיין לודמיר צו די חתונה פון זיין אייניקל, א טאכטער פון הרה"ק רבי אהרן טשערנאבילער זי"ע, וועלכע האט חתונה געהאט מיט הרה"ק רבי שלמה בן הרה"ק רבי משה מלודמיר א זוהן פון הייליגן צדיק רבי שלמה קארלינער זי"ע, זייענדיג אין שטאט האט איינער פון די גבירים פון שטאט איינגעלאדנט דעם הייליגן מגיד צו זיך אין שטוב, און דער גביר האט געוויזן פארן הייליגן טשערנאבילער מגיד אין זיין קליידער שאפע, **ווי טייערע קליידונג און פעלצן הענגען אין די לופט, אבער דאך האבן די מייזן געקענט צוקומען און צעריסען די קליידער**.

דער גביר האט געבעטן אז דער הייליגער מגיד זאל אראפנעמען די קללה פנעם הייליגן תוספות יו"ט זי"ע, און דער הייליגער טשערנאבילער מגיד האט מסכים געווען און געוואונטשען א ברכה, **אז די קללה זאל מער נישט הערשן אין שטאט**, שפעטער האט מען געבעטן אז דער טשערנאבילער מגיד זאל אראפנעמען אויך די אנדערע צוויי קללות וואס די שטאט איז אזוי געפלאגט מיט זיי, אבער דער הייליגער טשערנאבילער מגיד האט געענטפערט, "**איך קען נישט גענצליך מבטל זיין די קללות וואס דער הייליגער תוספות יו"ט האט ענק געשאלטן**".

פאר'ן ארויסגיין פון שטאט האט דער הייליגער טשערנאבילער מגיד געבעטן פון די ראשי הקהילה זיי זאלן מאכן א תקנה, **אז קיינער מעג נישט האנדלען מיט "זיידן, און פאפיר", אויסער רבי שלמה זיין זוהנ'ס איידעם**, א צייט שפעטער האט זיך פארמינערט די הכנסה פון רבי שלמה דורך דעם וואס אויך אנדערע אידן האבן אנגעהויבן האנדלען מיט די זאכן.

ווען דער טשערנאבילער מגיד האט געהערט דערפון, האט ער געשריבן א בריוו קיין לודמיר און צו געזאגט, "**אויב וועט איהר ווייטער אנהאלטן די תקנה וואס כ'האב אייך געבעטן, בין איך אייך מבטיח אז במשך עטליכע יאר וועט נישט זיין קיין שריפה אין שטאט!**", די שטאטלייט האבן אויסגעפאלגט די תקנה און אין די עטליכע יאר וואס דער טשערנאבילער מגיד האט צוגעזאגט איז טאקע נישט געשעהן קיין שום שריפה אין שטאט.

אבער ווען ס'האט זיך געענדיגט דער זמן וואס דער טשערנאבילער מגיד האט באשטימט, האבן די ראשי קהילה ווידער איהם געבעטן ער זאל צוזאגן אויף ווייטער אויך אז ס'זאלן נישט פארקומען קיין שריפות, אבער דער טשערנאבילער מגיד האט זיך ווידער אנטשולדיגט און געזאגט, "**ס'איז נישט אין מיין כוח אראפצונעמען אינגאנצן די קללה פונעם הייליגן תוספות יום טוב**!".

א קורצע צייט שפעטער איז כמעט דאס גאנצע שטאט לודמיר פארברענט געווארן אין א גרויסע שריפה ר"ל, דאס ווייזט די גרויסע כוח פונעם הייליגע תוספות יו"ט זי"ע, אז מען האט זיך פון הימל אנגענומען פאר זיין כבוד, און ווי ביטער מען קען ח"ו אפשניידען ווען מען איז פוגע אינעם כבוד פון א צדיק.

• • •

**איינמאל איז דער צדיק וקדוש רבי ר' בונם מפארשיסחא זי"ע** געווען מיט זיינע חבריא קדישא אין קארלסבאד, און צו דער זעלבער צייט איז דארט אנגעקומען אן אלטער איד א גרויסער תלמיד חכם פון שטאט **וואודיסלאוו** וועלכער האט נאך געקענט **דעם ר"ר בונם פון זיין יוגנט**, וואס כידוע איז רבי צבי זי"ע דער טאטע פון ר"ר בונם געווען דער מגיד אין שטאט וואודיסלאוו, און דערפאר האט ער איהם גערופן ביים נאמען אהן דעם טיטל '**רבי**'.

ווען די תלמידים האבן דעם זקן אפירגעהאלטן דערויף, האט דער זקן זיך אנגערופן, "**איך וועל פרעגן ענקער רבי'ן פשט אין א שטיקל 'תוספות יום טוב', און אויב ער וועט מיר זאגן פשט וועל איך פון היינט און ווייטער איהם אנהייבן רופן 'רבי'!**", דער איד האט טאקע אנגעפרעגט דעם ר"ר בונם פשט, און דער ר"ר בונם האט אראפגעלייגט זיין קאפ אויף די הענט און זיך אראפגעבויגן צום טיש פאר א קורצע ווייל, און דערנאך האט ער אויפגעהויבן דעם קאפ און געזאגט פשט אינעם תוספות יו"ט, צולייגענדיג, **אז עס פעילן עטליכע ווערטער אין יענעם שטיקל 'תוספות יו"ט' וואס דער דרוקער האט אויסגעלאזט**.

דער אלטער איד האט זיך גאר שטארק געוואונדערט אויף דעם הערליכן פשט וואס ר"ר

בונם האט געזאגט, און דער איד האט דערציילט, אז ער האט שוין געפרעגט אסאך גדולים איבער דעם תוספות יו"ט און קיינער האט דאס נישט געקענט מסביר זיין.

זאגט איהם דער הייליגער ר"ר בונם, "**ווען כ'האב מיך אראפגעלייגט דעם קאפ אויפ'ן טיש האב איך געפרעגט מיין רבי'ן דער יוד הקדוש זי"ע, און דער יוד הקדוש איז געגאנגען בעולם העליון און געפרעגט דעם הייליגען בעל תוספות יום טוב זי"ע אליין, און דער הייליגער מחבר אליין האט איהם געזאגט פשט צו פארענטפערן זיינע ווערטער, און האט געזאגט פארן יוד הקדוש, אז עס פעילן עטליכע ווערטער אינעם דרוק, און מיין רבי דער יוד הקדוש איז צוריקגעקומען און מיר געזאגט דעם פשט**".

• • •

**צופינסנס פונעם בארדיטשובער רב דער הייליגער קדושת לוי זי"ע**, ליגט דער הייליגער צדיק הרה"ק **רבי משה יאחניס** זי"ע, וועלכער איז נאך געווען ביים בעל שם הקדוש זי"ע, מ'דערציילט אז ביי זיין בר מצוה האט זיין פאטער איהם געברענגט צום בעל שם הק' זי"ע און דער בעשה"ק האט איהם געזאגט, "**אויב דו ווילסט מאריך ימים זיין זאלסטו נישט נתפרסם ווערן**", איז ער טאקע כל ימיו געווען באהאלטן, טראצדעם וואס מיט זיינע הויכע מדרגות איז ער געווען גרעסער פון אסאך צדיקים מפורסמים.

אין ספר 'אורח צדיקים' ווערט געברענגט אויף דעם רבי משה'ן גאר א פלא'דיגע סיפור, פון וועלכע מ'זעהט דאס גרויסקייט פונעם תוספות יו"ט און דאס השתוקקות פונעם קדושת לוי זי"ע איהם צו זעהן, א מסורת האט צירקולירט צווישן די עלטערע אידן אין בארדיטשוב, אז איינמאל איז הרה"ק רבי משה יאחניס זי"ע געזעצן אין די שפעטע שעות פון דער נאכט און עוסק געווען אין לערנען, און ער האט זיך שטארק געמוטשעט צו פארשטיין א געוויסער ענין אין 'תוספות יום טוב' אויף משניות.

ווען ער איז געזעצן אזוי פארטיפט אין זיינע גדאנקען, **איז אריינגעקומען אין זיין שטוב אן אלטער איד און האט איהם מסביר געווען דעם גאנצן שווערן שטיקל**, דער צדיק רבי משה האט זיך זייער געוואונדערט און איהם געפרעגט ווער ער איז, אבער דער זקן האט זיך געמאכט ווי ער הערט נישט זיין שאלה און זאגט איהם, "**אויב וועסטו ווען אמאל זעהן דעם תוספות יום טוב , זאלסטו אינזין האבן אזוי און אזוי ביי די ווערטער 'יחיד חי העולמים'**".

ווערט דערציילט אז דער הייליגער קדושת לוי זי"ע האט מרגיש געווען ברוח קדשו, אז דער הייליגער תוספות יום טוב זי"ע געפינט זיך איצט אין שטוב פון רבי משה, איז ער שנעל אהינגעלאפן מיט איילעניש, **אבער ער האט פארשפעטיגט, ווייל דער תוספות יו"ט איז שוין צוריק צו זיין ארט אין גן עדן העליון**.

• • •

**ווי באוויסט האט דער הייליגער תוספות יו"ט זי"ע** ליידער אסאך געליטן יסורים און רדיפות זייענדיג רב אין שטאט פראג, וויבאלד ער איז געווען אינעם וועד פון די וואס האבן באשטימט וויפיל יעדער ברויך צאלן די שטייערן וואס די רעגירונג האט געבעטן, איינע פון די גרויסע קעגנער און מוסרים אויפן הייליגען תוספות יו"ט איז געווען **א גרויסע גביר רפאל**, דער מסור רפאל פלעגט פירן גרויסע געשעפטן מיט עטליכע הערן פון די רעגירונגס מענטשן, און עטליכע הערן זענען אים געווען שולדיג גרויסע סכומים געלט.

דעריבער כדי צו קענען אויספירן זיינע בייזוויליגע פלענער, האט ער זיי געזאגט, אז ער איז זיי מוחל דעם גאנצן חוב אויב זיי וועלן אים צוהעלפן צו באזייטיגן דעם רב דעם הייליגען תוספות יו"ט זי"ע, דער מסור רפאל איז געגאנגען צו איינעם פון די דיינים וועלכער האבן ליידער אויך געהאט קנאה אויפ'ן רב, און אים באצאלט געלט אז ער זאל אויפזוכן אינעם רב'ס ספר מעדני מלך וואו מ'קען אריינטייטשן אז דער תוספת יום טוב שרייבט קעגן דעם קעניג, און ער האט אים געבעטן דאס איבערצוזעצן אויף די דייטשע שפראך, און אזוי ארום וועט ער קענען אויפווייזן אז דער רב איז א סכנה פארן לאנד.

זיי האבן געגעבן די איבער געזעצטע מאטעריאל צו א מיניסטער וועלכער איז געווען א בעל-חוב צו דעם רפאל און אים אנגעדייטעט, אז אויב דער מיניסטער וועט פועל'ן ביים קייזער צו

פארשיקן דעם רב, וועט ער רפאל אים מוחל זיין א טייל פון זיין חוב, נישט געגוג דאס, האבן זיי אויך געטענה'ט, אז דער נאמען "**מעדני מלך**" פון רב'ס ספר אויפן רא"ש, איז א "**מאיעסטעט באליידיגונג**", **ווייל דער רב האלט זיך פאר גלייך מיט דעם מלך**.

און ווי באוויסט אז לשון הרע איז דאך א זאך וואס כאפט לייַדער שנעל, און נאך אזאפיל רעדן איז די מסירה פון די רשעים געלונגען און מען האט דעם תוס' יום-טוב ארעסטירט און געפירט קיין ווינע אין תפיסה, פאקטיש האט דער קייזער באפוילן צו ברענגען דעם רב קיין ווינע געבונדן אין קייטן, און טאקע אזוי האט מען לייַדער מבזה געווען דעם גרויסן גאון וקדוש און אים מצער געווען, און מען האט אריינגעלייגט דעם גאון אין א סכנת נפשות מצב ממש.

אבער פון הימל האט מען זיך אנגענומען פאר'ן רב, און צום סוף איז דער הייליגער תוספות יו"ט זי"ע מיט ניסים באפרייט געווארן פון תפיסה און אפגעקומען נאר מיט געלט שאדן, אבער די מוסרים האבן געהאט א מיאוס'ן סוף, און ביז א קורצע צייט זענען אלע מענטשן וועלכע האבן געהאט שייכות מיט די מסירה קראנק געווארן און זענען געשטארבן איינער נאכ'ן צווייטן, **כאטש דער תוספות יום טוב האט זיי מוחל געווען**, אבער פון הימל האט מען זיך אנגענומען פאר'ן צדיק און די שטראף פון פארשעמען און מצער זיין אזא גרויסע גאון וקדוש האט נישט געשפעטיגט צו קומען.

אין איינע פון יענע טעג איז דער עושר רפאל שטארק קראנק געווארן, און ער האט גוט פארשטאנען אז יעצט קומט די רייע אויף אים צו באקומען זיין פארדינטן שטראף, און ווען דער הייליגער תוספות יו"ט האט געהערט, אז דער רפאל איז קראנק, האט דער תוספות יו"ט אים געוואלט גיין באזוכן, ווייל אנפאנג בעפאר די מסירה איז דער רפאל געווען פון זיינע נאנטע מענטשן, **אבער דער הייליגער תוספות יו"ט האט מורא געהאט, אז רפאל וועט מיינען אז ער קומט זיך רייצן מיט אים און האט הנאה פון זיין שווערן מצב**.

אבער אינמיטן טראכטן וואס צו טאן, איז אנגעקומען דער משרת פונעם עושר רפאל מיט א שליחות, אז זיין הער רפאל בעט זייער דעם רב, אויב ער קען אריבערקומען צו אים אין שטוב, ווייל ער וויל רעדן מיט אים זייער א וויכטיגע זאך, דער הייליגער תוספת יום טוב איז אריבער געגאנגען צו רפאל אין שטוב וועלכער האט זיך געוואלגערט אין בעט פון יסורים.

ווי נאר דער רב איז אריינגעקומען, האט רפאל אנגעהויבן צו רעדן און געזאגט, "**דער רב ווייסט דאך אז איך בין געווען דער הויפט וועלכע האבן גע'רודפ'ט דעם רב, און איך האב גורם געווען די אלע צרות און צוליב מיר איז ארויסגעקומען די גזירה אז מ'וועט פארטרייבן אלע אידן פונעם שטאט, אבער דער אויבערשטער ווייסט, אז מיין פלאן איז באמת נישט געווען אויף אזוי ווייט, כ'האב נאר געוואלט אפזאגן דעם רב פון די רבנות צוליב די תקנות פון די שטייערן וואס איז געווען זייער שווער פאר די עשירים**".

האט זיך רפאל געבעטן צום הייליגן תוספות יו"ט זי"ע און געזאגט, "**הייליגער רב האב רחמנות אויף מיר און מיין נשמה, און בעט ביים הייליגן באשעפער אז ער זאל מיר אויסהיילן כדי איך זאל קענען פאררעכטן וואס כ'האב געזינדיגט**", און דער רפאל האט מער נישט געקענט רעדן און האט זיך גענומען וויינען ווי א קינד, און דא האט מען געזען דאס גרויסקייט פונעם רב דער הייליגער תוספות יו"ט זי"ע.

און כאטש ער האט געליטן ביטערע צרות, האט ער געזאגט בפה מלא, "**איך בין דיר מוחל מיטן גאנצן הארץ, און איך וועל בעטן פאר דיר ביי הקב"ה אז ער זאל דיר שיקן א רפואה שלימה, דו זאלסט ווערן געזונט און קענען פאררעכטן וואס דו האסט געזינדיגט אין דיין לעבן**", די מעשה איז באקאנט געווארן אין גאנצן לאנד, און פון דעמאלט און ווייטער, האט יעדער מכבד געווען דעם רב מיט די גרעסטע כבוד.

**יארצייט ו' אלול**

**הגה"ק רבי שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני**
**זי"ע**
**בעל זרע שמשון, מגדולי איטליאה**

ער איז געבוירן אין שטאט מודינא אין איטאליאה, **בשנת תס"ז**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי נחמן מיכאל נחמני** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הצדקת** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי יהודה מצליח מפאדובה** זי"ע.

ער איז געווען א גאון הגאונים און א איש קדוש ונורא מאוד, חסידא ופרישא בוצינא קדישא, ער איז געווען א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר, ער איז געווען מפורסם אלס א גאר גרויסע בעל מקובל אלוקי און פון די גדולי מרביצי התורה בדורו, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע עבודת השם בקדושה וטהרה, ער האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע הערצה פון די גדולים וצדיקים בדורו, ער איז געווען א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות.

שוין פון אלס יונג קינד איז דער גאון געפארן לערנען תורה ביי גדולים בדורו, גאנץ אנפאנג האט ער געלערנט תורת הנגלה ביי הגה"ק **רבי אפרים ב"ר אליהו הכהן מאוסטראה** זי"ע, וועלכער האט מרביץ תורה געווען אין **קהילת מודינא**, און איז געווען פון די רבני **מנטובה**, און פון דארט איז דער גאון אריבער לערנען אין שטאט **מנטובה** ביי הגה"ק **רבי אביעד שר שלום באזילה אב"ד מנטובה** זי"ע.

דארט אין שטאט מנטובה האט ער אויך אסאך תורה געלערנט ביי הגה"ק **רבי דוד פינצי ר"מ מנטובה** זי"ע, וואס איז געווען דער שווער פונעם **הייליגען רמח"ל רבי משה חיים לוצאטו** זי"ע, אויך האט ער דאן גאר אסאך תורה מקבל געווען פונעם גאון הגה"ק **רבי משולם הלוי מפאדובה** זי"ע.

אויך האט דער גאון דאן אן געקניפט א גאר שטארקע קשר מיט נאך אסאך גדולים ומקובלים בדורו, ובתוכם הגה"ק **בעל החיד"א** זי"ע, און אויך מיט הגה"ק **רבי חיים בן עטר בעל אור החיים הקדוש** זי"ע, און אויך מיט הגה"ק **רבי משה חיים לוצאטו בעל הרמח"ל** זי"ע, וואס די גדולים האבן מעיד געווען אויף די געוואלדיגע גדלות בתורה און די געוואלדיגע קדושה וטהרה פונעם הייליגען **זרע שמשון** זי"ע.

זיין רבו מובהק אויף תורת הנסתר איז געווען הגה"ק **רבי בנימין הכהן וויטאלי אב"ד ריגייו** זי"ע, וואס דער הייליגער זרע שמשון זי"ע האט כסדר גערעדט פון דעם רבין און גאר שטארק ארויס געהויבען זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און זיין גאר געהויבענע קדושה מיט וואס ער האט זיך געפירט כל ימי חייו.

בשנת תפ"ו ווען דער גאון איז געווען נאר צוואנציג יאר אלט, האט מען אים אויף גענומען צו פירן די **חבורת משמרת החודש אינעם שטאט מודינא**, אינעם בית הכנסת פון הגה"ק **המקובל רבי אהרן ברכיה** זי"ע, די חבורה האט זיך אפ געגעבן מיטן לערנען משניות לעילוי נשמת די נפטרים פון שטאט, און מען האט געענדיגט יעדע חודש גאנץ ששה סדרי משנה, און דער גאון דער זרע שמשון זי"ע האט דאן פארפאסט א שיינע תפילה וואס די בני חבורה האבן געזאגט איידערן לערנען די משניות, און די תפילה האט ענטהאלטן אסאך הייליגע שמות און טיפע ענינים פון קבלה.

אביסל שפעטער ווען דער גאון איז שוין געווען מפורסם מיט זיין גדלות בתורה און זיין התנהגות דקדושה, האט ער אנגעהויבן מרביץ תורה צו זיין פאר תלמידים גאונים וגדולים בתורה אינעם שטאט **פיזה**, און אביסל שפעטער איז ער אריבער קיין **סיינה**, און צום סוף האט זיך דער גאון צוריק געצויגען צו דעם שטאט **מודינא** ווי ער איז געבוירן געווארן, און דארט איז ער גאר שנעל מפורסם געווארן מיט זיין געוואלדיגע חריפות און גאונות בתורה, הונדערטער תלמידים האבן זיך אין דעם גאון מדבק געווען און געלערנט תורה און עבודת השם פון דעם צדיק.

בשנת תצ"ד ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת דבורה** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי אברהם פונטאנילה** זי"ע.

בשנת תצ"ט ווען דער גאון הגה"ק **רבי ישעיהו מרדכי באסאן** זי"ע, וואס איז געווען רב אין שטאט **ראגו אמיליה** איז נסתלק געווארן, האט מען דאן אויף גענומען דעם גאון דער זרע שמשון זי"ע אלס ממלא מקום, און דאן האט דער גאון גאר אסאך מרביץ תורה געווען פאר תלמידים גאונים וקדושים בתורה, ער איז שוין דאן געווען מפורסם מיט זיין גדלות בתורת הנסתר, אויך האט ער דאן אנגעהויבן שרייבן זיינע הייליגע חיבורים אויף תורת הנסתר.

ער איז דאן געווארן מפורסם מיט זיינע גאר שיינע דרשות וואס ער האט מיט זיי צו געצויגען אידישע קינדער צו אהבת התורה און יראת שמים און עבודת השם מיט אן אמת'דיגקייט, ער האט כסדר גערעדט צו די אידן, אז מען דארף טאקע קובע זיין צייט פארן לערנען תורה, אבער מען ברויך אויך זיכער מאכן צו ברענגען פרנסה אז די וועלט זאל קענען האבן א קיום, און דאן איז דאס יהדות איטליה גאר שטארק געשטיגען, און אפילו די בעלי בתים פון שטאט האבן גאר אסאך עוסק געווען בתורה, אלעס אין זכות פון דעם צדיק וקדוש דער הייליגער זרע שמשון זי"ע.

ווי באקאנט האט דער צדיק וקדוש דער זרע שמשון זי"ע פארלוירען בחייו זיין בן יחיד, וואס דער צדיק האט געהאפט אז ער וועט מיט דעם קינד איבער לאזן עפעס אויף דער וועלט, דער צדיק האט געהאט גרויס צער און עגמת נפש מיטן פארלירן דאס איינציגסטע קינד, אבער דער צדיק האט מצדיק געווען דעם גזר דין מן השמים, און ער האט געזאגט, אז ער לאזט איבער זיינע חיבורים קדושים פאר די וועלט, וואס דאס וועט זיין אנשטאט זיינע דורות.

ווי מען זעהט וואס דער צדיק דער זרע שמשון זי"ע שרייבט אין די הקדמה פון זיין הייליגע חיבור "**תולדות שמשון**" בזה"ל, "**ויען כי כל תולדות חסרין, שבעונותינו הרבים בחודש אב נפטר בני בכורי יחידי אשר אהבתי, ושוב לא זכיתי להעמיד תולדות זרע של קיימא, זה שמי וזה זכרי באלה תולדות שמים וארץ, מלא דאורייתא, ודייקינן בשמא קגרים, מדתני אבו"ת מכלל דאיכא תולדות שמשון**".

אין די הקדמה פונעם הייליגען חיבור "**זרע שמשון**", שרייבט דער צדיק וקדוש בזה"ל, "**ואקוד ואשתחוה לד', ואודה לו במאוד מאוד בכל מידה ומידה, כי בחסדיו הרבים אף בשעת כעסו, שלקח ממני בני יחידי בכורי ידיד נפשי, זכר לי את הרחמים כי שת לי זרע אחר, והגיעני לכלל זורעי על כל מים, אין מים אלא תורה, זרע השלום זרע אמת, ולכן קראתי ספר זה בשם זרע שמשון**".

דער צדיק וקדוש דער זרע שמשון זי"ע האט איבער געלאזט פאר די וועלט זיינע הייליגע חיבורים, וואס ביז פאר נישט צו לאנג צוריק, האט מען גאר שווער געקענט באקומען זיינע הייליגע ספרים, און אויך איז דער דריק געווען גאר שווער צו לערנען, אבער בחסדי השם האט מען זוכה געווען, אז ערליכע אידן האבן זיך ארײן געלייגט, און מיט א גרויסע יגיעה מצליח געווען צו איבער דריקען זיינע הייליגע חיבורים, כדי די וועלט זאל קענען זוכה זיין צו לערנען אין די הייליגע ספרים.

**ספר תולדות שמשון, על מסכת אבות,**
**ספר זרע שמשון, על התורה,**
**ספר קרבן קטורת, ספר שיריו.**

פאלגנד זענען זעלטענע ווערטער וואס רבינו בעל זרע שמשון זי"ע שרייבט אויף די וואס וועלן לערנען זיינע ספרים, אין ספר תולדות שמשון שרייבט ער בזה"ל, "**ובעל הגמול ישלם במיטב חיי אריכי ומזוני טפי לגומלי חסדים טובים**".

און ספר זרע שמשון שרייבט דער צדיק בזה"ל, "**וצדקה תהיה להם וצדקתם תעמוד לעד, לאכול בעולם הזה ולשבוע בעולם הבא, ובעל הגמול ישלם בזכות זה טוב לגומלי חסד של אמת, במותב תלתא בני חיי ומזוני טבי, דבזכותא תלו**".

אינעם סוף פון די הקדמה אין ספר זרע שמשון שרייבט דער צדיק בזה"ל, "**וכי מרובה מדת תשלומי חן וחסד ושלמא רבא מן שמיא, ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשלחנכם, חכמים ונבונים ובתים מלאים כל טוב, גם עשר גם כבוד לא יסופו מזרעכם**".

הונדערטער אידן דערציילן גאר גרויסע ישועות וואס מען האט גע'פועל'ט, נאר אפילו דורך קובע זיין א שיעור יעדן טאג אין זיינע הייליגע חיבורים, און עס דערציילן אידן גאר אסאך

מעשיות וואס אידן זענען געהאלפן געווארן מיט ישועות חוץ לדרך הטבע דורכן זיך מדבק זיין אין דעם צדיק וקדוש, וואס האט מבטיח געווען, אז ווער עס וועט לערנען זיינע ספרים וועט געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני וכל טוב סלה.

תשעה באב בשנת תקל"ט איז דער צדיק דער הייליגער זרע שמשון זי"ע געפאלן, און ער איז פון דעם זייער קראנק געווארן, און ליידער א חודש שפעטער איז דער צדיק נסתלק געווארן, דער צדיק האט באפוילען בעפאר זיין הסתלקות, אז זיין גאנצע געלט זאל מען פארטיילן פאר צדקה פאר עניים, אויך האט ער זייער געבעטן, אז מען זאל אויף זיין מצבה נישט שרייבן קיין שבחים, **נאר אז ער האט געוואלט זיין גאנץ לעבן מזכה זיין אידן און אויף שטעלן תלמידים און מחדש זיין חידושים אויף די תורה**.

נסתלק לגנזי מרומים **ו' אלול בשנת תקל"ט**, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט **ראגו אמיליה אין איטליאה**, יארן נאך זיין פטירה האט מען ליידער חרוב געמאכט דעם ביה"ח, און עס איז דא א גירסה, אז דעם גוף קדוש פונעם צדיק האט מען מפנה געווען און אריבער געטראגן אין דעם אנדערן ביה"ח אין שטאט, אבער ליידער איז נישט דא קיין מצבה אדער א ציון פונעם צדיק וקדוש.

אבער ווי עס איז מקובל פון צדיקים הראשונים, אז נאר דורך זיין אינעם שטאט ווי דער צדיק איז בעערדיגט, איז דאס שוין גערעכנט ווי מען גייט אויפן ציון פונעם צדיק, ווי עס דערציילט א בחור, וואס איז געווען אין קאלוב **ז' אדר ביים יארצייט פונעם הייליגען קאלובער זי"ע**, און דער בחור האט זיך פראבירט אריין צו באקומען אינעם אוהל וואס איז גאנץ קליין, און דער צדיק **רבי שלום אליעזר מראצפערט** זי"ע הי"ד, האט געזאגט פאר דעם בחור, **אז אפילו נאר זיין אין שטאט פונעם ציון הקדוש פון א צדיק, הייסט ווי מען האט זיך משתתח געווען אויפן ציון**.

אויך זאגן צדיקים, אז מיטן לערנען די ספרים און דברי תורה פון א צדיק, איז דאס אויך גערעכנט ווי מען האט זיך משתתח געווען אויפן ציון פונעם צדיק, וויבאלד ווען מען זאגט נאך א דבר תורה פון א צדיק, זאגן דאך חז"ל (בכורות ל"א ע"ב) **כל תלמיד חכם שאומרים דבר שמועה מפיו בעולם הזה, שפתיו דובבות בקבר**, קומט דאך אויס, אז דורכן לערנען זיינע הייליגע דברי תורה, איז מען זיך מדבק מיטן צדיק, פונקט ווי מען וואלט געגאנגען אויף זיין ציון קדשו.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**גדלות וקדושת רבינו הרה"ק רבי שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני בעל זרע שמשון זי"ע.**

**די עבודת הקודש פון רבינו איז געווען באוואוסט און אויסגערופן אין זיין דור**, מען קען זעהן געשריבן איבער דעם אין עטליכע ערטער, ווי גדולים און תלמידים שרייבן איבער די עבודת הקודש פון רבינו זי"ע.

**הרב מנחם עזריה בן רבי יהודה מצליח פאדווה** זי"ע וואס איז געווען א פעטער פונעם הייליגען זרע שמשון זי"ע, שרייבט אין זיין הסכמה אויפן ספר **'תולדות שמשון'** געוואלדיגע טיטלען און שבחים אויפן זרע שמשון, און צווישן זיינע ווערטער שרייבט ער בזה"ל, "**וקדוש ייאמר לו בכל מיני קדושות, וקדושא רבה יתקרי, הנה מידתו מדת איש האלהים בהדר המדות במעשה**".

ווי עס איז מפורסם פלעגט דער הייליגער זרע שמשון זי"ע זיך פירן, צו אנטון טלית און תפילין אין שטוב גלייך פארטאג'ס ביים עלות השחר, און אזוי ארויס קומען צום בית הכנסת, ווען ער איז איינגעוויקלט מיט די טלית און תפילין, און דער תלמיד פונעם זרע שמשון, הגה"ק **רבי ישראל בנימין באסאן** זי"ע, שילדערט איבער דער מראה פון דעם געטליכער אויסזען פון רבינו ארויסקומענדיג פון שטוב צום דאווענען בזה"ל, "**ומראהו היה נורא הוד כאיש אלוקים קדוש**".

נאך שרייבן די תלמידים איבער דעם וואס דער הייליגער זרע שמשון זי"ע האט זיך געפירט, ערב שבת קודש צו מעביר זיין די סדרה שנים מקרא ואחד תרגום, בשעת ווען ער איז איינגעוויקלט מיט טלית און תפילין, **מיט א שיינעדיגן אויסזען ווי א מלאך ד' צבקות**.

אינעם טאג פון שבת קודש, פלעגט דער הייליגער זרע שמשון זיין געווארנט, נישט צו רעדן דברי חול, אזוי ווי עס זאגט עדות זיין תלמיד הגה"ק רבי יצחק ברכי' סנגויניטי זי"ע בזה"ל, "**מדבור חול ומכל שמצה, אל יום שבת קודש קרא**", אזוי אויך פלעגט דער הייליגער זרע שמשון זי"ע זיין דער בעל קורא און ליינען בדקדוק טעמים, מיט זיין לויטערע שטימע, יעדעס ווארט דייטליך און קלאר.

הגה"ק **רבי חנניה אלחנן חי הכהן** זי"ע, וועלכע ציילט זיך צווישן די געהויבענע תלמידים פון דעם הייליגען זרע שמשון זי"ע, שילדערט די געוואלדיגע עבודת התפילה פון זיין רבין, עס האט איינמאל פאסירט, אז עס האט אויס געבראכן א העלישע פייער אום תשעה באב נאכט אין די שטאטישע פארוויילונג'ס צענטער, וועלכע איז געווען פלאצירט הארט נעבן דאס אידישע קווארטל פון שטאט, און דאס פייער האט זיך בליץ שנעל אנגעהויבן צו פארשפרייטן צו די דערנעבנדיגע אידישע הייזער.

די גרויזאמע פייער צינגן האבן שוין געהאלטן גאר נאנט צו דער שטוב פון דעם הייליגען זרע שמשון זי"ע, און די סכנה איז געווען זייער גרויס, פארציילט רבי חנניה, אינמיטן דאס גאנצע טומל און פאניק וואס האט געהערשט אין שטאט, האט דער זרע שמשון זי"ע אויף געמאכט די פענסטער פון זיין שטוב, ארויס קוקענדיג צום ריכטונג פונעם פייער, און געשטאנען זייער פארטראכט, און אנגעהויבן צו דאווענען מיט גרויס דביקות.

דערנאך האט זיך דער הייליגער זרע שמשון זי"ע אוועק געשטעלט אנטקעגן די פייער, און והוא לפלא, צום גרויס וואונדער האט זיך דאס פייער פלוצלונג אפ געשטעלט אויף א אומנאטירליכע וועג און איז פארלאשן געווארן, פארשטייט זיך אז דאס האט פארשאפט א גרויסע קידוש ד'.

פירט אויס רבי חנניה, אז פאר די אידן פון שטאט און פאר די אלגעמיינע גויאישע באפעלקערונג וועלכע האבן געזען מיט די אייגענע אויגן, ווי עס איז מקוים געווארן די פסוק (תהלים קמה, יט), **רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה**, דער אויבערשטער ערפילט די ווילן פון זיינע צדיקים, און האבן שטארק רעספעקטירט דעם רבין דעם זרע שמשון זי"ע מיט זיין געטליכע כח און הייליגקייט.

די גרויסע מדריגה אין מדת הענוה פונעם הייליגען זרע שמשון זי"ע, זעהט מען פון די אויסער געווענליכע אויסדרוקן און לשונות וואס דער זרע שמשון באנוצט זיך, דורכאויס אלע זיינע ספרים און בריוון, ווי ער דרוקט זיך שטענדיג אויס מיט לשונות פון ענוה יתירה, א שטייגער ווי אינעם הקדמה צום ספר 'זרע שמשון' שרייבט דער צדיק בזה"ל, "**מעתה אף כי ערכי כערך הדיוט שבהדיוטים קל שבקלים**".

אין די הקדמה פון 'תולדות שמשון' שרייבט דער הייליגער זרע שמשון זי"ע בזה"ל, "**והגם כי צעיר אנכי ונבזה, ולא ידעתי איזה הדרך ישכון אור ואיזה מקום בינה, ואני טפל למקומי**", און דער הייליגער זרע שמשון זי"ע חתמ'עט זיך אונטער ביים ענדע פונעם הקדמה בזה"ל, "**דברי השפל והאפל, שנ"י תולעת ואזוב הצעיר 'שמשון חיים' בן כבוד מורינו החכם רבי נחמן מיכאל נחמני' זלה"ה**", און צוגאב צו דעם האט דער הייליגער זרע שמשון שטרענג אן געזאגט אין זיין צוואה, מען זאל אים בשום אופן נישט מספיד זיין און בארימען מיט שבחים און טיטלן.

## מעשיות

**א איד פון ארץ ישראל האט דערציילט**, אז א שטיק צייט וואס ער האט שוין געהערט פון די סגולה פון לערנען דעם ספר הקדוש זרע שמשון פונעם הייליגען צדיק רבי שמשון חיים זי"ע, וואס אידן דערציילן אזויפיל מעשיות און מופתים פון פרנסה און הצלחה און גרויסע ישועות.

און ער האט געהערט אז אין זיין געגענט ווי ער וואוינט האט זיך געגרינדעט א שיעור ווי מען לערנט יעדן ליל שישי א שיעור אינעם ספר הקדוש, האט דער איד אפ געמאכט, אז ער וועט זיך אויך משתתף זיין אינעם שיעור, און דער איד האט זיך אנגעהויבן משתתף זיין ביים שיעור, און ער האט מתפלל געווען, אז אינעם זכות פון דעם

הייליגען מחבר, זאל ער זוכה זיין צו ברכות און ישועות ובפרט אין פרנסה בריוות.

לפלא יענעם ערשטן וואך וואס ער האט זיך משתתף געווען ביים שיעור ליל שישי, דעם קומענדיגע וואך זונטאג אינדערפרי, ריפט אים זיין בעל הבית ווי ער ארבעט שוין פאר יארן, און ער זאגט אים, **אז ער וויל מיט אים האבן א מיטינג, און ביים זיצונג זאגט אים דער בעל הבית, איך וויל דיר געבן א העכערינג אין דיין ארבעט פלאץ, און ער וועט ווערן דער מענעדזשער פון די ארבעטער'ס**, וואס פארשטייט זיך אז דאס מיינט א העכערינג אין געהאלט אויך.

דער איד איז ממש ארויס פון התפעלות וויסענדיג, אז דאס איז זיכער צוליב זיין קבלה פון אנהייבן לערנען דעם ספר הקדוש זרע שמשון, ווייל ער האט שוין געארבעט אויף דעם פלאץ פאר א שיינע פאר יאר, און ער האט כסדר געווארט צו באקומען א בעסערע ארבעט מיט א העכערונג אין געהאלט, און דא א טאג נאכדעם וואס ער האט אנגעהויבן דעם שיעור, איז דער איד שוין געווען א געהאלפענער.

• • •

**עס האט דערציילט איינע פון די גרויסע מפיצים פונעם ספר הקדוש זרע שמשון**, אז איין יאר ל"ג בעומר האט ער געטראפן אין מירון ביים ציון הקדוש פון רשב"י זי"ע א עטערער בחור פון **איבער די דרייסיג יאר אלט**, און דער בחור האט זיך פאר אים זייער אויס גערעדט דאס הארץ, אז ליידער איז ער שוין איבער די דריי און דרייסיג יאר, און ער האט שוין פראבירט אלע סגולות א חתן צו ווערן, אבער ליידער האט ער נאכנישט זוכה געווען צו א ישועה.

דער איד האט דערציילט פאר דעם בחור, **די סגולה פון לערנען יעדן טאג א שיעור אינעם ספר הקדוש זרע שמשון**, וואס הונדערטער אידן דערציילן פון גרויסע ישועות וואס מען זעהט דורך דעם הייליגען ספר, און דער איד האט זייער צו גערעדט דעם בחור, אז ער זאל זיך אויך קובע זיין א שיעור אין דעם ספר, און מיטן באשעפער'ס הילף וועט ער בקרוב זעהן א ישועה.

דער בחור האט זיך צו געכאפט צו דעם, און ער האט קובע געווען א שיעור אינעם הייליגען ספר זרע שמשון, און לפלא בערך 40 טאג שפעטער, ריפט מיך אן דער בחור און דערציילט מיר, אז ממש יעצט איז ער אויף געלאכטן געווארן מיט א שידוך, און ער האט זוכה געווען צו ווערן א חתן בשעת טובה ומצלחת, אלעס נאר דורך לערנען דעם הייליגען ספר פאר 40 טאג.

• • •

**א איד דערציילט**, אז א איד אין די ביהמ"ד ווי ער דאווענט, האט זיך איין טאג זייער אויס גערעדט צום אים, אז ער האט א זון וואס האט שוין חתונה געהאט איבער 5 יאר, **און ליידער האט ער נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק**, דערציילט דער איד, אז ער האט דעם איד שטארק מחזק געווען, און רעדענדיג צו דעם איד, האט ער אים פארציילט **איבער די געוואלדיגע סגולה און הבטחה פונעם הייליגען זרע שמשון, אז ווער עס וועט לערנען זיינע ספרים וועט געהאלפן ווערן מיט כל מיני ישועות**, און דערביי האט ער אים דערלאנגט א מתנה דעם הייליגען ספר זרע שמשון.

דער איד האט טאקע גענומען דעם ספר, און ער האט דאס געגעבן פארן זון, און ער האט דערציילט פאר זון וועגן די גרויסע סגולה פון דעם ספר, דער זון וואס האט ליידער מיט געמאכט די 5 יאר, איז געווען אנפאנג גאנץ סקעפטיש, אבער ער האט טיילווייז פארשפראכען פארן טאטן, אז ער וועט פראבירן צו לערנען דעם ספר ווען ער קען, אבער דאס ווייב ווען זי האט געהערט פון די סגולה, האט זי דאס גענומען זייער ערנסט, און זי האט זיכער געמאכט אז דער מאן מאכט נישט קיין קידוש שבת, בעפאר ער לערנט דעם ספר הקדוש זרע שמשון.

דאס איז אנגעגאנגען אזוי וואך נאך וואך, האט דער יונגערמאן געלערנט דעם ספר יעדן שבת קודש ביים טיש, און בחסדי השם יתברך, **ביז א יאר איז ביי זיי געבוירן געווארן א בן זכר למזל טוב**, נאכןווארטן 5 יאר פאר א קינד, זענען זיי געהאלפן געווארן מיט א קינד בזכות דעם הייליגען ספר זרע שמשון, וואס דער מחבר האט דאך מבטיח געווען, אז מען וועט זעהן ישועות געזונט פרנסה און נחת ווען מען לערנט דעם ספר.

• • •

**א איד דערציילט**, אז ביי זיי אין ביהמ"ד האט געדאווענט א בחור, וואס איז שוין ליידער געווען

**איבער די פערציג יאר אלט**, און ליידער איז פאר דעם בחור משום איזה סיבה נישט געגאנגען קיין שידוכים, דער בחור איז געווען שטארק צובראכן, ער האט שוין געהאט פראבירט יעדן סגולה אויף די וועלט, אבער דערווייל ריקט זיך נישט קיין שידוך פאר אים.

דער איד דערציילט אז ער איז געווען א גוטער פריינט מיט דעם בחור, איין טאג זאגט ער פאר דעם בחור, **אז עס איז דא א גרויסע סגולה צו לערנען דעם הייליגען ספר זרע שמשון**, און איך האב זייער געבעטן דעם בחור אז ער זאל זיך פאר נעמען צו לערנען יעגן טאג אביסל פון דעם הייליגען ספר, און אי"ה מיטן באשעפער'ס הילף וועט ער בקרוב געהאלפן ווערן, דער בחור האט זיך קודם ארויס געדרייט און געזאגט, איך האב שוין פראבירט יעדע סגולה און דערווייל ארבעט גארנישט.

אבער נאכדעם וואס איך האב דעם בחור זייער געמיטשעט, און איך האב אים געזאגט, אז דער מחבר אליין שרייבט דאך אין די הקדמה, **אז ווער עס וועט לערנען זיין הייליגען ספר, וועט זוכה זיין צו זעהן ישועות נפלאות בני חיי ומזוני**, וואס דאס איז דאך א גאר קלארע הבטחה, איז פארוואס פראבירסטו נישט כאטש די סגולה וואס קאסט אפילו נישט קיין געלט, דאן האט ער טאקע מסכים געווען, און דער בחור האט זיך געמאכט א שיעור יעדן טאג צו לערנען דעם הייליגען ספר.

לא יאומן כי יסופר דערציילט דער איד, דאס אומגלויבליכע האט פאסירט, פונקטליך פערציג טאג נאכדעם וואס ער האט אנגעהויבן לערנען דעם הייליגען ספר, האט מען אנגעהויבן רעדן פון א שידוך וואס איז שוין לאנג פארשלאפן געווארן, און צען טאג שפעטער האט מען געבראכן טעלער, און דער בחור איז בשעת טובה ומצלחת א חתן געווארן.

• • •

**א איד דערציילט**, אז ער האט געהאלטן אפאר יאר נאך די חתונה, און ער האט נאכנישט זוכה געווען צו האלזן א אייגען קינד, דער איד האט געהאט דערפון גרויס עגמת נפש און זיך ארום געדרייט זייער צובראכן טראכטענדיג פון זיין מצב, איין טאג ח' תמוז איז דער איד אריין אין ביהמ"ד, און ער זעהט דעם הייליגען ספר זרע שמשון, און בלעטערנדיג אינעם ספר זעהט ער דארט דער חלק ווי עס שטייט אסאך מעשיות, ווי אזוי מענטשן זענען געהאלפן געווארן מיט גרויסע ישועות און מופתים דורך דעם וואס מען האט זיך מקבל געווען צו לערנען דעם ספר זרע שמשון.

דער איד האט ביי זיך גלייך געטראכט, אז היות עס איז שוין דורך א שיינע פאר יאר, און ער איז נאכנישט געהאלפן געווארן, האט ער זיך פאר גענומען, אז ער וועט יעדן שבת קודש בעפארן דאווענען לערנען א שטיקל פונעם הייליגען ספר זרע שמשון, און מיטן באשעפער'ס הילף וועט ער אויך קענען בקרוב דערציילן זיין פערזענליכע ישועה.

דער איד האט מקיים געווען זיין קבלה און האט יעדן שבת קודש געלערנט א שטיקל פונעם הייליגען ספר, און האט מיטן מויל ארויס געזאגט **"לעלוי נשמת המחבר רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני' זי"ע"**, און אזוי האט ער די קבלה מקיים געווען די גאנצע יאר, עס איז נבהל ונשתומם צו ווערן, **אבער צום יאר ח' תמוז איז צו דעם איד געבוירן געווארן א בן זכר**, ממש צום טאג ווען ער האט זיך פאר גענומען די קבלה, איז דער איד געהאלפן געווארן מיט זיין ישועה.

• • •

**א איד דערציילט**, אז ער האט זיך פאר א געוויסע צייט זייער געמיטשעט מיט פרנסה, ער האט ממש נישט געהאט מיט וואס צו שפייזן זיין משפחה, און ער האט זיך ארום געדרייט ממש אן א קאפ, נאך אפאר וואכן האט דער איד טאקע געטראפן א ארבעט, אבער די ארבעט איז געווען גאר א שווערע און איז געווען גאר ווייט פון זיין וואוין ארט, וואס דאס האט געמיינט אז ער האט פארברענגט גאר אסאך צייט צו פארן צו די ארבעט, און צו אלעם איז דער געהאלט געווען גאר ווייניג, און דער יונגערמאן האט דאס נישט געקענט דורך טראגן.

איין טאג טרעפט ער זיינס א גוטער פריינט, און ער האט זיך זייער אויס גערעדט צו אים וועגן זיין פרנסה און אלעס וואס ער מאכט ליידער מיט, האט אים דער יונגערמאן דערציילט, אז נישט לאנג צוריק האט ער אויך זייער מיט געמאכט, ווייל

ער האט שוין געהאלטן א שיינע פאר יאר נאך די חתונה, און ליידער האט ער נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, און פונקט דאן האט זיך אנגעהויבן צו פארשפרייטן די סגולה פון לערנען דעם הייליגן ספר זרע שמשון, און דער יונגערמאן דערציילט, אז נאכן לערנען א יאר צייט דעם הייליגן ספר, איז ער ב"ה געהאלפן געווארן מיט א קינד.

אזוי ווי דער יונגערמאן האט דאס געהערט, האט ער זיך צו דעם צו געכאפט, און ער האט זיך געמאכט א שיעור יעדן טאג צו לערנען דעם הייליגן ספר זרע שמשון, נישט צום גלייבן ווי שנעל דאס האט געארבעט דערציילט דער יונגערמאן, פונקט צוויי וואכן נאכדעם וואס ער האט אנגעהויבן לערנען דעם ספר, האט מען אים אנגעטראגן א נייע ארבעט, און מען האט אים גלייך אן גענומען, און דאס ארבעט איז אסאך א גרינגערע ארבעט ווי ביז יעצט, עס איז ממש נאנט צו ווי ער וואוינט, און איבער אלעם איז די געהאלט פונקט טאפעלט ווי די ביז יעצטיגע ארבעט.

• • •

**א איד דערציילט אז ליידער האט מען דייעגנאזט זיינס א קרוב מיט די ביטערע מחלה**, און אויך האט ער געהאט א טאכטער וואס איז געווען אין די יארן פון שידוכים, און מען האט געווארט אז די ריכטיגע שידוך זאל קומען, דער איד האט געהאט א אנדערע קרוב, וואס האט אויך געברויכט א שידוך פאר זיין טאכטער, האט דער איד אפ געמאכט צווישן זיך און דער אנדערער קרוב, אז זיי וועלן יעדן טאג מאכן א שיעור צו לערנען דעם הייליגן ספר זרע שמשון, כדי דאס זאל זיין א זכות פאר א שידוך פאר זייביידע.

נישט צום גלייבן, אבער צום פערציג'סטע טאג וואס מען האט געמאכט די קבלה, האט דער ערשטער א שידוך געטון בשעת טובה ומצלחת מיט זיין טאכטער, און פונקט א וואך שפעטער האט דער אנדערע א שידוך געטון מיט זיין טאכטער, און זכות פון דעם הייליגן צדיק וקדוש רבי שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זי"ע.

• • •

**אין ספר תולדות חכמי איטליה ווערט געברענגט**, אז אינעם דור פונעם הייליגן זרע שמשון זי"ע האבן עטליכע פון די פארשטעהער אין די קהילה אין איטאליע געוואלט איינפירן א געוויסע תקנה, וואס איז נישט געווען לויט דעם דעת תורה, רבי שמשון חיים זי"ע האט זיך שטארק אנטקעגנגעשטעלט, אבער די פרנסים האבן נישט געוואלט אויסהערן זיין דעת תורה.

כאטש דער הייליגער זרע שמשון איז געווען א עניו, אבער ווען ער האט געזען אז מען שטעלט זיך אנטקעגן די תורה, איז ער אריין אין בית המדרש, געעפנט דעם ארון הקודש און זיך צעוויינט מיט בכיות נוראות און געזאגט, "**רבונו של עולם! דו ווייסט דאך אז איך טו דאס נישט פאר מיין כבוד, נאר פארן כבוד פון דיין תורה און מצוות**", לפלא נאך יענעם נאכט איז געווארן א געוואלדיגע התעוררות אין שטאט, און צומארגנס האט פאר די קהילה לייט אנגעכאפט א שרעקליכע יראה און פחד, **און זיי זענען גלייך געקומען צו לויפן און בטל געמאכט די תקנה**.

• • •

**דער הייליגער חיד"א אין ספר שם הגדולים ברענגט**, אז כאטש דער הייליגער זרע שמשון זי"ע איז געווען א גאון אדיר בנגלה ובנסתר, האט ער זיך געהאלטן פאר גארנישט, ער האט זיך משתדל געווען צו שרייבן תשובות און חידושים צו די גדולי הדור פון זיין צייט, ובראשם פאר דעם הייליגן חיד"א רבי חיים יוסף דוד אזולאי זי"ע און פארן גאון רבי אליעזר נחום בעל משנת חכמים זי"ע, און דער חיד"א, וועלכער האט אים געטראפן אויף זיינע נסיעות אין איטאליע, האט אים מפליג געווען מיט א גאר גרויסע הערצה, און ווען דער גאון רבי שמשון חיים האט מיישב געווען שווערע קושיות, **האט ער געשריבן אויף זיך לשונות פון גרויס שפלות און עניוות**.

• • •

**אינעם ספר תולדות חכמי איטליה ווערט געברענגט**, אז אינעם שטאט מנטובה איז נפטר געווארן דער גאון **רבי אביעד שר שלום באזילא בעל אמונת חכמים** זי"ע וואס איז געווען דער רבי און ראש ישיבה פונעם גאון רבי שמשון חיים בעל זרע שמשון זי"ע, נאך זיין פטירה זענען געווען א טייל פון די בני הישיבה **וואס האבן געוואלט משנה זיין א געוויסע הנהגה אין ישיבה וואס דער רב האט איינגעפירט בחייו**.

אבער דער תלמיד דער צדיק רבי שמשון חיים דער הייליגער זרע שמשון זי"ע האט זיך שטארק

אנטקעגנגעשטעלט און געזאגט, אז מען ברויך ווייטער האלטן די תקנות פונעם רבי'ן.

יענעם נאכט איז דער נפטר דער רבי נתגלה געווארן צום תלמיד רבי שמשון חיים אין חלום, און האט אים געזאגט בזה"ל, "**וויסן זאלסטו, אז אין הימל שטייט מען מיט דיר און מען האט הנאה, ווייל דו האלטסט מיין כבוד און מיין הנהגה**", צומארגנס ווען ער האט דאס דערציילט פאר די תלמידים, האבן אלע חרטה געהאט און מען האט ממשיך געווען די הנהגה ווי פריער.

• • •

**אינעם ספר שם הגדולים ווערט געברענגט**, אז אינעם שטאט קושטא האט געוואוינט דער גאון וגדול הדור **רבי אליעזר נחום מחבר ספר משנת חכמים** זי"ע, און ער האט איינמאל געשיקט א שווערע קושיא אין ש"ס פאר די גדולי חכמי איטליה, אסאך רבנים און גדולים האבן געשיקט תירוצים, אבער ער האט זיי אלע אפגעווארפן.

ווען דער בריוו פון רבי שמשון חיים דער הייליגער זרע שמשון איז אנגעקומען, האט רבי אליעזר נחום דאס געליינט און זיך אויפגעשטעלט פון ארט און געזאגט, "**דאס איז דער אמת'ער פשט פון די גמרא! דער יונגער גאון פון איטליה האט מכוון געווען צום אמת פונעם תורה**", און ער האט אים צוריקגעשריבן א בריוו מיט גרויס כבוד און אים גערופן "**בוצינא דנהורא**".

• • •

**עס האבן דערציילט די זקני הקהילה אין איטליה**, אז אין די שטאט רעג'יו איז געווען אן ארימאן וואס האט נישט געהאט קיין געלט צו חתונה מאכן זיין טאכטער, ער איז אריין צום גאון וקדוש רבי שמשון חיים מיט א צעבראכן הארץ און געוויינט, דער צדיק רבי שמשון חיים האט נישט געהאט קיין געלט אין שטוב, אבער ער האט אים געגעבן א קליין שטיקל פאפיר און האט דארט געשריבן אפאר ווערטער און אים געזאגט, "**נעם דאס פאפיר, גיי צום גביר פונעם שטאט און גיב אים דאס**", דער גביר האט געעפנט דעם פאפיר און געזען א קורצע ברכה פונעם רב, גלייך האט ער זיך אנגערופן, "**פאר א ברכה פון אונזער הייליגן רב בין איך גרייט צו געבן די גאנצע נדן!**", און ער האט אים געגעבן דאס גאנצע געלט וואס ער האט געברויכט פאר די חתונה.

• • •

**אינעם ספר נפלאות הזרע שמשון ווערט דערציילט**, אז א בחור **אין עלטער פון 38 יאר פון אמעריקע**, וואס עס איז אים ליידער נישט געגאנגען קיין שידוך, **אלע סגולות און תפילות האבן ליידער נישט געהאלפן**, פארשטייט זיך אז דער בחור איז שוין געווען אינגאנצן צובראכן און מיאוש.

אינמיטן זומער האט זיין חבר אים מייעץ געווען צו אנהייבן לערנען דעם הייליגען ספר "**זרע שמשון**" יעדן שבת ביי די סעודה, דער בחור האט אנגעהויבן לערנען און האט אויך מקבל געווען **צו קויפן 10 ספרים "זרע שמשון" און זיי פארטיילן אין בתי מדרשים פאר א זכות**, חודש אלול, איין וואך פאר די יארצייט פונעם הייליגען זרע שמשון, האט ער אנגעהויבן א שידוך, און פונקט פאר ראש השנה איז ער געווארן א חתן.

• • •

**אינעם קונטרס ישועות זרע שמשון ווערט דערציילט**, אז א איד א בעל חוב וואס האט געדארפט באצאלן **א גרויסע סומע פון $50,000 פאר א חתונה פון זיין טאכטער**, איז געווען אין א גרויסן דחקות און האט נישט געוואוסט פון וואו צו נעמען דאס געלט, דאנערשטאג נאכט פאר די חתונה האט ער געלערנט די הקדמה פונעם "זרע שמשון" און זיך צעוויינט, און מקבל געווען צו קויפן ספרים פאר די גאנצע משפחה און יעדער זאל לערנען דערין יעדן שבת, לפלא די אנדערע וואך זונטאג האט ער באקומען א טעלעפאן פון אן אלטן שותף וואס האט אים געזאגט אז ער האט פארקויפט א שטח וואס זיי האבן געהאט צוזאמען מיט יארן צוריק, **און ער האט אים איבערגעגעבן זיין חלק, פונקטליכע $50,000 מזומן**.

• • •

**אינעם קונטרס שיח יצחק ווערט דערציילט**, אז א פרוי אין ארץ ישראל וואס איז רחמנה ליצלן קראנק געווארן מיט א שווערע מחלה, האט דורך געמאכט שווערע טיפולים און די דאקטוירים האבן געהאלטן אז מען דארף מאכן א שווערע אפעראציע מיט גרויסע סכנות, איר ברודער האט מקבל געווען פאר איר זכות צו מאכן א שיעור ברבים פון "זרע שמשון" יעדן ערב שבת אינעם בית המדרש, ביי די לעצטע בדיקה פאר די אפעראציע, האבן די דאקטוירים געזען אומגלויבליכע זאכן,

דער געוויקס איז פארקלענערט געווארן כמעט צו גארנישט, און מען האט מבטל געווען די גאנצע אפעראציע.

• • •

**א היימישער איד פון לאנדאן**, האט מציע געווען פאר זיין טאכטער וואס האט געווארט אויף איר שידוך **כמעט 14 יאר**, זי זאל אנהייבן לערנען דעם ספר "זרע שמשון" יעדן שבת, די טאכטער האט מקבל געווען צו לערנען יעדן שבת די פירושים פונעם זרע שמשון אויף די פרשה, און האט אויך צוגעזאגט אז ווען זי וועט געהאלפן ווערן, **וועט זי קויפן 50 ספרים פאר בתי מדרשים**, אין די דרייסיג טעג פון די קבלה, האט מען אנגעטראגן א שידוך,און נישט לאנג דערנאך איז זי א כלה געווארן, און קנאפע דריי וואכן נאך איר תנאים, האט מען אויך פארן יונגערען ברודער וואס האט שוין יארן געווארט אויף א שידוך אנגעטראגן א שידוך, און נישט לאנג נאכדעם איז ער אויך א חתן געווארן.

• • •

**אינעם ספר נפלאות הזרע שמשון ווערט דערציילט**, אז א יונגערמאן פון אמעריקע איז רחמנה ליצלן געווען פארמישט אין א שווערע קאר-אקצידענט **און איז אריינגעפאלן אין א קאמא**, די דאקטוירים אינעם שפיטאל האבן געזאגט פאר די משפחה, אז זיין מצב איז גאר קריטיש און די שאנסען אז ערזאל זיך אויפוועקן זענען גאר נידעריג.

די משפחה און חברים האבן זיך צונאמפגענומען און מקבל געווען צו לערנען דעם ספר "זרע שמשון" ברבים יעדן שבת אין זיין בית המדרש, און צו פארטיילן קונטרסים פון די הייליגע דברי תורה פונעם הייליגען זרע שמשון אלס א זכות פאר דעם יונגערמאן, אינמיטן די וואך האט דער יונגערמאן **זיך פלוצלינג אויפגעכאפט פון קאמא**, און צו די שטוינונג פון אלע דאקטוירים האט ער זיך אנגעהויבן ערהוילען גאר שנעל, ביז ער איז ברוך השם גענצליך געזונט געווארן.

• • •

**אינעם ספר נפלאות הזרע שמשון ווערט דערציילט**, אז א משפחה אין אמעריקע האט געברויכט ארויסגיין פון זייער דירה און האבן נישט מצליח געווען צו טרעפן קיין נייע דירה וואס זאל אריינפאסן אין זייער באשיידענעם באדזשעט, דער דאטום פון ארויסגיין איז געווען גאר נאנט, און זיי זענען געשטאנען אן א דאך איבערן קאפ, דער יונגערמאן האט מקבל געווען צו לערנען דעם ספר "זרע שמשון" יעדן ערב שבת, און צוגעזאגט ארויסצוהעלפן אנדערע צו לערנען דעם ספר אויב ער טרעפט א דירה ביז א וואך, צוויי טעג שפעטער האט אן אלטער באקאנטער אים גערופן און אים אנגעבאטן א דירה פאר א גאר ביליגן פרייז, וואס איז גארנישט געווען אינעם מארקעט, און פונקט אין די סביבה וואו ער האט געזיכט.

**יארצייט ו' אלול**

**הרה"ק רבינו יקותיאל יהודה ב"ר אלעזר ניסן זי"ע, (טייטלבוים), בעל ייטב לב, מסיגוט**

ער איז געבוירן אין שטאט דראהביטש, **בשנת תקס"ח**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי אלעזר ניסן טייטלבוים מדרוהוביטש** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי משה טייטלבוים בעל ישמח משה מאוהעל** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי צבי הירש מזבארוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יצחק מסטאניסלאוו** זי"ע,
בן **החסיד הנורא אור ישראל רבי אהרן זעליג מסטאניסלאוו** זי"ע,
מגזע הגה"ק **המהר"ם מלובלין** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת רויזא בלימא** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי אהרן אב"ד חאדאראוו** זי"ע מגדולי תלמידי **רבי אלימלך מליזענסק** זי"ע,
**חתן פרנס וראש הקהל דק"ק דראהביטש הרה"צ רבי נחום** זי"ע,
נכד הרה"ק **רבי יקותיאל זלמן לאנדא אבדק"ק הראשון מדרוהוביטש** זי"ע.

ביים ברית האט מען דעם קינד א נאמען געגעבן יקותיאל יהודה, נאכן זיידן הגה"ק **רבי יקותיאל יהודה - זלמן לייב סג"ל לאנדא אב"ד מדרוהוביטש** זי"ע.

ער איז געווען א איש אלקים קדוש וטהור נורא מאוד, ער איז געווען א גאון מובהק ועמוד ההוראה און א בקי נפלא בכל המקצועות התורה, בוצינא קדישא מנורה הטהורה, פה מפיק מרגליות, ער איז געווען א בעל דרשן נפלא און זיינע ווערטער זענען נתקבל געווארן אין די גאנצע מדינה און אויך אין די ארימיגע מדינות, זיין עבודת התפילה איז געווען מיט א געוואלדיגע אש קודש און א דביקות נורא מאוד, טויזענטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, ער איז געווען א גרויסע בעל מופת און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

ער איז נתגדל געווארן ביים הייליגען זיידן דער ישמח משה מאוהעל זי"ע, און דער זיידע האט דעם אייניקל מורא'דיג מחבב געווען, ער איז געווען א תלמיד מובהק פונעם הייליגען זיידן, ווי מען זעט אז דער זיידע האט געשריבן אויפן אייניקל זייענדיג נאר 15 יאר אלט, **אז ער איז א גדול בנגלה ובנסתר**.

ביי די 7 יאר אלט איז ער איינמאל געפארן מיטן טאטן צום זיידן דער הייליגער ישמח משה זי"ע, און זיצענדיג דארט ביים טיש, האט דער זיידע געזאגט תורה, דערנאך האט דער זיידע געהייסן פארן טאטן זאגן תורה, דאן האט דער זיידע געזאגט צום אייניקל, **כדי עס זאל מקיים ווערן דער פסוק לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ וּמִפִּי זַרְעֲךָ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעֲךָ, אז די תורה זאל פארבלייבן ביי די אייניקלעך, דארפן דריי דורות זאגן תורה.**

דאן האט דער יונגער זלמן לייבעלע געזאגט א גאר טיפע תורה, וואס איז שפעטער געדריקט געווארן אונעם ספר ייטב לב, און דער ייטב לב זי"ע באצייכענט, **אז דאס האב איך געזאגט ביי די זיבן יאר אין געגנווארט פונעם הייליגען זיידן דער ישמח משה זי"ע**, און דער הייליגער זיידע האט גאר שטארק אויסגעלויבט דעם תורה וואס דער אייניקל האט געזאגט.

בעפאר זיין בר מצוה האט דער זיידע אנגעוויזן א סוגיא פארן אייניקל, און געהייסן אז ער זאל דאס לערנען, און אויף דעם זאל ער אליין צוגרייטן זיין פשט'ל פאר די בר מצוה, און דער זיידע האט צו געגעבן, אז ביים בר מצוה וועט אויך זיין דער פעטער דער הייליגער ארי' דבי עילאי זי"ע, וואס איז א גרויסער חריף, און ער וועט זיך זיכער וועלן מפלפל זיין מיט דיר, דערפאר דארפסטו זיך צו אים צושטעלן.

דער קליינער זלמן לייבעלע האט גאר פלייסיג אריין געארבעט אויף א שיינעם חידוש פאר די בר מצוה, און נאך צוויי טאג, איז ער געקומען צום זיידן און געוויזן דעם פשט'ל, דער זיידע האט זייער הנאה געהאט דערפון, אבער ער האט געוויזן פארן אייניקל, אז דער חידוש שטייט שוין **אונעם ספר פני יהושע**, דעם קומענדיגען חידוש האט דער זיידע אויך געוויזן פארן אייניקל אז דאס שטייט שוין אין א אנדערן ספר.

אבער נאך עטליכע מאל איז אים געלונגען צו מחדש זיין א הערליכע חידוש, וואס דער זיידע האט זייער הנאה געהאט דערפון, און ביים בר מצוה האט דער פעטער דער הייליגער ארי' דבי עילאי זי"ע טאקע פראבירט זיך מפלפל זיין מיטן בר מצוה בחור, און נאכן ענדיגן האט דער זיידע און דער פעטער זייער משבח געווען און שטארק נתפעל געווארן פונעם פשט'ל.

דער אייניקל האט טאקע רוב פון זיין תורה מקבל געווען פון זיין הייליגען זיידען דער ישמח משה זי"ע, און עס איז באוויסט אז דער הייליגער זיידע איז אפילו נאכן פטירה געקומען מעולם העליון לערנען מיטן אייניקל.

מען דערציילט, אז איינמאל האט דער טאטע רבי אלעזר ניסן זי"ע געשיקט א קוויטל צום הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, און דארט איז געשטאנען אלע נעמען, און ווען דער חוזה איז אנגעקומען צום נאמען פונעם ייטב לב זי"ע, האט ער זיך אנגערופן, "**ער שיינט, ער לייכט, ער וועט באלייכטן די וועלט**".

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת רחל** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי משה דוד אשכנזי אב"ד טאלטשווא** זי"ע.

נאך די חתונה איז ער געבליבן וואוינען ביים שווער, דארט האט ער געהארעוועט אויף תורה יומם ולילה מיט א גוואלדיגע התמדה, דאס דחקות דארט ביים שווער איז געווען גאר גרויס, אבער דאס האט דעם גאון וקדוש בכלל נישט צוריק געהאלטן פון זיין תורה און עבודת השם מיט א געוואלדיגע דביקות און התלהבות.

דער הייליגער ייטב לב זי"ע פלעגט שפעטערע יארן אסאך רעדן פון יענע יארן ביים שווער, און זייער משבח געווען די יארן וואס ער האט געוואוינט ביים שווער, און אפילו נישט האבענדיג קיין עסן אדער סיי וואס, האט ער דאן עוסק געווען בתורה ועבודה מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, אויך האט ער דאן אסאך עוסק געווען בתורה מיטן גרויסן שווער, וואס האט דעם איידעם זייער מכבד געווען און מעריץ געווען זיין געוואלדיגע גדלות בתורה.

דער הייליגער ייטב לב זי"ע האט דערציילט, אז דאס איינציגסטע תענוג גשמי וואס ער האט דארט ביים שווער געהאט איז געווען, **אז פארטאגס ווען ער איז אנגעקומען אין די מקוו', איז דאס אייז שוין יעדן טאג געווען אויף געבראכן, ווייל דער שווער האט יעדן טאג געפעדערט דעם איידעם מיטן גיין אין מקוו'**.

דער הייליגער ייטב לב האט געהאט א גאר שטארקע קשר מיט די צדיקי הדור בימיו ובתוכם.

הרה"ק **בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע,
הרה"ק **רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מרופשיץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי שמעון מיערסלוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי צבי הירש מרימנוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב** זי"ע.

בשנת תקצ"ג האט מען דעם ייטב לב אויף גענומען אלס רב אין שטאט **סטראפקוב**, וואס דארט איז דער צדיק נספרסם געווארן מיט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע התנהגות בקדושה וטהרה.

כ"ח תמוז בשנת תר"א ווען דער הייליגער זיידע דער ישמח משה זי"ע איז נסתלק געווארן, און דער בן יחיד הרה"ק **רבי אלעזר ניסן** זי"ע האט בשום אופן נישט געוואלט אנעמען דאס רבנות, האט מען דאן אויף גענומען דעם הייליגען ייטב לב אלס ממלא מקום פונעם זיידן אין אוהעל.

אבער די אידן דארט אין שטאט וואס זענען באשטאנען פון רוב מתנגדים, האבן דעם ייטב לב געהייסן אינטער שרייבן א כתב, אז ער וועט נישט אנגיין מיט די קמיעות אזוי ווי דער זיידע, און ער זאל דאווענען נאר נוסח אשכנז, און נישט האלטן קיין מוסר דרשות, אבער דער ייטב לב האט בשום אופן נישט געוואלט צו דעם מסכים זיין, און נאך אפאר יאר האט מען אויף גענומען אן אנדערן אלס רב אין אוהעל.

דאן האט מען מיט די השתדלות פונעם מחותן **דער הייליגער דברי חיים מצאנז** זי"ע אויף גענומען דעם ייטב לב אלס רב אין שטאט **גארליץ**, און דארט האט ער געדינט אלס רב ביז שנת **תרט"ז**, ער האט דארט גאר אסאך אויפגעטון פארן שטאט סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, אלע רבנים און גדולים

פונעם געגענט האבן דעם ייטב לב גאר שטארק מעריץ געווען.

בשנת תרט"ו ח' תשרי ווען דער טאטע הרה"ק רבי אלעזר ניסן זי"ע איז נסתלק געווארן, האבן די אידן פון שטאט **דראהביטש** אויפגענומען דעם זון דער ייטב לב אלס ממלא מקום אין שטאט.

בשנת תרי"ח ווען איינע פון די גרויסע פרנסי הקהילה פון שטאט סיגוט איז נפטר געווארן הרה"ח **רבי שמואל זיינוויל כהנא** ז"ל, חתן הגה"ק **רבי יהודה כהנא הלר בעל קונטרס הספיקות** זי"ע, איז דער ייטב לב געקומען מספד זיין דעם פרנס הקהלה, און די הספד פונעם ייטב לב האט איבער געלאזט א געוואלדיגע רושם אויפן עולם דארט אין שטאט.

י"ח תמוז בשנת תרי"ח האט מען אויף גענומען דעם ייטב לב אלס רב אין שטאט **סיגוט**, ווי ער האט געדינט אלס רב ביז צו זיין הסתלקות, דאן איז זיין נאמען ארויס אין גאנץ רומניה און אונגארן אלס גדול בישראל, די גדולים און גאונים בדור האבן מפליא געווען זיין גדלות בתורה און זיין גרויסע קדושה און חכמה.

ער האט דאן אויף געשטעלט דאס ערשטע חסידישע ישיבה וואס איז געווען פאר יארן דאס גרעסטע ישיבה און גאנץ אירופה, הונדערטער תלמידי חכמים און גדולים זענען פון דעם ישיבה ארויסגעקומען ובתוכם.

הגה"ק **רבי שלמה יהודה טאבאק בעל ערך שי ראב"ד סיגוט** זי"ע,
הגה"ק **רבי חיים ארי' כהנא בעל דברי גאונים מסיגוט** זי"ע,
הרה"ק **רבי ישראל חיים פריעדמאן בעל ליקוטי מהרי"ח מראחוב** זי"ע,
הגה"ק **רבי יהונתן בנימין הכהן קליין בעל נפש יהונתן מסעליש** זי"ע,
הרה"ק **רבי אלימלך הסבא קדישא מטאהש** זי"ע,
הרה"ק **רבי אברהם יהושע פריינד מנאסויד** זי"ע.

דאן מיטן אויף שטעלן דעם ישיבה אין סיגוט, און די צאל בחורים תלמידי חכמים און גאונים זענען כסדר געשטיגען, איז די חסידישע שטאט סיגוט געווארן א עיר ואם בישראל, ווי הונדערטער חסידים זענען געקומען דארט מיט האלטן די גרויסע שבתים ביים הייליגען ייטב לב, און דער שטאט איז געווען דאן דאס גרעסטע חסידישע שטאט אין גאנץ אונגארן און אפילו ארומיגע מדינות, מען האט אין דעם שטאט געהערט דעם קול תורה 24 שעה אונעם טאג.

אידן פון אלע שטעט ארום זענען געקומען קיין סיגוט מיט האלטן די געהויבענע שבתים און ימים טובים ביים הייליגען ייטב לב, דעם רבין'ס דאווענען און דרשות וואס זענען צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע התלהבות דקדושה, האבן באנומען אלע באטייליגטע, הונדערטער אידן זענען געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק, און אידן האבן געזען גרויסע ישועות ביים הייליגען ייטב לב זי"ע.

אפילו די בעל הבית'ישע אידן פונעם שטאט, האבן אויך גאר שטארק מעריץ געווען דעם ייטב לב זי"ע וואס איז געווען באקאנט מיט זיין וואונדערליכן פארשטאנד אפילו אין מסחר, צענדליגע גרויסע גבירים זענען געקומען זיך דורך רעדן מיטן צדיק וועגן מסחר, אויך האבן זיי גאר שיין תומך געווען דעם צדיק און אויך זיין גרויסע ישיבה.

אויך האט דער הייליגער ייטב לב גאר שטארק לוחם געווען קעגן די אורטודוק'סישע קהילות און אסאך לוחם געווען אז די ערליכע אידישע קהילות זאלן זיך אפשיידן פון זיי, אפילו זייענדיג באוויסט מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל וואס ער האט זיך מיט א מסירת נפש אוועק געגעבן פאר יעדן איד, אבער ווען עס איז געקומען צו לוחם זיין קעגן סיי וואסערע התחדשות אדער פירצות, האט ער זיך ארויס געשטעלט מיטן גאנצן חומר, און נישט געלאזט מען זאל זיך אוועק רירן פון וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים.

דער הייליגער ייטב לב זי"ע מיט זיין גרויסע כח התורה און זיין געוואלדיגע גדלות בתורה, האט אפילו צו געצויגען צו זיך אסאך אשכנזישע גדולים בדורו, אסאך גרויסע תלמידים **פונעם חתם סופר** זי"ע וואס האבן זיך אייביג געפירט אויפן דרך החתם סופר, האבן זיך אויך געציילט אלס גרויסע חסידים און תלמידים פונעם הייליגען ייטב לב זי"ע.

גאר אסאך בחורים פון די אלע ישיבות פלעגן אסאך פארן קיין סיגוט צום הייליגען ייטב לב אויף שבתים און ימים טובים, און אסאך פון די בחורים זענען אפילו געבליבן לערנען אין די ישיבה פונעם ייטב לב זי"ע, און זיי זענען דורך דעם צוגעצויגען געווארן צום דרך החסידות.

הגה"ק רבי דוד לייב הלוי פאללאק זי"ע א זון פון דער גרויסן גאון הגה"ק רבי זעקל פאללאק זי"ע וואס האט פאר אפאר יאר געלערנט אונעם ישיבה פון הגה"ק **רבי יהודה אסאד מסערדאהעלי** זי"ע, איז נאך אפאר יאר געפארן לערנען ביים הייליגען ייטב לב זי"ע, און ער איז פארבליבען צווישן די גרויסע חסידים פונעם הייליגען ייטב לב זי"ע.

אויך דער גרויסער גאון הגה"ק **בעל מהר"ם שי"ק מחוסט** זי"ע פון די גרויסע תלמידים פונעם הייליגען חתם סופר זי"ע, איז סוף ימיו אויך געווען פון די גרויסע חסידים פונעם הייליגען ייטב לב זי"ע, און ווען זיין גרויסע תלמיד הגה"ק **רבי אליעזר זוסמאן סופר מפאקש** זי"ע האט אנגעפרעגט ביי זיין רבין דער הייליגער מהר"ם שיק זי"ע, לגבי דעם ישיבה פונעם הייליגען ייטב לב און זיין דרך החסידות,

האט די רבי געזאגט פארן תלמיד, אויב בין איך געקומען קיין חוסט נאר צו קענען דעם הייליגען סיגוטער רב איז דאס אויך כדי געווען.

אויך דער צדיק הרה"ק **רבי אברהם יהושע פריינד מנאסויד** זי"ע וואס איז געווען פון דער גרויסע תלמידים פין דעם מהר"ם שיק זי"ע איז געווען שפעטער פון די גרעסטע תלמידים און חסידים פונעם הייליגען ייטב לב זי"ע.

אין אונגארן איז דער ייטב לב געווען גערעכנט ווי דער "**רב המדינה**" און ער איז געווען נערץ ונקדש ביי די גרעסטע רבנים און גדולים אין לאנד, יעדע דבר שבקדושה אדער סיי וואס האט געהאט מיט אידישקייט אינעם גאנצן לאנד, האט מען אן געפרעגט ביים הייליגען ייטב לב, און זיין חוות דעת איז געווען אן גענומען ביי יעדן איינעם.

צווישן די גדולים בדורו וואס האבן געהאט א גאר שטארקע קשר מיט ייטב לב זי"ע האבן זיך געציילט די גרעסטע גדולים בדורו ובתוכם.

הרה"ק **רבי מנחם מענדל פאנעט מדעעש** זי"ע,
הגה"ק **רבי אלי' הרשובסקי בעל אזור אליהו אב"ד דרוהוביטש** זי"ע,
הרה"ק **בעל דברי יחזקאל משינאווא** זי"ע,
הרה"ק **רבי משה גרינוואלד בעל ערוגת הבושם מחוסט** זי"ע,
הרה"ק **רבי אהרן הלברשטאם קרייזער רב** זי"ע,
הגה"ק **רבי יואל אשכנזי אב"ד זלוטשוב** זי"ע,
הגה"ק **רבי יוסף יואל דייטש אב"ד חאדרוב** זי"ע,
הגה"ק **רבי משה תאומים אב"ד הורודנקא** זי"ע,
הגה"ק **רבי שרגא פייבל שרייאר אב"ד ברדשין** זי"ע,
הגה"ק **רבי שמואל ארנפעלד בעל חתן סופר** זי"ע.

זיינע הייליגע דברי תורה און שו"ת זענען געדריקט געווארן אין די ספרים, און זענען נתקבל געווארן אין די עולם התורה מיט א שטארקע הערצה.

**ספר ייטב לב, על התורה,**
**ספר ייטב פנים, על המועדים,**
**ספר רב טוב, על התורה,**
**ספר אבני צדק, שו"ת.**

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק **רבי אברהם אהרן מקאלבסוב** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי יחיאל רובין מקאלבסוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי אלי' בצלאל מטעטש** זי"ע, חתן הגה"ק **רבי פנחס יוסף דאכנער** זי"ע,
הרה"ק **רבי חנני' יום טוב בעל קדושת יו"ט מסיגוט** זי"ע, חתן הגה"ק **רבי יואל אשכנזי אב"ד זלוטשוב** זי"ע, און די טאטע פונעם הייליגע צדיקי הדור, הרה"ק **בעל עצי חיים מסיגוט** זי"ע, און הרה"ק **רבינו יואל טייטלבוים מסאטמאר** זי"ע,
הרה"ק **רבי משה יוסף מאוהעל** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי דוד מקשאנוב** זי"ע, בן הרה"ק **בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע,

בתו **הרבנית הצדקת מרת הענדיל** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי ישראל יעקב יוקל ט"ב אב"ד וואלאווא** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת פעסיל** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי ברוך מגארליץ** זי"ע, בן הרה"ק **בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת אלטא** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי משה מראזוואדוב** זי"ע, בן הרה"ק **רבי אליעזר מדזיקוב** זי"ע.

בעפאר די פטירה האט דער הייליגער ייטב לב זי"ע אויף געהויבן זיינע הייליגע הענט און געזאגט, **יעצט בין איך א כהן און איך וועל בענטשן דעם עולם, און דאן האט ער באפוילען, אז מען זאל אויף זיין מצבה נישט שרייבן קיין שבחים ווי גאון אדער צדיק, נאר מען זאל שרייבן אז ער האט אויף געשטעלט תלמידים הגונים וישרים, וחיבר חיבורים יקרים.**

נסתלק לגנזי מרומים **בליל שבת קודש פרשת שופטים ו' אלול בשנת תרמ"ג**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **סיגעט**.

דעם מקום קדוש פונעם ציון פונען הייליגען ייטב לב זי"ע איז א מקום ווי אידן פויעלען גרויסע ישועות און מופתים חוץ לדרך הטבע, **גְּדוֹלִים צַדִּיקִים בְּמִיתָתָם יוֹתֵר מִבְּחַיֵּיהֶם.**

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**מען דערציילט**, אז איינמאל האט דער הייליגער ייטב לב זי"ע זיך געטראפן ביי אן אסיפת הרבנים אין פעסט מיטן צדיק הרה"ק **רבי משולם פייש השרף מטאהש** זי"ע, און נאכן אסיפה האט דער הייליגער טאהשער רבי זי"ע, געבעטן דעם ייטב לב, **אז ער זאל קומען מיט אים קיין טאהש**, אבער דער הייליגער ייטב לב האט געזאגט פארן טאהשער רבין, אז ער ווָאלט זייער געוואלט אריבער גיין צום שטוב פונעם טאהשער רבי, **אבער וויבאלד ער יאגט זיך זייער אהיים צו גיין צוליב א דבר נחוץ, קען ער יעצט נישט קומען.**

שפעטער ווען דער הייליגער טאהשער רבי איז אן געקומען אהיים, האט ער געזאגט פארן רעבעצין, אז מען זאל צוגרייטן א שיינעם סעודה, **ווייל א חשובע גאסט קומט צו אונז היינט נאכט**, און לפלא אביסל שפעטער איז דער הייליגער ייטב לב אנגעקומען צום שטוב פונעם טאהשער רבי, און דערציילט, אז דער בעל עגלה האט זיך פארבלאנדזשעט און זיך טועה געווען, און בטעות זענען זיי אנגעקומען קיין טאהש, און דער הייליגער ייטב לב האט געזאגט פארן טאהשער רבי, "**טאהשער רב איר האט מיך אפגע'מופת'ט**".

• • •

**אידן חסידים פון אמאל האבן דערציילט**, איבער די געוואלדיגע דרשות וואס דער הייליגער ייטב לב זי"ע פלעגט זאגן ביי זיך אין שטאט, וואס זענען געווען דברים חוצבים להבות אש, דברים יוצאים מן הלב נכנסים אל הלב, און דער צדיק וקדוש האט מעורר געווען לבבות ישראל לאביהם שבשמים.

מען דערציילט, אז איין שבת קודש בעת רעוא דרעוין, האט דער הייליגער ייטב לב זי"ע געזאגט דברי התעוררות פארן ציבור, און מעורר געווען אידישע קינדער, אז מען זאל ח"ו נישט פארברענגען די צייט מיט דברי גשמיות, און די וואס זענען נאר עוסק אין ארבעטן, און געבן אוועק זייער גאנצע לעבן נאר אויף עולם הזה, און אזוי האט ער געזאגט דברי תורה מיט א געוואלדיגע ברען.

שפעטער נאכן זמן, ווי עס איז געווען דער מנהג, אז די אידן וואס זענען געווען ביים רבין אויף שבת, זענען אלע געקומען זיך געזעגענען פונעם רבין, אבער עס איז שוין געווען אסאך נאכן זמן, און קיינער קומט זיך נישט געזעגענען פונעם רבין, האט דער הייליגער ייטב לב געלאזט רופן זיין זון דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע, און געבעטן, אז ער זאל גיין זען וואס עס גייט פאר, אז דער עולם קומט זיך נישט געזעגענען.

דער זון גייט אריין אין ביהמ"ד, און זעט לפלא אז דער גאנצער עולם זיצט אין ביהמ"ד און זענען עוסק בתורה מיט א התמדה און דביקות, און קיינער טראכט אפילו נישט פון אהיים גיין צוריק עוסק זיין בצרכי הפרנסה, ווייל די דברי מוסר פונעם הייליגען ייטב לב האבן אזוי עושה רושם געווען אויף די אידן, און זיי האבן דאס אן גענומען מיט א פשטות און מסיח דעת געווען פון זייער פרנסה.

האט דער הייליגער ייטב לב געהייסן, אז מען זאל פאר די אידן זאגן, אז די ווערטער פונעם רבין זענען געזאגט געווארן אויף שבת קודש, וואס איז א הייליגע טאג וואס א איד ברויך מאכן זיכער צו אויס נוצען דעם הייליגען טאג שבת קודש נאר אויף קדושה, **און די 6 טאג פון די וואך דארף מען עוסק זיין בפרנסה**, אבער דאס זאל אויך זיין מיט א

מאס און מען זאל קובע עתים זיין לתורה אויך, אבער דאס ברענגט ארויס די געוואלדיגע כח וואס דער צדיק האט געהאט מיט זיינע דרשות וואס זענען געזאגט געווארן מיט א אמת און נאר לשם שמים.

• • •

**הרה"ק רבי יוסף גרינוואלד בעל ויחי יוסף מפאפא זי"ע האט דערציילט**, כידוע האט דער זיידע הרה"ק בעל ערוגת הבושם מחוסט זי"ע תחילת ימיו זיך נישט געציילט צווישן די וואס זענען געווען דבוק בדרך החסידות, אבער איין טאג האט ער געלערנט אונעם **ספר ייטב לב**, וואס איז צום ערשטן מאל געדריקט געווארן אן קיין נאמען פון דעם מחבר, און דער גאון דער ערוגת הבושם איז זייער נתפעל געווארן פון דעם ספר, און ער האט זייער געוואלט זעהן דעם בעל מחבר פון דעם ספר הקדוש ייטב לב.

איז דער ערוגת הבושם זי"ע געפארן צום שטאט סיגוט, און דארט איז ער איין געשטאנען ביי איינע פון די גבירים פונעם שטאט סיגוט, און דארט האט דער גרויסער גאון דער ערוגת הבושם עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, און זיין התנהגות איז געווען ממש להפליא.

דער גביר איז זייער נתפעל געווארן פון דעם גאון, און ער איז געגאנגען דערציילן דערוועגען פארן הייליגען ייטב לב זי"ע, ווען דער ייטב לב האט געהערט פון וועם מען רעדט, האט ער גלייך געזאגט בזה"ל, "**אויף דעם יונגערמאן ווארט איך שוין לאנג**", און דאן איז דער הייליגער ערוגת הבושם זי"ע נתקרב געווארן צום דרך החסידות, און ער איז געבליבן זיך מסתופף זיין בצלו פונעם הייליגען ייטב לב זי"ע.

• • •

**ווי באקאנט האט ביי די סיגוטער גזע געדינט א גבאי** הרה"ח רבי אשר שווארץ ז"ל, וואס מען האט אים געריפן "**ר' אשר גבאי**", דערציילט מען, אז ביים הייליגען ייטב לב זי"ע איז געווען א מנהג, אז יעדע וואך איז א צווייטער בחור פון די תלמידים געווען דער הויז בחור וואס האט באדינט דעם רבין, **פון זונטאג ביז מוצאי שבת, און זונטאג האט דער בחור וואס זיין רייע איז געקומען באדינט דעם רבין**.

דערציילט מען, אז ווען עס איז אנגעקומען די רייע אויף ר' אשר ז"ל, איז ער אזוי ווי יעדן בחור דעם קומענדיגען זונטאג שוין נישט געקומען, אבער זונטאג אינדערפרי ווען די רבי דער הייליגער ייטב לב האט אים געטראפן, און ער פרעגט פון ר' אשר פארוואס קומסטו נישט, האט ר' אשר געזאגט, **אז זיין וואך האט זיך שוין געענדיגט**, אבער דער הייליגער ייטב לב האט אים געפרעגט, **האב איך דיר דען געהייסן גיין**.

איז ר' אשר צוריק געקומען, און ער איז געבליבן דער הויז בחור ביז צו זיין חתונה, נאך זיין חתונה האט אים דער ייטב לב געזאגט, איך האב נישט קיין גבאי, און די רבי זאגט אים, איך האב געקענט גבאים וואס זענען געווען ציגיינער, און זיי האבן געמאכט דעם רבין פאר א בער, און די רבי האט זיי געברויכט נאך טאנצען, **אבער די ר' אשר בוסט נישט קיין ציגיינער, און די וועסט מיך נישט מאכן פאר קיין בער**, און דאן האט אים דער הייליגער ייטב לב גענומען אלס גבאי.

דער ר' אשר איז געווען גבאי ביי זיין רבין **דער הייליגער ייטב לב** זי"ע, און דערנאך ביים זון **דער הייליגער קדושת יו"ט** זי"ע, און אויך ביים **הייליגען עצי חיים** זי"ע, און צדיקים האבן געזאגט, **אז ווען מען איז אריינגעקומען זיך מזכיר זיין ביי איינע פון די סיגוטער רבי'ס, האט מען שוין האלב געפויעלט ביים גבאי'ן ר' אשר**.

דער גבאי ר' אשר האט געבעטן בעפאר זיין פטירה, אז מען זאל אים לייגען ביים טיר פונעם אוהל פון זיין רבין, "**מה כאן עומד ומשמש, אף שם עומד ומשמש**", און אידן דערציילן פון גרויסע ישועות וואס מען זעט ביים קבר פון ר' אשר גבאי ז"ל.

• • •

**הגה"ק רבי שאול בראך אב"ד קאשוי זי"ע** וואס איז געווען פון די גרויסע תלמידים פונעם הייליגען מהר"ם שי"ק זי"ע האט דערציילט, אז זייענדיג א בחור אין ישיבה, איז ער מיט נאך געציילטע בחורים געפארן אויף שלש עשרה מידות צום הייליגען ייטב לב זי"ע, און ווען זיי זענען געגאנגען זיך געזעגענען פון זייער רבין דער מהר"ם שיק, האט זיי די רבי געבענטשט און געוואונטשן א גליקליכע נסיעה.

דערציילט דער קאשויער רב, ווי אזוי עס האט אויסגעזען די עבודה א טאג בעפאר ערב יום

הקדוש ביים הייליגען ייטב לב זי"ע, ער איז אריין געקומען ליל שלש עשרה מידות אום צוועלף אזייגער ביינאכט, און די רבי איז צו געגאנגען צום עמוד און אויס געזאגט גאנץ תהילים מיט בכיות נוראות.

דאן איז די רבי צו געגאנגען צום עמוד סליחות, און בעפאר שמע קולנו האט דער הייליגער ייטב לב זי"ע געזאגט א דרשה פון איבער דריי שעה, און ער האט דאן צענומען דאס הארץ פון אלע אידן און אויס געוואשן די נשמה פון יעדן איד אין ביהמ"ד, און דער קאשויער רב האט געזאגט, אז ביי יענעם דרשה האט ער געהערט דאס ערשטע מאל א דרשה אויפן דרך הבעש"ט הקדוש זי"ע, און דאן האט ער זיך געלערנט ווי אזוי צו זאגן א דרשה פאר זיין גאנץ לעבן.

נאך סליחות האט מען געדאווענט שחרית, און דערנאך האט דער הייליגער ייטב לב געליינט קרבנות, דערציילט דער קאשויער רב, אז ער האט זוכה געווען צו זיין נעבן רבין די גאנצע צייט, און עס איז ממש נישט צום באשרייבן דאס התעוררות וואס דארט איז געווען, און נאך די גאנצע עבודה ווען אונז זענען געגאנגען זיך געזעגענען פונעם ייטב לב זי"ע, האט ער געהייסן איבער געבן א ווארעמע גריס פאר אונזער רבין דער הייליגער מהר"ם שיק זי"ע.

• • •

**איינמאל איז דער הייליגער ייטב לב זי"ע** געפארן צום שטאט זבארוב, און פארשטייט זיך אז עס איז געווען א גרויסע שמחה אונעם שטאט, אז מען גייט זוכה זיין צו מקבל פנים זיין דעם צדיק הדור, מען האט באצירט דעם גאנצן שטאט מיט פלאקאטן און לעמפלעך און עס איז געווען א גרויסע יו"ט אינעם שטאט, און ביינאכט האט מען אפ געראכטן א שיינעם קבלת פנים מיט א סעודה מיט מוזיק לכבוד דעם גרויסן גאסט, און מען האט אפ געגעבן פארן הייליגען ייטב לב כבוד מלכים.

איז געווען דארט אין שטאט דער מושל העיר, וואס איז געווען א גרויסער שונא ישראל, און ווען ער האט געהערט די מוזיק אויפן גאס, איז ער ארויס מיט די באדינער און געפרעגט איינעם דארט, וואס איז די גרויסע רעש וואס גייט פאר, האט אים יענער געזאגט, אז היינט איז אין שטאט געקומען א גרויסע רבי א צדיק, און מען האט לכבודו געמאכט א שיינעם קבלת פנים.

דער מושל דער גוי האט נישט געקענט אויסהאלטן דעם כבוד וואס מען גיבט אפ פאר דעם רבין, און דעם קומענדיגן אינדערפרי האט ער געלאזט רופן דעם ראש הקהל און געזאגט, **איך וויל זען דעם מענטש וואס מען האט אים אפ געגעבן אזא גרויסן כבוד, וואס זייט איך בין דא מושל האבן מיינע אויגן נאך נישט געזען אז מען זאל איינעם אפגעבן אזא כבוד**.

דער ראש הקהל איז געקומען דערציילן פארן ייטב לב וואס דער מושל וויל, האט דער ייטב לב זי"ע געזאגט מיט א רואיגן געמיט, **זאל דער מושל קומען אויף די גאס נעבן מיין אכסניא, און איך וועל ארויס גיין אויפן באלקאן וועט ער מיך קענען זעהן**.

דער מושל האט צו דעם מסכים געווען, און ער איז געקומען אויפן גאס פון די אכסניא, און דער הייליגער ייטב לב איז ארויס געקומען אויפן באלקאן, אזוי ווי דער ייטב לב איז ארויס געקומען אויפן באלקאן, **האט דער מושל מיט זיין גרויסע שנאה געשפיגען אויף דער ערד, און געלאזט פאלן ווערטער מיט א בזיון אויפן הייליגען ייטב לב און געשריגן, פאר אזא איינעם גיט מען אזא גרויסן כבוד**, און דער מושל איז זיך אהיים געגאנגען.

דער מושל אהיים גייענדיג האט געטראכט, אז ער האט דא גאר גוט פארשעמט דעם גרויסן רבין, אבער אריינגייענדיג אין זיין שטוב **איז אראפ געפאלן א גרויסע שטיק פון זיין באלקאן אויפן מושל, און ער איז געבליבן ליגן א פגר דארט אויפן פלאץ**, כל יאבדו כל אויביך ד'.

• • •

**אין סיגוט האט געוואוינט א שוסטער**, וואס האט פארמאגט א הויז מיט עטליכע דירות, האט מען אמאל געפרעגט דעם שוסטער פון ווי ער האט געהאט די געלט צו קויפן דעם הויז, וויבאלד פון שוסטעריי מאכט מען דאך נישט אזויפיל געלט.

האט דער שוסטער דערציילט, אז איינמאל האט מען באשטעלט א פאר שטיוול פארן הייליגען ייטב לב זי"ע, און ווען ער האט שוין געהאלטן ביים ענדיגן די שטיוול, און ער האט נאך געברויכט

אפרייבן די שפיצן פון די נעגל וואס ער האט ארייגעקלאפט אין די שטיוול, כדי עס זאל זיין אינעווייניג גלאט כדי מען זאל זיך נישט צושטעכן, איז דער משמש געקומען און מיר געבעטן די שטיוול, און איך האב פארגעסן אז איך האב נאכנישט אפגעריבן די נעגל.

ווען דער הייליגער ייטב לב האט אנגעטון די שטיוול, האט ער זיך שטארק צושטאכן די פיס, און ער האט מיך געלאזט רופן, ווייל ער האט געמיינט אז איך האב עס אפשר געטון בכוונה, און די רבי האט מיך שטארק אן געשריגן, פארן וועלן ח"ו שעדיגן דעם רבין.

אבער שפעטער איז דער ייטב לב געוואר געווארן, אז דאס איז נישט געווען מיין שילד, נאר אז דער משמש האט מיך געיאגט און עס איז געווען א טעות, האט דער צדיק מיך געלאזט רופן און מיך געבעטן אז איך זאל אים מוחל זיין.

האב איך געזאגט פארן רבין, **אז איך וועל מוחל זיין נאר בתנאי, אז די רבי קויפט מיר א הויז**, האט די רבי געזאגט, פון ווי זאל איך האבן די געלט דיר צו קויפן א הויז, אבער איך האב מיך געהאלטן ביי מיינס, אז איך בין מוחל נאר בתנאי אז איך באקום א הויז.

דאן האט מיר די רבי געגעבן א האלבן רובל, **און מיר געהייסן גיין קויפן די לאטערי**, און געזאגט דו וועסט געווינען די לאטערי און אזוי וועסטו קענען קויפן א הויז, **כך הוה יענעם טאג האב איך געווינען דעם לאטערי און געווינען א הון רב, און פון דעם האב איך מיר געקויפט דעם הויז.**

• • •

**עס האט אמאל אויס געבראכן א מגיפה** פון כאלערע ארום דעם שטאט סיגוט, און ווען עס איז געקומען די ימים נוראים איז דער מושל העיר געקומען צום ראש הקהל ר' משה ארי' פריינד ז"ל, און אים געבעטן אז ער וויל זייער וויכטיג רעדן מיטן רב דער הייליגער ייטב לב זי"ע.

ווען דער ראש הקהל און דער ייטב לב זענען געקומען צום מושל, האט ער געבעטן דעם רבין, **אז ער זאל נישט לאזן קיינעם קומען פון אויסער די שטאט אויף יו"ט, ווייל ער האט מורא אז די מענטשן וועלן ברענגען די מחלה צום שטאט.**

האט זיך דער הייליגער ייטב לב אנגערופן בזה"ל, "**אין סיגוט איז נישט געווען די כאלערע, און עס וועט אויך נישט זיין**", ווען די צוויי זענען ארויס פונעם מושל, האט דער צדיק געפרעגט ר' משה ארי' וואס האב איך געזאגט פארן מושל, האט דער ראש הקהל געזאגט פארן רבין וואס ער האט געזאגט, האט זיך די רבי אנגערופן, "**נאר בלייבט נאר, און מקח בלייבט מקח**".

יענעם הושענא רבה האט דער צדיק גאר שטארק מרעיש עולמות געווען ביי די הושענות "**הושענא נפש מבהלה**", און איין פארטאגס איז דער צדיק געגאנגען ביים עק פון שטאט, און ער האט מיטן שטעקן פארטריבן די חולי רע און געזאגט, "**גייט ארויס גייט ארויס**", און לפלא איז צום שטאט סיגוט קיינמאל נישט אנגעקומען די מגיפה, און זכות פונעם צדיק וואס האט מגין געווען אויפן שטאט.

• • •

**א איד וואס האט געוואוינט אין שטאט דיסעשט** וואס איז נאנט צום שטאט סיגוט, האט ליידער באקומען א מכה פון בלאטערן אונעם האלז, און ער איז געווען אין א גרויסע סכנה, האט ער געשיקט א שליח וואס זאל אים מזכיר זיין ביים הייליגען ייטב לב זי"ע.

דער שליח איז אנגעקומען קיין סיגוט ערב ראש השנה נאכן ענדיגן סליחות, און דער הייליגער ייטב לב איז געזעצן ביי זיך אין שטוב מיט א כאלאטל און אויסגעשארפט א מעסערל צו שניידל די נעגל, ווען דער שליח האט מזכיר געווען דעם חולה, האט דער ייטב לב אנגעוואינטשן א רפואה שלימה.

ווען דער שליח איז אנגעקומען צוריק אין שטאט, האט ער געהערט די בשורה טובה, אז דער איד איז ב"ה שוין געזונט, און דער איד האט דערציילט, אז ממש בשעת מעשה וואס דער שליח איז געווען ביים ייטב לב, **האט זיך דער איד גע'חלומ'ט, ווי דער ייטב לב איז אנגעטון מיט יענעם כאלאט און ער האלט א שארפ מעסער און דער ייטב לב האט אריינגעלייגט דעם מעסער אין זיין האלז און ארויס געשניטן אלע בלאטערן**, און ווען דער איד האט זיך דערוועקט, האט ער אויס געבראכן אלע בלאטערן, און ער איז גלייך געזונט געווארן.

• • •

**עס ווערט געברענגט**, אז די מאמע פונעם הייליגען ייטב לב זי"ע הרבנית הצדקת מרת רויזא בלומה ע"ה, די רעבעצין פונעם צדיק רבי אלעזר ניסן מדרוהוביטש זי"ע האט דערציילט, אז אפאר יאר נאך די חתונה האבן זיי ליידער נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, וואס ליידער האט זיך ביי זיי דאן נישט געהאלטן קיין קינדער, און זיי האבן געהאט גרויס צער גידול בנים.

איין טאג איז אנגעקומען א בריוו פונעם שווער דער הייליגער ישמח משה מאוהעל זי"ע, און דער ישמח משה שרייבט דארט, אז אונז האבן מיר א זיידע הרה"ק **רבי יקותיאל יהודה אב"ד הראשון מדרוהוביטש** זי"ע, און אונז זאלן מיר גיין מתפלל זיין אויף זיין ציון הקדוש, און מען זאל צו זאגן, אז דאס קינד וואס וועט געבוירן ווערן וועט מען א נאמען געבן נאך אים, אונז זענען געגאנגען צום ציון פונעם זיידן, און כך הוה, צום יאר איז ביי אונז געבוירן געווארן א קינד, און מען האט אים א נאמען געגעבן נאכן זיידן, און דאס קינד איז געווען **דער הייליגער ייטב לב מסיגוט** זי"ע.

• • •

**ווערט דערציילט**, אז ביים הסתלקות פונעם הייליגען ישמח משה מאוהעל זי"ע כ"ח תמוז בשנת תר"א, האט מען אויף גענומען דעם אייניקעל דער הייליגער ייטב לב זי"ע אלס ממלא מקום, זענען דאן געקומען צו פארן אסאך רבנים און צדיקי הדור, האט פאסירט אז איינע פון די זקנים וואס זענען געקומען צו פארן, איז ליידער אריין געפאלן אין וואסער אויפן וועג.

בדרך נס איז דער זקן געראטעוועט געווארן, שפעטער האט דער איד דערציילט, **אז דער הייליגער ישמח משה זי"ע איז געקומען מעולם העליון, און האט אים ארויס גענומען פון וואסער און געזאגט, איך וויל נישט די זאלסט שטערן די גרויסע שמחה פון דעם וואס מען נעמט אויף מיין הייליגע אייניקעל אלס ממלא מקום**, און דערפאר האט ער יענעם ארויס גענומען פון וואסער.

• • •

**איין יאר חנוכה זענען א קבוצה פון תלמידים** פונעם הייליגען ייטב לב זי"ע געזעצן אין ביהמ"ד און געשפילט קארטן, אבער אינמיטן שפילן איז דער רבי דער הייליגער ייטב לב זי"ע אריין געקומען, און די בחורים האבן זיך זייער דערשראקן, אבער מען האט נישט געהאט קיין צייט צו באהאלטן די קארטן, **און דער הייליגער ייטב לב זי"ע גייט צו צו איינע פון די בחורים, און זאגט אים אריין שטילערהייט עפעס אינעם אויער און גייט ארויס**.

לפלא האט דער בחור אויס געבראכן און א געוויין, און ער האט זיך נישט געקענט אפ שטעלן נאר געוויינט מיט בכיות נוראות, די חברים זיינע האבן אים געפרעגט פשט, פארוואס האט די רבי נאר גערעדט צו אים, און פארוואס וויינט ער אזוי שטארק, **אבער דער בחור האט נישט געוואלט דערציילן**, אבער יארן שפעטער ביי די צווייטע וועלט מלחמה, האט דער איד דערציילט פאר הרה"ח רבי יחזקאל פריעדמאן ז"ל די מעשה.

אין די ישיבה פונעם הייליגען ייטב לב זי"ע איז געווען איינגעפירט, אז מען פלעגט יעדע שטיק צייט טיילן פאר די בחורים מלבושים, און דערפאר איז געווען איינגעפירט, אז די בחורים פלעגן יעדע יומי דפגרי ארום גיין נאך געלט פאר די קופת הצדקה, איין יאר ערב ראש השנה, האט דער גבאי צדקה געהייסן פאר דעם בחור גיין נאך געלט, און דער בחור איז די גאנצע טאג ארום געגאנגען נאך געלט ממש ביז צום זמן, און ער האט גארנישט געגעסן די גאנצע טאג.

ווי דער מנהג יענע צייטן צו עסן ביי אידן פון שטאט, האט דער בחור געגעסן טעג אין שטוב פון הנגיד רבי קלמן כהנא ע"ה, און דער ר' קלמן האט געהאט א אייגענעם שוהל ביי זיך אין שטוב, און דערפאר איז דער בחור אריבער דאווענען ראש השנה ביינאכט אונעם שוהל פון דעם נגיד רבי קלמן, אבער דער בחור איז געווען גאר שטארק מיעד און הונגעריג נישט עסענדיג די גאנצע טאג, איז דער בחור איינגעשלאפן אין ביהמ"ד.

פלוצלונג חלום'ט זיך דער בחור, ווי ער שטייטביים בי"ד של מעלה און מען איז אים דן אויף זיינע מעשים פון די יאר, **און מען האט אים דן געווען אז ער זאל שוין בלייבן דארט אויבן אין הימל צוליב זיינע מעשים**, אבער פלוצלונג קומט אן דער הייליגער ייטב לב זי"ע, און ער פרעגט דארט ביים בי"ד של מעלה, וואס מען וויל פון דעם יונגען

בחור, **און תוך כדי דיבור כאפט אים די רבי דער ייטב לב אן, און שלעפט אים צו זיך, און אזוי האט זיך דער בחור אויף געקוועקט פונעם שלאף, און ער טרעפט זיך אין ביהמ"ד אליין.**

ער איז שנעל געלאפן צום שטוב פונעם נגיד, אבער דארט אין שטוב איז שוין קיינער נישט געווען, האט ער פארשטאנען, אז מן הסתם איז יעדער שוין געגאנגען צום שולחן הטהור פונעם ייטב לב, איז ער אויך אריבער צום טיש פונעם רבין, און ער האט טאקע געטראפן דארט ווי מען האלט שוין ביים סוף פון טיש, אבער לפלא אזוי ווי ער קומט אריין, שיקט דער הייליגער ייטב לב מיטן גבאי פארן בחור, א גלעזל וויין און צוויי חלות, אז ער זאל קידוש מאכן און עסן די סעודה, דער בחור האט ביי זיך געטראכט, אז מן הסתם איז דער חלום טאקע אמת, און וועגן דעם האט אים די רבי געשיקט די וויין און חלות.

אבער ווען עס איז דורך די עשרת ימי תשובה און יום הקדוש ווען דער בחור איז אריין מיט א קוויטל צום רבין דער ייטב לב זי"ע, האט אים די רבי בכלל נישט דערמאנט וועגן די חלום, און אויך ווען ער האט געארבעט צו באצירן די סוכה פונעם רבין אויפן יו"ט סוכות, האט די רבי גארנישט מזכיר געווען וועגן דעם חלום, האט דער בחור ביי זיך געטראכט, אז אפשר איז די חלום נישט אמת, און דאס וואס די רבי האט אים געשיקט די וויין און חלות, איז ווייל די רבי האט געזען אז ער האט נאכנישט געגעסן.

אבער יענעם חנוכה ווען די רבי איז אריין געקומען אין ביהמ"ד, און האט אונז געטראפן שפילן קארטן, איז די רבי צו געקומען צו מיר און זאגט מיר, **פאר דעם האב איך גענומען אחריות אויף דיר ראש השנה ביינאכט, אז די זאלסט זיצן און בטל'ן די צייט מיטן שפילן קארטן, איך האב דיך גענומען מעולם העליון כדי די זאלסט קענען ווייטער עוסק זיין בתורה ובמצוות ובגמילות חסדים**, און דערפאר האט דער בחור אזוי געוויינט נאך די ווערטער, ווייל ער האט דאן געזען, אז די גאנצע חלום איז טאקע געווען ריכטיג, און דער ייטב לב זי"ע האט גאנץ גוט געוויסט דערפון, נאר ווי זיין מנהג קדוש איז געווען, האט דער צדיק פראבירט צו באהאלטן זיין גרויסן כוח.

• • •

**הגה"צ בעל כוונת הלב מקראסנא זי"ע האט דערציילט**, אז עס איז געווען א איד א חסיד פונעם ייטב לב מסיגוט זי"ע, וואס האט מחבר געווען די ניגונים אויף ימים נוראים פארן ייטב לב זי"ע, איינמאל האט דער איד געמאכט א נייע ניגון, און די ווייב האט אים צו געהאלפן מאכן איין פאל פונעם ניגון, לפלא ערב ראש השנה ווען דער איד איז אריין צום ייטב לב זי"ע און געזינגען דעם ניגון, ווען ער איז אנגעקומען צו יענעם פאל פונעם ניגון, איז דער הייליגער ייטב לב זי"ע ממש אויף געשפרינגען און געזאגט "**קול באשה**" און געהייסן מען זאל אויף הערן זינגען דעם ניגון.

• • •

**הגה"ק רבי אליעזר כהן זי"ע דער זון פון בעל הנפש יהונתן מסעליש זי"ע האט דערציילט**, אז ער איז געווען פון די גרויסע חסידים פונעם הייליגען ייטב לב זי"ע, איין יאר איז ער געווען אויפן יו"ט שבועות ביים רבין אין סיגוט, און דארט איז געווען א גרויסע געשטיפעניש אין שוהל, און פלוצלונג איז אויף זיין פיס ארויף געפאלן א גרויסע שווערע באנק, און זיין פיס האט זיך צובראכן און עס איז אריין ביז צו זיינע לינגען און ער איז געווען ממש אין א סכנה.

מען האט דעם איד געטראגן שנעל צו א דאקטאר, אבער די דאקטוירים האבן אויף געגעבן אויף אים וויבאלד עס איז נישט געווען וואס צו טון אים צו ראטעווען, איז מען שנעל אריבער צום ייטב לב זי"ע, און מען האט דעם רבי אליעזר מזכיר געווען ביים רבין, איז דער הייליגער ייטב לב זי"ע אריבער מבקר חולה זיין דעם רבי אליעזר, און בשעת מעשה האט דער הייליגער ייטב לב ארויף געלייגט זיינע הייליגע הענט אויפן פיס, און דער ייטב לב האט געזאגט בזה"ל, "**איך זעה נישט דא קיין שום מיחוש**", איבעריג צו זאגן, אז דער חסיד איז אינגאנצן געזונט געווארן גאר אינגיכן.

• • •

**הרה"ק רבי ברוך מגארליץ זי"ע** דער זון פונעם הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע וואס איז געווען א איידעם ביים הייליגען ייטב לב זי"ע האט אמאל געזאגט, "**אז זיין שווער דער הייליגער ייטב לב זי"ע אויב וואלט ער זיך נישט אזוי אפ געגעבן מיטן מרבץ תורה זיין אין זיין גרויסע ישיבה, און געווען פארנומען צו ארויף ברענגען דאס אידישקייט אין**

**שטאט סיגוט, וואלט ער געווען אזוי גרויס ווי דער טאטע דער דברי חיים מצאנז זי"ע**, וואס ווי באוויסט האט זיך דער הייליגער ייטב לב גאר שטארק אפ געגעבן מיט זיינע תלמידים אין ישיבה, און ער האט זיך ממש מוסר נפש געווען פאר זיינע תלמידים.

• • •

**מען דערציילט אויפן הייליגען ייטב לב זי"ע**, אז ער איז געווען כל ימיו גאר שטארק צובראכן פון זיך, ער האט באמת געהאלטן אז ער דינט נישט דעם באשעפער ווי עס ברויך צו זיין, גאר אסאך מאל האט מען דערציילט, אז ביי זיין שולחן הטהור, ווען א פשוטע איד האט געמאכט א ברכה, האט דער צדיק געלאזט הייסע טרערן און געזאגט, **הלוואי זאל איך מאכן אזא ברכה ווי דער איד האט געמאכט**, און ער האט מעורר געווען זיינע תלמידים אויף דעם.

אויך דערציילט מען, אז טאקע וועגן דעם האט דער צדיק דער ייטב לב זי"ע געוואלט, אז אלע זיינע קינדער זאלן דינען אלס רב אין א שטאט, ווייל דורך דעם וועלן זיי מרביץ תורה זיין פאר אידן און זיי מעורר זיין צו תשובה, און אפשר דורך דעם וועט עס זיין א טובה פאר זיין נשמה בעולם הליון, און וועגן דעם האט דער צדיק רוב פון זיין לעבן מקדיש געווען צו מרביץ תורה זיין פאר זיינע תלמידים מיט א געוואלדיגע מסירות נפש און איבער געגעבענקייט.

• • •

**ר' אשר גבאי האט פארציילט**, אז איין שבת ביינאכט איז דער הייליגער ייטב לב געגאנגען צום טיש, איז ער דורך איינע פון די שטיבלעך און געזען ווי דער זוהן דער הייליגער קדושת יו"ט זיצט און איז מעיין אין א ספר, האט זיך דער הייליגער ייטב לב זי"ע אנגערופען צו ר' אשר גבאי, **זעה און קוק אן די צורה פון מיין ליפא'לע, איך וויס נישט וואסערע פנים איך האב קעגען זיין צורה, איך גיי יעצט פירן טיש און זיצען אויבן אן און ער וועט זיצען אין די זייט, באמת וואלט ווען געדארפט זיין פארקערט ער זאל זיצן אויבן אן און איך אין די זייט.**

• • •

**מען דערציילט**, אז כ"ה ניסן בשנת תרל"ו ווען דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע וואס איז געווען א ידיד נאמן און א מחותן מיטן ייטב לב זי"ע איז נסתלק געווארן, האט אבער דער ייטב לב פאר כמעט א האלבע יאר זיך ארויס געדריידט פון מספיד זיין דעם הייליגען דברי חיים זי"ע, וו**יבאלד ער האט באמת ביי זיך נישט געהאלטן, אז ער איז ראוי' צו מספיד זיין אזא צדיק הדור**, הערשט נאך א האלבע יאר, האט דער צדיק בלית ברירה נאר אלס כבוד פונעם דברי חיים זי"ע, גאר שיין מספיד געווען דעם דברי חיים מיט בכיות נוראות.

• • •

**הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע האט דערציילט**, אז מען קען זיך נישט פארשטעלן די גרויסע נחת רוח און הנאה וואס דער זיידע דער ייטב לב זי"ע האט געהאט, ווען איינער האט מחדש געווען א דבר תורה אדער א חידוש דורך איינע פון זיינע חידושים, ווייל ער האט געזאגט, אז א אמת'ע חידוש אויב ברענגט עס א פרישע חידוש פון דעם, איז דאס א סימן אז עס איז דברי אמת, ווייל פון א נישט אמת'ע חידוש קען נישט ארויס קומען א נייע חידוש.

• • •

**ווערט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע איז נאך געווען א קליין קינד, האט ער איין יו"ט פסח ביים סדר בטעות אויס געלאשן צוויי ברענעדיגע לעכט, דער עולם האט זיך דערשראקן.

אבער דער טאטע דער הייליגער ייטב לב זי"ע האט זיך אנגערופן, **"זארגט אייך נישט, ער וועט נאך אנצינדן צוויי שיינע ליכט"**, און דאס זענען טאקע געווען די צוויי הייליגע קינדער, הרה"ק **רבי חיים צבי בעל עצי חיים מסיגוט** זי"ע און הרה"ק **רבינו יואל טייטלבוים מסאטמאר** זי"ע, **וואס האבן באלאכטען די וועלט מיט זייער תורה און קדושה**.

• • •

**ווי באוויסט האט דער הייליגער ייטב לב זי"ע** געהאט מקובל מאבותיו הראשונים, אז דער חלה פון שבת קודש אויפדערנאכט זאל מען אויף שניידן די פשוטע חלה נישט די געפלאכטענע חלה, און ער האט אויף דעם זייער מקפיד געווען.

איין טאג האט איינע פון זיינע חסידים חתונה געמאכט א טאכטער, און שבת קודש ביינאכט האט דער שווער געזאגט פארן איידעם, אז דער מנהג שבת קודש ביינאכט איז צו שניידן נאר די פשוטע חלה און נישט דער געפלאכטענע חלה, האט דער איידעם געזאגט פארן שווער, **וואס**

**מאכט דען א חילוק וועלכע חלה מען שניידט אויף**, ווען דער איד האט דאס דערציילט פאר זיין רבין דער ייטב לב זי"ע, האט דער ייטב לב געזאגט פארן חסיד, **זעה אז דער טאכטער זאל זיך גט'ן, ווייל דער איידעם וועט זיך נאך רח"ל שמד'ן**, לפלא נישט אסאך נאכן גט, האט דער שווער געהערט אז דער איידעם האט זיך רח"ל גע'שמד.

• • •

**ווי באוויסט איז דאס עבודת הקדוש און שמחה** ביים הייליגען ייטב לב זי"ע געווען ממש אויסטערליש גרויס אונעם יו"ט פון שמחת תורה, דער צדיק וקדוש האט זיך געפרייט מיט די תורה און געטאנצן ממש מיטן גאנצן כח, עס האט זיך אסאך מאל געקענט מאכן, אז דער צדיק איז ממש געטאנצן אויף די טישן און בענק פונעם ביהמ"ד צוליב זיין גרויסע אהבת התורה.

אין יאר שמחת תורה איז געווען דארט אין ביהמ"ד א אשכנז'ישע איד, וואס איז נישט געווען געוואוינט צו אזא עבודה, האט דער איד געטראכט ביי זיך, **ווי אזוי פאסט פארן מרא דאתרא פון שטאט אזוי צו טאנצען, ער זעהט דאך ממש אויס ווי דער בדחן ביי א חתונה וואס פירט זיך אויף אזוי משונה'דיג**.

אבער לפלא גלייך שטעלט זיך אפ דער הייליגער ייטב לב זי"ע ביי דעם איד און זאגט אים, "**ר' איד אויבן אין הימל קומט יעצט פאר א גרויסע חתונה, און איך בין דער בדחן**", און דער ייטב לב איז צוריק געגאנגען טאנצן, דער איד איז ממש נשתומם געווארן און געפאלן חלשות, זעענדיג ווי דער הייליגער ייטב לב זי"ע האט מרגיש געווען זיינע מחשבות.

• • •

**אינעם ספר תהלות משה ווערט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער ייטב לב זי"ע איז נאך געווען גאר א יונגער בחור און האט געלערנט ביי זיין גרויסן זיידן, דער הייליגער ישמח משה זי"ע, איז ער אמאל געפארן אויף א שטיק צייט אוועק פון שטאט, דער זיידע, דער הייליגער ישמח משה, האט זיך שטארק געבענקט צום אייניקל, און האט אים געשריבן א בריוו, אינעם בריוו האט ער געשריבן גאר גרויסע טיטלען אויף זיין אייניקל, וואס מען שרייבט נאר אויף די גרעסטע צדיקי הדור, און ער האט דארט געשריבן, "**צום גרויסן מאור הגולה, מיין טייערער אייניקל**".

ווען מען האט געפרעגט דעם הייליגען ישמח משה זי"ע, פארוואס ער שרייבט אזעלכע גרויסע טיטלען פאר אזא יונגן בחור, האט דער ישמח משה געענטפערט בזה"ל, "**איך שרייב נישט סתם אזוי, איך זעה שוין יעצט מיט מיינע אויגן ווי דער בחור וועט אויסוואקסן דער רבי און מנהיג פון טויזנטער אידן, און זיין ליכטיגקייט וועט לייכטן אין די גאנצע וועלט**".

• • •

**אין ספר מקור ברוך ווערט געברענגט**, אז אפילו דער הייליגער ייטב לב זי"ע איז שוין געווען א דיין און מנהיג פון אסאך אידן, האט ער אבער געהאט א געוואלדיגע הכנעה און ביטול צו זיין רבי'ן, **דעם הייליגן צאנזער רב זי"ע**, איין יאר ערב יום כיפור, נאך די סעודה המפסקת, איז דער הייליגער ייטב לב אריינגעגאנגען צום צאנזער רב בעטן א ברכה.

ווען דער הייליגער צאנזער רב האט אים געגעבן די ברכה, **האט דער ייטב לב אנגעהויבן וויינען מיט בכיות נוראות ווי א קליין קינד פאר גרויס פחד פונעם יום הדין און פון גרויס יראת הכבוד פארן רבין**, ווען ער איז ארויסגעקומען, האבן די חסידים געזען ווי זיין גאנצע בעקיטשע איז געווען נאס פון טרערן, און ער פלעגט שטענדיג זאגן פאר זיינע תלמידים, "**אפילו א מענטש האלט אז ער קען לערנען און ער איז א תלמיד חכם, אן א רבי און א אמת'ע הכנעה קען מען גארנישט דערגרייכן אין עבודת השם**".

• • •

**אין ספר תולדות ייטב לב ווערט דערציילט**, אז אמאל איז א פשוט'ער איד, א סוחר, געקומען צום הייליגען ייטב לב וויינען אז ער האט פארלוירן זיין גאנצע געלט און ער האט נישט מיט וואס צו חתונה מאכן זיין טאכטער, דער איד איז געווען צובראכן אויף שטיקער און זיך נישט געקענט צוזאמען נעמען פון גרויס צער, דער הייליגער ייטב לב האט נישט געהאט קיין געלט אין שטוב יענעם טאג, אבער ער האט נישט געקענט צוקוקן דעם איד'ס צער.

איז ער אליין ארויסגעגאנגען אין שטאט, ארומגעגאנגען פון איין שטיבל צום צווייטן און ביי גבירים, און צוזאמגעקליבן א שיינע סכום פאר דעם צובראכענעם איד, ווען מען האט אים געפרעגט, "**רבי, פארוואס גייט דער רב אליין און**

**שיקט נישט א גבאי'ן**", האט דער הייליגער ייטב לב געענטפערט מיט זיין גרויס עניוות, "**די תורה זאגט 'עמו אנכי בצרה', ווען א איד איז אין צער, דארף מען פילן זיין ווייטאג כאילו ס'איז די אייגענע קינד, און פאר מיין אייגן קינד וואלט איך דאך אויך אליין געגאנגען קלאפן אויף די טירן**".

• • •

**אין ספר זכרון למשה ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער ייטב לב זי"ע איז געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע **שמירת עינים**, ער פלעגט כמעט נישט אויפהייבן די אויגן העכער די ד' אמות, סיי ווען ער איז געגאנגען אויפן גאס און סיי ווען ער איז געזעסן אין שטוב, אמאל איז א איד געקומען צו אים אין שטוב זיך מזכיר זיין און געשטאנען פארנט פון אים א לאנגע צייט.

עטליכע וואכן שפעטער איז יענער איד ווידער געקומען, אבער דער רבי האט אים געפרעגט **ווער ער איז**, האט דער גבאי געזאגט פארוואונדערט, "**דער איד איז דאך געשטאנען פארנט פונעם רבי'ן פאריגע וואך א גאנצע שעה**", האט דער הייליגער ייטב לב מיט א פשטות געענטפערט, "**איך האב שוין פון מיינע יונגע יארן מקבל געווען אויף מיר, קיינמאל נישט אנצוקוקן א מענטש'נס צורה אויף אן אופן וואס איך זאל אים דערקענען אויפן פנים, נאר מיינע אויגן זאלן שטענדיג זיין צוגעקלעבט אין ספר און אינעם בורא עולם**".

• • •

**אינעם ספר תולדות ייטב לב ווערט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער ייטב לב זי"ע פלעגט זיך שטעלן דאווענען, פלעגט זיין גאנצער קערפער ציטערן פון גרויס פחד השם און פון זיין געוואלדיגע יראת שמים, מען פלעגט זעהן בחוש ווי ער איז נישט אויף דער וועלט, איינמאל אינמיטן שחרית, ביי שטילע שמונה עשרה, **האט אראפגעטראסקעט א שווערע לייכטער, מיט א גרויסן קראך ממש נעבן דעם הייליגען ייטב לב**.

די גאנצע שוהל האט זיך דערשראקן, און אלע מענטשן זענען געלאפן זעהן צי דער רבי איז חלילה געשעדיגט געווארן, דער ייטב לב האט אבער אפילו נישט א ריר געטאן מיט זיין קאפ, און ער האט נישט אפגעשטעלט זיין דאווענען אויף איין רגע, נאכן דאווענען האבן די מקורבים אים געפרעגט, צי ער האט נישט געהערט דעם שרעקליכן קראך, האט ער געזאגט מיט א פשטות, "**ווען איך שטיי פארן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, פיל איך נישט און איך הער נישט גארנישט וואס טוט זיך ארום מיר אויף דער וועלט**".

• • •

**אין ספר דרכי חיים ושלום ווערט דערציילט**, אז מען האט דערציילט אויפן הייליגען ייטב לב זי"ע, אז ער האט קיינמאל נישט געגעסן פאר זיין אייגענעם תענוג אדער הנאה, ער פלעגט עסן בלויז די מינימום וואס ער האט געמוזט האבן כוח צו קענען דינען דעם אייבערשטן און לערנען תורה, אסאך מאל פלעגט ער איבערלאזן דאס בעסטע שטיקל עסן אויפן טעלער כדי נישט נאכצוגיין די תאווה פונעם גוף, און ער פלעגט שטענדיג חזר'ן און זאגן פאר זיינע הייליגע קינדער, "**דער גוף איז נאר א כלי פאר די נשמה, ווי מער מען ברעכט די תאוות פונעם גוף, אלץ מער שיינט אויף די נשמה מיט הייליגקייט און קדושה**".

• • •

**אין תולדות ייטב לב ווערט דערציילט**, אז אין סיגוט איז געווען א גרויסער נגיד וואס האט איין טאג ליידער פארלוירן זיין גאנצע פארמעגן און געווארן א עני ואביון, דער איד האט זיך געשעמט ביז גאר אז מענטשן זאלן וויסן אז ער דארף צוקומען צו מתנות בשר ודם, דער הייליגער ייטב לב האט געהערט פון זיין מצב, און ער האט מורא געהאט אז דער איד וועט ח"ו הונגערן צוליב זיין גרויסע בושה.

וואס האט דער רבי געטאן, **יעדע וואך ערב שבת, שפעט ביינאכט ווען אלע מענטשן זענען שוין געשלאפן, פלעגט דער הייליגער ייטב לב אליין ארויסגיין פון שטוב, זיך פארפאקן אין א מאנטל, צוגיין צו יענעם'ס הויז, און שטילערהייט אריינווארפן א קאנווערט מיט געלט אונטער זיין טיר**, ערשט נאך די פטירה פונעם ייטב לב, ווען די געלט האט אויפגעהערט אנקומען, האט דער איד מגלה געווען פאר די בני הקהילה ווער ס'האט אים אויסגעהאלטן די גאנצע צייט אן קיין שום בושה.

• • •

**אין ספר זכרון למשה ווערט געברענגט**, אז אמאל איז דער הייליגער ייטב לב זי"ע געפארן אויפן וועג און איינגעשטאנען ביי א זייער אן ארימען איד אין דארף, דער ארעמאן האט זיך

געפרייט מיט גרויס שמחה צו האבן דעם הייליגן רב אין שטוב, און ער האט גלייך צוגעגרייט א הייסע גלאז קאווע פארן רבין, אבער צוליב זיין גרויס ארימקייט **איז דער גלאז געווען נישט אינגאנצן ריין און גאר אומאיינגענעם אנצוקוקן**, די מקורבים און גבאים האבן געוואלט אוועקנעמען די גלאז כדי דער רבי זאל עס נישט אויסטרינקען.

אבער דער הייליגער ייטב לב האט געזען ווי דער ארימער בעל הבית שטייט מיט א ברייטן שמייכל און קוקט ארויס מיט פרייד אז דער רבי זאל הנאה האבן, האט דער הייליגער ייטב לב מיט זיין גרויס אהבת ישראל תיכף אוועקגעשטופט די גבאים, גענומען די גלאז מיטביידע הענט, געמאכט א ברכה בקול רם, און אויסגעטרונקען די גאנצע קאווע ביזן סוף, און שפעטער האט דער רבי געזאגט, "**בעסער צו טרינקען פון א כלי וואס איז נישט ריין, ווי איידער חלילה ווייז צו טאן א אידיש הארץ און פארשעמען אן ערליכן איד**".

• • •

**אין ספר תהלות משה ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז געקומען א פרוי וויינען צום הייליגן ייטב לב זי"ע, אז איר מאן איז זייער קראנק און מען דארף גרויס רחמי שמים, עטליכע מענטשן פון שטאט האבן געזאגט פארן רבין, **אז דער מאן איז בכלל נישט קיין ערליכער איד, ער טוט אסאך עבירות און היט נישט קיין מצוות ווי עס דארף צו זיין, און ס'איז נישט כדאי דער רבי זאל זיך אזוי איבערשטרענגען פאר אזא איד.**

ווען דער הייליגער ייטב לב האט דאס געהערט, האט ער זייער שארף געענטפערט פאר די אידן, "**דער הייליגער באשעפער האט ליב יעדן איינציגן איד, אפילו דער וואס איז ליידער ווייט פון אידיש'ן וועג, ווי לאנג א איד לעבט, האט ער נאך א געלעגנהייט צו תשובה טאן, אויב דער אייבערשטער גיבט אים חיות און פרנסה יעדן טאג, ווער זענען מיר אז מיר זאלן נישט מתפלל זיין און רחמנות האבן אויף אים**", און דער רבי האט אנגעצינדן ליכט, געזאגט תהלים מיט גרויס געוויין, און דער קראנקער איד האט געהאט א פולקאמע רפואה און שפעטער תשובה געטאן.

• • •

**אין ספר מקור ברוך ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען א תקופה פון גרויס נויט אין שטאט און די פרייזן פון עסן איז גאר שטארק ארויף, און פילע משפחות האבן נישט געהאט קיין ברויט צו עסן, די רעבעצין האט געזען אז דער ייטב לב אליין איז גאר שוואך און עסט כמעט גארנישט, **האט זי מיט גרויס מיה פארשאפט א פרישע שטיקל ברויט מיט אביסל מאכלים און עס געברענגט צום רבין אז ער זאל זיך מחזק זיין**.

אינמיטן איז אן ארימע אלמנה אריינגעקומען אין שטוב וויינען, אז אירע יתומים האבן שוין צוויי טעג נישט געגעסן קיין ברעקל ברויט, דער ייטב לב האט נישט געטראכט קיין צוויי סעקונדעס, ער האט תיכף גענומען זיין גאנצע פרישע עסן פונעם טיש, עס אריינגעלייגט אין א טיכל און איבערגעגעבן פאר דער פרוי מיט א ווארעמען שמייכל, זאגנדיג, "**נא דיר, נעם דאס פאר די הייליגע יתומים**".

ווען די שטוב מענטשן האבן געזאגט פארן הייליגן ייטב לב, "**די רבי האט דאך שוין א גאנצן טאג גארנישט טועם געווען, איז פארוואס האט די רבי אוועקגעגעבן דאס גאנצע עסן פאר די אלמנה**", האט דער הייליגער ייטב לב זי"ע געענטפערט מיט אן אמת און מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, "**ווען איך ווייס אז אנדערע אידן הונגערן, קען מיר קיין שום מאכל נישט שמעקן אין מויל, יעצט אז די יתומים האבן וואס צו עסן, בין איך שוין אינגאנצן זאט**".

• • •

**אין תולדות ייטב לב ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז א איד פון א דערבייאיג שטעטל געקומען צו לויפן קיין סיגוט מיט גרויס געוויין, זיין זון איז געווען קראנק אויף א געפערליכן אופן, און די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן אויף זיין לעבן און געזאגט אז ער איז א גוסס און האט נאר עטליכע שעה צו לעבן, דער איד איז אריין צום הייליגן ייטב לב, געגעבן א קוויטל און אויסגעבראכן אין א ביטערן געוויין און מיט בכיות געבעטן דעם רבין אז ער זאל פועלן א ישועה פאר זיין קינד.

דער הייליגער ייטב לב האט געלייענט דעם קוויטל מיט גרויס דביקות, פארמאכט די אויגן פאר עטליכע מינוט, און דערנאך געזאגט פארן טאטן מיט א פעסטן טאן, "**פאר צוריק אהיים צו דיין זון,**

**די גזירה איז שוין בטל געווארן! דער אייבערשטער האט צוגעשיקט א רפואה שלימה**", ווען דער פאטער איז צוריקגעקומען אהיים, איז ער געוואויר געווארן א געוואלדיגן מופת, **פונקט אין יענע מינוט ווען דער ייטב לב האט ארויסגעזאגט די ווערטער, האט דער קראנקער בחור געעפנט די אויגן, אנגעהויבן רעדן**, און זיין פיבער איז אינגאנצן אראפגעגאנגען ביז ער איז אינגאנצען געזונט געווארן.

• • •

**אין ספר זכרון למשה ווערט דערציילט**, אז אין יענע יארן פלעגט די עסטרייכישע רעגירונג נעמען יונגע אידישע בחורים צום מיליטער אויף לאנגע יארן, וואס דאס איז געווען א שרעקליכע סכנה פאר אידישקייט און שמירת המצוות, איין טאג איז א צובראכענע מוטער געקומען צום הייליגען ייטב לב זי"ע און געוויינט מיט ביטערע טרערן און דערציילט, אז מען האט גערופן איר איינציגן זון צו די מיליטער-אונטערזוכונג (דעם "קאמיסיע"), און לויט די דאקטוירים איז ער אינגאנצן געזונט און מען וועט אים זיכער צונעמען.

דער הייליגער ייטב לב האט געזאגט פאר דער מוטער, "**זאג פאר דיין זון, אז ווען ער שטייט פאר די מיליטערישע דאקטוירים, זאל ער איבערזאגן שטילערהייט דעם פסוק, "ד' צבקות עמנו משגב לנו אלקי יעקב סלה", און ער זאל גארנישט מורא האבן, מען וועט אים גארנישט טאן**", דער בחור האט אזוי געטאן, און ווען ער איז געשטאנען פארן הויפט דאקטער, האט דער דאקטער געקוקט אויף זיינע פאפירן, אים אנגעקוקט עטליכע מאל מיט וואונדער, און פלוצלונג געשריבן אויפן צעטל, "**נישט געאייגנט צום מיליטער!**" און אים באפרייט פון די מיליטער אן קיין שום הסבר.

• • •

**אין ספר תהלות משה ווערט דערציילט**, אז א חסידישער איד איז געווען חתונה געהאט קרוב צו צוואנציג יאר און האט נאך אלץ נישט זוכה געווען צו קיין קינדער, ער איז ארומגעפארן צו אסאך גרויסע צדיקים, אבער די ישועה איז נאכנישט געקומען, דער איד איז געווען שרעקליך צעבראכן און שוין געווען אויפן שוועל פון יאוש.

איין טאג איז ער אנגעקומען קיין סיגוט צום הייליגען ייטב לב זי"ע, דער רבי האט אים אויסגעהערט, גענומען א מטבע פון זיין קעשענע, עס איבערגעגעבן פארן איד און געזאגט, "**נעם די מטבע און געב עס פאר צדקה פאר עניי ארץ ישראל, זאלסט וויסן, אויף קומענדיגן יאר די זעלבע צייט וועסטו האלטן א קינד אין די הענט**", דער איד האט געפאלגט דעם רבין, און פונקט איין יאר שפעטער איז ביי אים געבוירן געווארן א געזונט אינגל, און ער איז געקומען קיין סיגוט צו מאכן דעם ברית, און די רבי איז געווען סנדק ביים ברית.

• • •

**אין ספר דרכי חיים ושלום ווערט דערציילט**, אז א איד א קרעטשמער האט געדונגען א קרעטשמע פון א פריץ, אבער צוליב א שווערע יאר האט דער איד נישט געקענט באצאלן דעם שכר דירה פאר עטליכע חדשים, און דער רשעות'דיגער פריץ האט אים געסטראשעט, אז אויב ער ברענגט נישט דאס גאנצע געלט ביז דריי טעג, וועט ער אים מיט זיין גאנצע משפחה אריינווארפן אין תפיסה.

דער איד איז געלאפן צום הייליגען ייטב לב זי"ע, און האט דערציילט פארן רבין די ביטערע צרה וואס האט אים באטראפן, און ער האט געבעטן די רבי זא אים פועלן א ישועה, דער הייליגער ייטב לב האט אים בארואיגט און געזאגט, "**גיי אהיים בשלום, מארגן ווען דו גייסט צום פריץ, זאלסטו זיין פרייליך און שמייכלען, און גלייבן מיט אמונה שלימה אז דער אייבערשטער איז העכער אלע פריצים**".

דער איד איז געגאנגען צום פאלאץ פונעם פריץ מיט א ציטער אבער מיט בטחון אין די ווערטער פונעם רבין, ווען ער איז אריינגעקומען, האט זיך דער פריץ פלוצלונג אומגעדרייט צו אים מיט א פריינטליך פנים און געזאגט, "**איך האב היינט געטראכט וועגן דיר, איך ווייס אז ס'איז יעצט א שווערע צייט, איך לאז דיר נאך דעם גאנצן חוב, און דו קענסט ווייטער בלייבן זיצן אין דער קרעטשמע**", דער איד האט קלאר געזען ווי דער צדיק האט איבערגעדרייט דאס הארץ פונעם פריץ לטובה.

**יארצייט ז׳ אלול**

**הגה״ק רבי אהרן ב״ר גרשון זי״ע, (ענגעלמאן) בעל בית אהרן, אב״ד קויל**
**״הנקרא בפי כל ר׳ ארון קוילער״**

ער איז געבוירן **הושענא רבה בשנת תקנ״ז.**

צו זיין טאטע **הנגיד המפורסם מוה״ר גרשון** ז״ל, און צו זיין מאמע **הצדקת מרת רבקה** ע״ה.

ער איז געווען א גאון וגדול בתורה און א חריף עצום בתורה, וחרוץ השנון, ער איז געווען א צדיק מפורסם און איש קדוש מאוד, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל דרשן נפלא, און א בעל זכרון נפלא, אפילו זייענדיג פון די גדולים וגאונים בדורו, איז ער אבער געווען א געוואלדיגע עניו, און פון זיך גאר ווייניג געהאלטען.

ער איז געווען א אוהב את הבריאות, און האט יעדן איד ליב געהאט מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, אלע אידן פון דעם שטאט האבן דעם צדיק גאר שטארק מעריץ און מחבב געווען, ער האט נישט געהאט קיין איין מתנגד, ער איז געווען א בעל מידות נפלא, און ער האט אוועק געטיילט גאר אסאך פון זיין אייגענע געלט פאר צדקה.

ער איז געווען א געוואלדיגע בעל זכרון, מען האט דערציילט, **אז עפעס וואס ער האט איינמאל געזען האט ער שוין קיינמאל נישט פארגעסן**, און דערפאר האבן די מוכרי ספרים נישט געוואלט, אז דער גאון זאל מעיין זיין אין קיין ספר, ווייל אויב יא וועט ער דאס קיינמאל נישט קויפן.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת ריוולא פרידא** ע״ה,
בת הגה״ק **רבי אלכסנדר יהודה הלוי מרגליות בעל מדרש כתובה אב״ד גאמבין** זי״ע,
בן **הנגיד הרב רבי נפתלי הירץ** ז״ל,
בן **הנגיד הרב רבי ישכר** ז״ל,
מגזע פון הגה״ק **רבי שלמה לוריא אשכנזי בעל ים של שלמה מלובלין** זי״ע.

אפאר יאר נאך די חתונה האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין שטאט **קויל** וואס איז אין פולין, און דארט האט ער געדינט אלס רב ביז צו זיין פטירה.

דאן מיטן אנקום פונעם גרויסן גאון וחריף אלס רב, איז די שטאט געווארן א עיר מלאה תורה וחכמה, ער האט דארט מייסד געווען צענדליגע חבורות פאר לימוד תורה פאר יעדן דרגה פון אידן, ער האט מייסד געווען א חבורה וואס האט עוסק געווען בעמקות התורה, און אויך א חבורת משניות, און א חבורת עין יעקב, אזוי האט יעדער פון שטאט געהאט א קביעות עיתים לתורה, און די שטאט איז דאן מפורסם געווארן אלס א שטאט פון תורה אין גאנץ פולין.

ער אליין האט געלערנט רוב טאג אין זיין חבורת הש״ס מיט א סדר פונעם ש״ס, און וויבאלד רוב פון די חבורה איז באשטאנען פון לומדים מופלגים, האט דער רב אסאך געזאגט פאר זיי גאר טיפע פלפולים עמוקים פיל מיט חריפות און בקיאות.

פאר דאס רבנות שטעלע אין שטאט, האט דער רב נאר מסכים געווען, צו נעמען פאר דעם א גאר קליינעם סכום אלס שכר, אבער ער האט אפילו דעם סכום פארטיילט פאר צדקה.

זיין פרנסה איז געקומען פון דעם וואס די רעבעצין האט עוסק געווען במסחר מיטן פארקויפן צמר ופשתן, און אפילו דער גאון האט אמאל געברויכט געלט, האט ער געבעטן פין די רעבעצין אפאר פרוטות, און נישט געוואלט הנאה האבן פון די געלט וואס מען האט אים באצאלט.

יעדן דאנערשטאג ווען ער האט באקומען זיין געהאלט האבן שוין אפ געווארט די ארימע לייט פארענט פונעם שטוב פונעם רב, און דאן האט ער דאס גאנצע געלט פארטיילט פאר די ארימעלייט.

ער האט עוסק געווען אין דין תורות פאר די שטאטס לייט און דן געווען דין אמת לאמיתו, לפלא זענען אייביג דיביידע צדדים ארויס צופרידען, וויסענדיג אז דער רב **איז אן איש האמת און א גאון בתורה**.

פארן שכר פון די דין תורה האט ער קיינמאל נישט באשטימט קיין סכום, און די אידן פונעם

שטאט האבן געוויסט, אז אלס שכר קען מען פארן רב געבן אפילו גאר א קליינעם סכום, וויבאלד דער רב מאכט נישט קיין וועזן פונעם געלט און עס גייט סיי ווי פאר צדקה.

ווערט דערציילט, אז נאכן פטירה פונעם גאון, האט מען אויף גענומען א אנדערן רב אין שטאט **קויל**, אבער דער רב מיט זיין רעבעצין האבן נישט געוויסט אז דאס רבנות שטעלע האט נישט געברענגט קיין פרנסה פארן פריערדיגן רב, און מען האט אים באצאלט א גאר קליינעם סכום, וויבאלד דער רבי אהרן האט נישט געוואלט הנאה האבן פון די געלט.

און דער נייער רב האט יא געבעטן דעם ריכטיגען סכום פאר דין תורות אדער סיי וואס א רב ברויך טון, און די מענטשן פון די קהלה וואס זענען שוין געווען געוואוינט, אז זייער רב האט אלעס געטון נאר לשם שמים, האבן דאן גאר שטארק באוויינט דעם הייליגען גאון רבי אהרן זי"ע.

ער איז געווען א ידיד נאמן מיט דעם גרויסן מקובל הגה"ק ר**בי אליהו ראגאלער בעל יד אליהו אב"ד סלבודקה וקאליש** זי"ע בן הגה"ק **רבי יעקב ניישטאטער סוגינדט** זי"ע.

דערציילט מען, אז ווען דער גאון ר' אהרן מקויל זי"ע איז ליידער קראנק געווארן, איז זיין ידיד נאמן **רבי אלי'** געקומען מבקר חולה זיין דעם גאון, און ווען ער איז צוריק אהיים געפארן קיין קאליש, איז ער ארויף צום ביה"ח אין שטאט קאליש, און געגאנגען צו קברי צדיקים צו מתפלל זיין פארן גאון.

ובתוכם איז ער געווען ביים ציון פון הגה"ק **רבי אברהם אבלי הלוי בעל מגן אברהם מקאליש** זי"ע, און ער האט געזאגט בזה"ל, "**רבוש"ע די ווייסט ווי שטארק די אידן פון שטאט האבן ליב זייער רב, און די ווייסט אז איך האב איין ידיד נפשי אין פולין רבי ארון, איך בעט דיך באשעפער לאז דעם גאון וקדוש מיט אונז, און נעם אן די תפילות פון אלע זיינע גוטע פריינט**".

אביסל שפעטער איז דער גאון רי אליהו זי"ע געפארן קיין רוסיא צו די חתונה פון זיין זון, און ער איז דורך געפארן ספעציעל דעם שטאט קויל כדי צו מבקר חולה זיין דעם גאון רבי ארון, אבער ליידער אזוי ווי ער איז ארויס פון שטאט, איז דער גאון ר' ארון נסתלק געווארן, און מען האט דעם גאון רבי אלי' שנעל צוריק גערופען מבשר זיין דעם בשורה, אז זיין ידיד נפשי איז ליידער נסתלק געווארן.

ביים לוי' האט דער גאון רבי אליהו מספיד געווען זיין חבר נאמן און אנגעהויבן מיט די ווערטער מיט א גרויס געוויין "**ויהי בנסוע הארון**" מיינענדיג דעם גאון וואס מען האט גערופען בלשון חיבה **ר' ארון קוילער**, און אלע משתתפים פון די שטאט מענער פרויען און קינדער וואס זענען געקומען באגלייטען זייער באליבטן רב למנוחת עולם, האבן אויס געבראכן אין א געוויין, און חדשים נאכן פטירה האט מען נאך באוויינט די אבידה פון דעם גרויסן גאון.

מען דערציילט, אז דער גאון און מקובל הגה"ק **רבי נחום לעווי אב"ד שאדיק פולין** זי"ע, וואס האט סוף ימיו געוואוינט אין ארץ ישראל און געדינט אלס ראש הכולל פולין, האט דאן געשריבן א בריוו קיין פולין, און ער שרייבט דארט, אז ער האט געזען א חזיון ווי מען פירט א מטה **פארענט פון דעם כותל המערבי**, און ער האט געהערט ווי מען זאגט, **אז די מטה איז פון דעם רב פון קויל**, און מען פירט אים צו בארדיגן אין ארץ ישראל, און מען האט אויס גערעכנט, **אז דאס איז טאקע געווען די זעלבע צייט ווען ר' ארון איז נסתלק געווארן**.

בשנת תר"ה דעם יאר וואס דער גאון איז נסתלק געווארן, האבן די רפורמים אין פרייסין געוואלט אריין ברענגען כלי זמר אין ביהמ"ד און אויך טוישן דעם פלאץ פון די בימה און נאך אסאך מנהגים וואס זיי האבן געוואלט אריין ברענגען, וואס מיט דעם האבן זיי געוואלט ר"ל אראפ פירן אידישע קינדער פונען דרך המסורה.

דאן האבן די רבנים פון פרייסין געשריבן בריוון צו אלע גדולים אין אירופה, אז מען זאל זיך צוזאמען נעמען אין ארויסקומען מיט א שארפע קול קורא, אז די אלע מנהגים וואס די רעפורמער ברענגען אריין איז קעגן די תורה, און מיט דעם אויפקלערן די אידישע קהילות, אז דאס איז א

בגידה אין די תורה הקדושה, דאן האט דער גאון געשריבן א לאנגע תשובה בטוב טעם ודעת אויף דעם ענין.

אויך איז דא א מכתב פונעם גאון, פון ווען זיין קינד הב' מנשה הירץ איז נישט געזונט געווען און געווען אין א גרויסע סכנה בשנת תקפ"ה, האט דער גאון מיטן רעבעצין מקבל געווען אויף זיך, **אז אויב דער זון וועט געזונט ווערן, וועט ער און די רעבעצין יעדעס יאר פאסטן דעם טאג וואס דער קינד איז געבוירן י"ד סיון ביז צו זיין בר מצוה, און עס שטייט דארט אז די סגולה האט טאקע געארבעט און דער זון איז געזונט געווארן**.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע דברי תורה אונעם **ספר בית אהרן**.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הגה"ק **רבי חיים יצחק מקלאדאווע** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת צבי' פויגלא** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי יעקב עזריאל ב"ר וואלף רייכערט** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת פעסא זלאטי** ע"ה,
הגה"ק **רבי משה נפתלי הירץ מקויל** זי"ע, חתן **הגביר הר"ר הירש ליב פרענקיל** ע"ה,
בתו **הצדקת מרת אסתר גיטל** ע"ה,
בתו **הצדקת מרת טישל צירל** ע"ה,
הגה"ק **רבי יששכר יעקב מקראשניעוויץ** זי"ע,
הגה"ק **רבי גרשון מקראשניעוויץ** זי"ע,
הגה"ק **רבי אפרים ברוך בענדיט מאלימנאוו קלאדאווי** זי"ע,
הגה"ק **רבי אביגדור שמואל מקראשניעוויץ** זי"ע.

דער צדיק האט איבער געלאזט א צוואה פאר די קינדער און אייניקלער ווי אזוי מען זאל זיך פירן אויפן תורה'דיגן וועג.

נסתלק לגנזי מרומים **ז' אלול בשנת תר"ה**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **קויל** אין **פולין**.

זכותו הגדול יגל עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**אין די זכרונות קהילת קויל ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז געקומען פאר א דין תורה א מאן מיט זיין ווייב צום בית דין פון צדיק רבי אהרן קוילער זי"ע, דער מאן האט שטארק געשריגן און באשולדיגט די פרוי מיט פארשידענע טענות, און די פרוי איז געשטאנען פארשעמט און געוויינט מיט ביטערע טרערן.

דער צדיק רבי אהרן האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין ארט, שטארק אנגעכאפט דעם מאן ביים ארבל, און אים געזאגט מיט גרויס ערנסטקייט, "**דו דארפסט וויסן אז יעדע טרער פון א אידישע פרוי ווערט געציילט אויבן אין הימל, אויב דו שרייסט אויף איר דא אין מיין שטוב, קען איך נישט זיצן אויפן בענקל פון משפט, ווייל דער בית דין מוז קודם זיין א מקום פון רחמנות און שלום**", און דער צדיק רבי אהרן האט זיך נישט בארואיגט, ביז דער מאן האט קודם איבערגעבעטן די פרוי, און דער צדיק האט באוויזן צו מאכן שלום צווישן זיי מיט גרויס חכמה און געדולד.

• • •

**אין ספרי תולדות חסידי גור ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי אהרן מקויל זי"ע איז געווען א דבוק בלוח לבו אינעם הייליגן חידושי הרי"ם מגור זי"ע, עס ווערט דערציילט, אז ווען ער פלעגט פארן קיין גור אויף ימים טובים, פלעגט ער אפווארפן אלע זיינע רבנישע גינונים און זיך פירן ווי דער פשוט'סטער תלמיד.

איינמאל האט דער הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע אים געזען שטיין ביים טיר פונעם בית המדרש אינעם גרויסן געדראנג, האט דער חידושי הרי"ם זיך אנגערופן צו אים, "**רבי אהרן, קומט ארויף נענטער צום טיש, איר זענט דאך דער מרא דאתרא פון קויל**", האט רבי אהרן געענטפערט מיט אן אמת'ער עניוות, "**אין קויל בין איך אפשר דער רב, אבער דא אין גור בין איך נאר א קנעכט וואס וויל הערן די תורה פונעם רבי'ן**".

• • •

**אינעם די הקדמה פונעם ספר בית אהרן ווערט געברענגט**, אז ווען דער צדיק וקדוש רבי אהרן מקויל זי"ע האט געדרוקט זיין חיבור "**בית אהרן**", זענען געקומען די גדולי הדור און אים שטארק בארימט אויף זיינע טיפע קשיות און תירוצים אויף ש"ס און פוסקים.

איינער פון די דיינים אין שטאט האט אים געפרעגט **פארוואס ער האט נישט אריינגעדרוקט**

**מער הסכמות פון אלע בארימטע גאונים**, האט רבי אהרן געענטפערט מיט זיין גרויס עניוות, "**אויב די תורה אין ספר איז אמת און קלאר, דארף מען נישט קיין שום עדות און הסכמות דערצו, און אויב עס איז נישט געגונג גוט, וועלן קיין שום הסכמות עס נישט קענען מאכן בעסער**".

• • •

**אינעם ספר זכרון לראשונים ווערט געברענגט**, אז עס איז אמאל געקומען פאר זיין בית דין אין קויל א דין תורה צווישן איינעם פון די גרעסטע גבירים אין שטאט און א פשוט'ן ארימאן א בעל מלאכה, דער גביר האט געמיינט אז צוליב זיין גרויס כבוד און געלט וועט מען זיך בייגן פאר אים, און ער האט גערעדט מיט עזות און חוצפה צום ארימאן אינמיטן די דין תורה.

ווען רבי אהרן האט דאס געזען, האט ער געקלאפט אויפן טיש מיט גרויס כעס דקדושה און אויסגערופן, "**ביי מיר אין בית דין איז נישט פאראן קיין רייכער און קיין ארעמער! פארן באשעפער שטייען אלע מענטשן גלייך, אויב דו וועסט נישט רעדן מיט דרך ארץ און זיך צו הערן צו דער תורה, פארלאז שוין דעם צימער**", און דער רב האט גע'פסק'נט לטובת דעם ארימאן, נאכן משפט איז דער גביר געקומען בעטן מחילה, זעענדיג די אמת'דיגע יראת שמים און אומבויגזאמקייט פונעם רב, און האט באצאלט דאס גאנצע געלט ביזן לעצטן גראשן.

• • •

**אינעם קובץ עטרת אבות ווערט געברענגט**, אז עס פלעגט קומען קיין קויל בחורים און יונגעלייט וואס האבן געוואלט באקומען **היתר הוראה** (**סמיכה**), דער צדיק רבי אהרן איז געווען באקאנט מיט זיין שטרענגקייט אין הלכה, און מען האט מורא געהאט זיך צו פארהערן ביי אים.

איינמאל איז געקומען אן ארעמער בחור מיט צעריסענע בגדים, און ער האט זיך שטארק געשעמט אריינצוגיין צום רב, ווען רבי אהרן האט אים באמערקט ביים טיר, האט ער אים אריינגענומען, אים אליין מכבד געווען מיט א ווארימע טיי און צובייס, און ערשט דערנאך זיך געזעצט לערנען מיט אים שעה'ן לאנג אין שולחן ערוך און ש"ס ופוסקים.

ווען דער רב דער צדיק רבי אהרן האט געזען דעם בחור'ס גרויסע בקיאות און חריפות, האט ער זיך אויפגעשטעלט, אים געגעבן א קוש אויפן שטערן און געזאגט, "**זארג דיך נישט אויף דיינע אלטע בגדים, די תורה וואס ליגט אין דיין קאפ איז שענער ווי די שענסטע בכבוד'דיגע קליידער**", און ער האט אים געגעבן סמיכה מיט גרויסע שבחים און נאך אונטערגעשטיצט מיט געלט פון זיין אייגענער קעשענע.

• • •

**אינעם ספר תולדות אנשי שם ווערט דערציילט**, אז זיינע מקורבים האבן דערציילט, אז יעדע נאכט פונקט ביי חצות, פלעגט רבי אהרן זיך אראפזעצן אויף דער ערד ביים שוועל פון זיין שטוב, אנטון א זאק, און קלאגן אויפן חורבן בית המקדש מיט ביטערע בכיות.

איינמאל האט איינער פון די מקורבים אים געפרעגט פארוואס ער וויינט אזוי לאנג אפילו נאך תיקון חצות. האט רבי אהרן געענטפערט, "**איך קלאג נישט נאר אויפן חורבן פונעם ביהמ"ק, נאר אויף יעדן אידישן קינד אין מיין שטאט וואס מוטשעט זיך מיט פרנסה, אויף די קראנקע וואס דארפן רפואה, און אויף די שידוכים וואס גייען שווער, ווייל א רב מוז טראגן די צרות פון זיינע שטאט-לייט אויף זיינע פלייצעס יעדע נאכט פארן בורא עולם**".

• • •

**אינעם ספר פנקס הקהילה פון שטאט קויל ווערט דערציילט**, אז אין די ערב פסח טעג פלעגט רבי אהרן אליין ארומגיין שפעט ביינאכט, אנגעטון אין פשוט'ע בגדים כדי מען זאל אים נישט דערקענען, און לייגן פעקלעך מיט געלט אונטער די טירן פון די באהאלטענע ארימעלייט אין שטאט (**מעות חטים**).

איינמאל האט אים א שכן באמערקט און געפרעגט, "**פארוואס מוטשעט זיך דער רב אליין אנשטאט צו שיקן דעם שמש אדער די גבאים**", האט דער צדיק רבי אהרן געענטפערט, "**אויב א צווייטער טוט עס, קען מען חלילה פוגע זיין אינעם כבוד פונעם נצרך אדער יענער קען זיך שעמען, ווען איך גיי אליין אין דער פינסטער, ווייסט קיינער נישט פון וואו עס קומט, און איך בין זיכער אז די**

**מצוה ווערט געטאן מיט א גאנצן אמת אן קיין שום בושה פאר א אידיש קינד**".

• • •

**אינעם ספר דור דור ודורשיו ווערט דערציילט**, אז אין זיינע יונגע יארן, ווען ער האט געלערנט בהתמדה עצומה, איז דער ווינטער אין פוילן געווען שרעקליך קאלט און די הייצונג איז געווען גאנץ קנאפ, און כדי ער זאל נישט איינשלאפן ביים גמרא אינמיטן דער נאכט, פלעגט ער אריינשטעקן זיינע פיס אין א קאנע מיט קאלט וואסער.

ווען די שטוב-מענטשן האבן געזען ווי ער זיצט פארפרוירן און האבן אים געבעטן ער זאל זיך גיין לייגן און אביסל אפרוען, פלעגט ער שמייכלען און זאגן, "**די ווארימקייט פון די הייליגע תורה און א טיפער תוספות היצט מיר אן די גאנצע נשמה און אלע אברים פיל מער ווי דער בעסטער אויוון אין שטאט**".

• • •

**אינעם קובץ זכרונות בית אהרן ווערט דערציילט**, אז אלס מרא דאתרא אין קויל האט דער צדיק וקדוש רבי אהרן שטארק מקפיד אויף די כשרות פון די שחיטה און שוחטים אין שטאט, ער פלעגט כסדר בודק זיין די מעסערס פון די שוחטים אליין אן מודיע זיין פריער, כדי צו האלטן די שוחטים שטענדיג אויף דער וואך.

איינמאל איז געווען א שוחט וואס איז געווען אן עלטערער איד און א תלמיד חכם, און רבי אהרן האט געפונען א קליינעם פגם אויפן מעסער וואס איז געווען כמעט נישט צו שפירן, דער שוחט האט זיך שטארק געזארגט אז מען וועט אים אפזאגן פון דער פרנסה.

דער צדיק רבי אהרן האט אים אנגעכאפט ביי דער האנט און געזאגט, "**חלילה מיר זאלן אייך אוועקנעמען די חיונה! אבער איר זענט א שליח פון גאנצן שטאט אז קיין נבילה וטריפה זאל נישט אריינקומען אין מויל פון א איד, מיר וועלן אינאיינעם שארפן דעם חלף ביז ער וועט זיין גלאט ווי זייד**", און דער צדיק איז געזעצן מיט אים א לאנגע צייט און אים געלערנט די דקויות פונעם שארפן, מיט גרויס כבוד און אהבה.

**יארצייט ז' אלול**

**הרה"ק רבי יהושע ב"ר יצחק זי"ע, הי"ד (גליקמאן-רובין), ראב"ד סאסנובצא**

ער איז געבוירן אין שטאט וואלברום, **חודש אלול בשנת תרנ"ד**.

צו זיין טאטע הרה"ק **רבי יצחק גליקמאן-רובין ראב"ד סאסנובצא** זי"ע, הנקרא **ר' איציק'ל** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אשר ישעי' מז'ולקוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי נפתלי צבי מראדיחוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי איציק'ל מבראד** זי"ע, (נכד הרה"ק **רבי אשר ישעי' רובין בעל אור ישע מראפשיץ** זי"ע),
חתן הרה"ק **השר שלום מבעלזא** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת שפרה חנה** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי אלטר מאיר דוד הלוי רוטנברג מוולברום** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי משה רוקח מקארוב** זי"ע, בן הרה"ק **השר שלום מבעלזא** זי"ע),
בן הרה"ק **רבי יצחק מנחם מענדל הלוי מוולברום** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי משה מלעלוב** זי"ע, בן הרה"ק **רבי דוד מלעלוב** זי"ע),
בן הרה"ק **רבי פנחס מסטאבניץ** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי מאיר בעל אור לשמים מאפטא** זי"ע.

זיין טאטע דער צדיק וקדוש רבי איציקל מסאסנובצא זי"ע איז געווען א אייניקל פונעם הייליגען שר שלום מבעלזא זי"ע, און אויך איז ער געווען גאר שטארק מקושר לבית בעלזא, דערפאר ביים ברית האט ער דעם קינד א נאמען געגעבן יהושע, נאך זיין רבו מובהק דודו הרה"ק **רבי יהושע'לע מבעלזא** זי"ע וואס איז נסתלק געווארן יענעם יאר.

דער צדיק רבי יהושע איז געווען צווישן די גרויסע צדיקי הדור בדורו, ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א עובד השם במסירת נפש ממש, ער איז געווען א בקי ולמדן נפלא און א מושלם נפלא בכל המקצועות התורה, אויך בדרך החסידות איז דער צדיק געווען מפורסם אלס איינע פון די קדושים וואס האבן פארשפרייט דעם דרך החסידות דעם הייליגען דרך הבעש"ט הקדוש זי"ע, גרויסע צדיקים אפילו עלטער פון אים האבן ממש מפליא געווען זיין גדלות בתורה ובקדושה, הרה"ק רבי מרדכי מבילגורייא זי"ע האט אמאל זיך אויס געדריקט פארן זוהן פונעם רבין הרה"צ רבי יוסף ברוך זצ"ל בזה"ל, "**איך האב געקענט אין שטאט בעלזא אסאך גדולים און חסידים חשובים, אבער אזא מושלם און גדלות בתורה ובחסידות ווי דיין טאטע רבי יהושע זי"ע האב איך נישט געזעהן**", ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

בשנת תרנ"ח ווען דער צדיק איז געווען 4 יאר אלט, האבן זיך די עלטערן אריבער געצויגען קיין **סאסנובצא** און דער טאטע האט דאן איבער גענומען אלס רב דארט אין שטאט סאסנובצא, דער קינד יהושע איז שוין דאן געווען מפורסם מיט זיין גדלות וחריפות און זיין געוואלדיגע התמדת התורה.

ער איז געווען געבענטשט מיט געוואלדיגע כשרונות נפלאים און א זכרון נפלא, און ביי די 10 יאר אלט האבן די מלמדים שוין גזאגט פאר די עלטערן, אז דער קינד באלאנגט באמת נישט אין קיין חדר צוליב זיין געוואלדיגע בקיאות וואס ער האט שוין דאן פארמאגט אין גאר א גרויסע חלק בתורה.

דאן איז ער געגאנגען לערנען ביים באוויסטן למדן הגה"ק **רבי אלעזר רייס** זי"ע וואס איז געווען פון די געהויבענע **חסידי קוצק**, ביי דעם מלמד רבי אלעזר איז דער קינד געוואקסן גאר שנעל אין תורה, און דער למדן אלעזר אפילו זייענדיג א גאון עולם בתורה האט מפליא געווען די התמדת התורה פין דעם קינד.

שפעטער איז דער קינד אפילו זייענדיג גאר יונג אריין לערנען אין די ישיבה פון זיין גרויסן טאטן, און דאן האט ער זוכה געווען אסאך תורה צו מקבל זיין פון זיין טאטן זי"ע.

ער איז זיין גאנץ לעבן אויף געוואקסן מיט א געוואלדיגע אהבה און דביקות אין **בעלזא**, נאך זייענדיג גאר יונג האט ער זוכה געווען צו פארן מיטן טאטן אויף נסיעות קיין בעלזא, ער האט זוכה געווען צו זיין אפאר מאל אין בעלזא ביים צדיק

וקדוש **רבי ישכר דוב מבעלזא** זי"ע וואס האט ארויס געוויזן א געוואלדיגע אהבה צום קינד יהושע.

איינמאל ביי איינע פון די נסיעות ווילענדיג אין בעלזא, האט דער טאטע געוואלט צו פארן קיין זולקוב צום זיידן הרה"ק **רבי אשר ישעי'** זי"ע, אבער דער קינד יהושע וואס איז געווען גאר שטארק מקושר צו בעלזא האט נישט געוואלט אוועק פארן פון בעלזא, האט אים דער טאטע טאקע איבער געלאזט אין בעלזא, דאן האט זיך דער צדיק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע אום געקוקט אויפן קינד און געהאלטן אן עינא פקיחא אויפן קינד.

אין טאג האט דער צדיק רבי ישכר דוב זי"ע געזעהן דעם קינד לויפענדיג אויפן גאס און די פיאות זענען געווען אביסל צעפלויגן, האט דער צדיק צו גערופן דעם קינד און געזאגט, קינד מיינס די פיאות פון א אידיש קינד איז א דבר מצוה, און דערפאר ברויך א אידיש קינד גיין מיט צוזאמען גענומענע פיאות, און בשעת מעשה האט דער צדיק מבעלזא אנגעכאפט די פיאות פונעם קינד און דאס שיין מסדר געווען, און דער צדיק רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע האט זיין גאנץ לעבן כסדר גערעדט פון די געהויבענע מחזה ווי דער צדיק איז מסדר זיינע פיאות.

אלול בשנת תרס"ז בעפאר זיין בר מצוה איז ער געפארן מיטן טאטן קיין בעלזא צום הייליגער צדיק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע, דער טאטע האט געפלאנט צו אהיים פארן קיין סאסנובצא אויף די הייליגע טעג, כדי צו זיין מיט זיין עדה הקדושה אויף ראש השנה, אבער דעם זוהן האט ער געוואלט איבער לאזן אין בעלזא, כדי דער רבי זאל אים לייגן תפילין ביי די בר מצוה.

אבער דער הייליגער בעלזא רב זי"ע האט געהייסן פארן זוהן יהושע אהיים פארן און געזאגט בזה"ל, **"פאר אהיים, דיין טאטע ווייסט אויך ווי אזוי תפילין צו לייגן"**.

אויך האט דער צדיק רבי יהושע זיין גאנץ לעבן דערציילט, אז זייענדיג דארט אין בעלזא ביים צדיק רבי ישכר דוב זי"ע, האט ער מקבל געווען די מנהג פון שטיין אויף איין פלאץ ביים דאווענען.

און אפילו נאך זייענדיג א יונג קינד האט דער צדיק רבי יהושע געדאווענט מיט א געוואלדיגע ברען, און האט נישט געקענט שטיין אויף איין פלאץ כמנהג פולין, אבער נאכדעם וואס דער צדיק מבעלזא זי"ע האט אים מעורר געווען אז מען ברויך שטיין אויף איין פלאץ כעבדא קמיה מרא.

האט זיך געקענט פון מאל צו מאל מאכן, אז פון גרויסע דביקות האט דער צדיק רבי יהושע אנגעהויבן שפאצירן ביים דאווענען, אבער גלייך האט מען געזעהן ווי דער צדיק שטעלט זיך אפ און גייט צוריק צו זיין פלאץ כדי צו מקיים זיין וואס דער צדיק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע האט אים אויס געלערנט.

נאך זיין בר מצוה איז דער צדיק גאר שטארק געוואקסן אין תורה ועבודת השם, שוין דאן האט מען געזעהן גרויסע זאכן אויף דעם צדיק, ער האט עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, אויך זיין עבודת השם איז געווען איין שטיק פייער מיט א געוואלדיגע דביקות און השתפכות הנפש,

ער איז גאר אסאך געזעצן אין די הייליגע ביהמ"ד אין בעלזא און געווען מקושר צום הייליגען בעלזא רב זי"ע, ער איז געווען א בן בית ממש אין שטוב פונעם בעלזא רב, און גאר אסאך מנהגים און עובדות האט דער צדיק מקבל געווען פינעם הייליגען בעלזא רב זי"ע.

ער האט בהוראת פונעם זיידן הרה"ק **רבי אלתר מוואלברום** זי"ע חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת דבורה פערל** ע"ה,

בת הרה"ק **רבי יהושע העשיל הלוי הורוויץ שטערנפעלד מחנטשין** זי"ע,

בן הרה"ק **רבי חיים שמואל הלוי מחנטשין** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי יהושע העשיל מקאמארנא** זי"ע, בן הגה"ק **רבי ברוך תאומים פרענקל בעל ברוך טעם מלייפניק** זי"ע),

בן הרה"ק **רבי אליעזר מניישטאט** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי יוסף ברוך דער גוטער איד מניישטאט** זי"ע, בן הרה"ק **בעל מאור ושמש מקראקא** זי"ע),

בן הרה"ק **רבי צבי הירש מלובלין** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יעקב יצחק החוזה מלובלין** זי"ע.

ביים שידוך איז דער צדיק רבי יהושע געווען בערך 16 יאר אלט, ער האט דאן נאך זוכה געווען זיך מסתופף זיין בצלו פינעם גרויסן זיידן הרה"ק **רבי חיים שמואל מחנטשין** זי"ע די לעצטע פאר חדשים בחייו.

דער גרויסער זיידע האט זיך גאר שטארק משתעשע געווען מיטן יונגן חתן און איז ממש ארויס פון התפעלות פון די גדלות בתורה פינעם חתן, אויך האט דער זיידע גאר שטארק גערעדט פינעם יחוס פין די חתן וואס דאס איז געווען חוץ פון יחוס עצמו זייעדניג א גדול בתורה ובקדושה.

דער צדיק רבי יהושע האט אלס חתן געטראגן **גלעזער**, און דער זיידע רבי חיים שמואל מחנטשין זי"ע האט געזאגט פארן חתן בזה"ל, "**דער זיידע דער הייליגער חוזה מלובלין האט זיך אויסגעבעטן אויף פיר דורות, אז מען זאל נישט זען פון דערוויטענס, וואס דארף מען זען פון דערווייטענס, וואס האט מען צו זען**", און ווען דער חתן יהושע איז ארויס פין שטוב, האט דער זיידע מחנטשין גערעדט פונעם גדלות פונעם חתן, אבער דער זיידע האט מוסיף געווען, **אז עס איז אים נישט ניחא אז דער חתן טראגט גלעזער**.

דעם קומענדיגע טאג ווען דער חתן איז אריין געקומען אין ביהמ"ד מיט די גלעזער, איז צו אים צו געקומען דער הייליגען זוהן פונעם צדיק מחנטשין הרה"ק **רבי שלום** זי"ע, און ער האט פארן חתן געזאגט מיט א פשטות, די האסט נישט געהערט נעכטן די קלארע ריידט פונעם זיידן, א איד דארף נישט זען צו ווייט, און דער צדיק רבי שלום האט גענומען די גלעזער און דאס צובראכן.

פון דאן האט דער צדיק רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע מער קיינמאל און לעבן נישט געטראגן קיין גלעזער אפילו גאר אסאך מאל האט ער דאס זייער געברויכט, אלעס כדי צו מקיים זיין די ריידט פון זיין גרויסן זיידן רבי חיים שמואל מחנטשין זי"ע, און ווען עס איז געקומען צו א שווער קוויטל וואס ער האט יא געברויכט ניצן א גלעזער, האט דער צדיק גענוצט די גלעזער וואס ער האט געהאט בירושה פונעם עלטער זיידן דער הייליגער **שר שלום מבעלזא** זי"ע.

נאך די חתונה איז דער איידעם געבליבן זיצן ביים שווער אין **חנטשין**, דארט האט ער ווייטער עוסק געווען בתורה ועבודת השם יומם ולילה, ער האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע חביבות ביים גרויסן שווער וואס האט מעיד געווען אויפן איידעם אז ער איז א גדול בתורה ובקדושה, דער איידעם רבי יהושע אפילו זייענדיג א עניו מאוד און זיך אייביג באהאלטן פון די אויגן פון מענטשן, האט אבער דער שווער מעיד געווען אז ער איז א בקי נפלא בד' חלקי שו"ע און עס איז ממש שגור בפיו מיט א געוואלדיגע בקיאות.

ער האט דארט זוכה געווען צו לערנען צווישן די **עשרה בטלנים** וואס דער גרויסער שווער האט געהאט ביי זיך אין שטוב, וואס האבן עוסק געווען בתורה ועבודת השם, און דער שווער האט די עשרה בטלנים אויס געהאלטן.

בשנת תרפ"ג האט זיך דער שווער אריבער געצויגען קיין **עלקוש**, און ער האט זייער געבעטן זיין גרויסן איידעם אז ער זאל מיט אים מיט קומען קיין עלקוש, וויבאלד דער שווער האט גאר שטארק געהאלטן פונעם איידעם און האט אים געוואלט האבן נעבן זיך, אבער דער איידעם האט קודם נישט געוואלט דאן פארן וויבאלד די רעבעצין האט געווארט א קינד, אבער דער שווער האט אים געזאגט, אז מיט דעם אלעם זאל ער מיט קומען, און ער האט טאקע ערפילט דעם שווער'ס בקשה און מיט געפארן קיין עלקוש.

י' אדר בשנת תרפ"ג די טאג פונעם זיידנ'ס יארצייט דער הייליגער גוטער איד מניישטאט זי"ע, האט דער שווער רבי יהושע העשיל מחנטשין זי"ע געפירט טיש.

אינמיטן טיש האט דער איידעם רבי יהושע מזכיר געווען ביים שווער זיין רעבעצין, האט דער שווער געזאגט פארן איידעם, "**עס קומט זיך דיר א מזל טוב, עס איז דיר געבוירן געווארן א בן זכר**", און מען האט גלייך געטרינקען א לחיים פאר די שמחה, שפעטער נאכן בענטשן איז טאקע אנגעקומען א טעלעגראם מיט די בשורה טובה, אז

עס איז געבוירן געווארן א קינד, און דעם קינד האט מען טאקע א נאמען געגעבן נאכן זיידן **יוסף ברוך**, און דאס איז איינע פון די צוויי קינדער וואס האבן מיט גרויסע ניסים איבער געלעבט די מלחמה.

ביי די ערשטע וועלט מלחמה איז דער צדיק רבי יהושע אריין פאר א קורצע צייט אין די מיליטער, אבער נאך א גאר קורצע צייט האט זיך דער צדיק ארויס גערדייט און איז אנטלאפן קיין דייטשלאנד, דארט האט דער צדיק ליידער ארום געוואנדערט פון איין פלאץ צום אנדערן זיך באהאלטענדיג פון די מיליטער.

און יענע צייט איז דער צדיק אנגעקומען קיין **ראצפערט**, און דארט האט זיך דאן אויך אויפגעהאלטן דער צדיק רבי **ישכר דוב מבעלזא** זי"ע, וואס דער צדיק מבעלזא האט זיך גאר שטארק געפרייט צו זעהן דעם קרוב **רבי יהושע מסאסנובצא** זי"ע.

נאך די מלחמה ווען דער צדיק מבעלזא איז אנגעקומען צוריק קיין פולין האט ער זיך אויף געהאלטן פאר א שטיק צייט אין גליציה ביז ער איז צוריק קיין בעלזא.

דער צדיק רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע האט זיך יענע צייט אסאך מסתופף געווען בצלו פונעם הייליגען בעלזא רב זי"ע, אבער דער צדיק האט בשום אופן נישט געלאזט מען זאל אים בכלל מכבד זיין, נאר ער איז געזעצן ביים טיש ווי איינע פון די פשוטע חסידים.

אבער ווען דער הייליגער בעלזא רב זי"ע איז אריין געקומען צום טיש, האט ער געהייסן מען זאל דעם רבי יהושע זעצן אויבן אן נעבן זיין הייליגע זוהן הרה"ק רבי אהרן זי"ע, און דער צדיק רבי יהושע האט דערציילט, אז ביי די תורה האט דער זוהן רבי אהרן אויס געזעהן ווי ער דרימלט.

אבער יעדעס מאל זיין טאטע מהרי"ד האט אנגעהויבן זאגן תורה, האט ער די הייליגע פיס ארויף געלייגט אויף די פיס פון זיין זוהן דער קדוש רבי אהרן, און דער צדיק רבי יהושע האט דערציילט, אז אסאך מאל וויבאלד ער איז געזעצן נאנט צום צדיק רבי אהרן, האט די פיס פונעם צדיק מהרי"ד אויך אים אנגערירט, און דער צדיק האט זיך אויס געדריקט בזה"ל, "**איך בין זיכער אז די קאפעס וועלן מיר נאך צוניץ קומען**".

דער צדיק האט דאן געוואוינט אין שטאט **חנטשין**, אבער ער איז כסדר געפארן קיין **סאסנובצא** כדי ארויס צו העלפן זיין גרויסן טאטן, יענע צייטן האט מען פארן צדיק כסדר אנגעטראגן א רבנות פאסטן אין גרויסע שטעט, אבער דער צדיק האט נישט געוואלט נעמען א רבנות פאסטן אפילו זיין מצב הפרנסה איז געווען גאר שטארק בדוחק, א שטיק צייט האט מען דעם צדיק שטארק געבעטן, אז ער זאל קומען קיין אמעריקע דינען אלס רב, און מען האט אים אנגעטראגן א שיינע געהאלט וואס וואלט אים שטארק געהאלפן.

איז ער דאן אריבער אן פרעגן פונעם הייליגען בעלזא רב אויב ער זאל דאס נעמען, אבער לפלא אזוי ווי ער האט נאר אריין געטרעטן אין שטוב פונעם הייליגען בעלזא רב זי"ע, האט דער הייליגער צדיק מהרי"ד געזאגט בזה"ל, "**אה, די סאסנאווצע פויגל איז דא**", דער צדיק האט גלייך פארשטאנען, אז דער הייליגער בעלזא רב האט מרגיש געווען וואס ער איז געקומען פרעגן, און האט אנגענומען דעם תשובה, און אפילו נישט געפרעגט פונעם רבין וועגן די רבנות אין אמעריקע, אפילו דאס וואלט אים גאר שטארק ארויס געהאלפן מיט זיין מצב הפרנסה.

בשנת תר"ץ ווען זיין גרויסן טאטע רבי איציק'ל זי"ע איז נסתלק געווארן, האט מען דעם הייליגען זוהן רבי יהושע אויף גענומען אלס ממלא מקום אין שטאט **סאסנובצא**, און דער ברודער הרה"ק **רבי נפתלי צבי מסאסנובצא-קודניוב** זי"ע שרייבט, אז אפאר שעה בעפאר די פטירה האט דער טאטע זי"ע געזאגט, "**אז מען זאל רופן זיין זוהן דער בכור, רבי יהושע'לע**", וואס דער טאטע האט זיך קיינמאל נישט אויס געדריקט מיט דעם לשון, און פון דעם האבן די קינדער פאשטאנען, אז דער טאטע שטעלט דעם זוהן רבי יהושע אלס ממלא מקום.

דאן איז דער צדיק מפורסם געווארן אלס א איש קדוש מאוד און א בקי נפלא בתורה ובחסידות, ער איז געווען מפורסם אלס איינע פון

די עמוד הוראה בדורו, ער איז געווען באוויסט ביי זיך אין שטאט און אויך אין אלע ארומיגע שטעט אלס א גדול בתורה ובחכמה און א בעל צדקה וחסד נפלא, אבער איבער אלעם איז דער צדיק געווען א עניו מאוד און א איש האמת.

דער זוהן רבי יהושע האט דווקא געוואלט אז די מאמע מיט די קינדער וואס האבן נאך דאן געוואוינט אין שטוב זאלן בלייבן אין די דירה פונעם טאטן, און דער זוהן אפילו זייענדיג דאן דער רב אין שטאט, האט ער גענומען פאר זיך א קליינע דירה.

ער האט דאן אנגעהויבן שווער ארבעטן ארויף צו ברענגען דעם שטאט סיי אין תורה און אויך אין עבודת השם און קדושה, און גאר אסאך אידן יראים ושלימים האבן זיך דאן מדבק געווען אין דעם צדיק און זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו, ובתוכם איז געווען גאר אסאך חסידי בעלזא וואס זענען געקומען צו דעם צדיק פאר א ברכה אדער פאר ישועות.

ער איז דאן געווארן מפורסם מיט זיין גדלות בתורה און אויך אלס דער עמוד הוראה פינעם גאנצן סביבה, הונדערטער אידן זענען געקומען מיט שווערע שאלות צו דעם צדיק וויסענדיג זיין גרויסע כוח התורה ובהלכה.

ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל און ער האט זיך מיט א מסירת נפש אוועק געגעבן פאר אנדערע אידן, אבער ער איז געווען באוויסט מיט זיין מידת האמת און דער צדיק איז אוועק געשטאנען זיין גאנץ לעבן פון חניפה און נישט נאך געלאזט קיין זוז כל שהוא פון וואס ער האט מקבל געווען מדורות הראשונים.

ליידער יענע צייט האט די ממשלה אין פולין ארויסגעגעבן א שווערע גזירה, אז א רב אין א שטאט מיז ווערן באשטעטיגט דורך זיי, וויבאלד זיי האבן דווקא געוואלט האבן רבנים וואס האבן זיך צו געשטעלט צו זייערע מנהגים אדער זענען געשטאנען מיט די נייע דרכים וואס מען האט פראבירט אריין צו ברענגען צווישן די אידישע קהילות, פארשטייט זיך אז דער צדיק רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע איז נישט געווען צווישן די וואס זענען מיט זיי מיט געשטאנען, האט מען גוזר געווען אז ער זאל מער נישט מעגן דינען אלס רב.

דער צדיק רבי יהושע וואס האט זיין גאנץ לעבן אלעס געטון נאר לשם שמים, איז בכלל נישט געווארן צובראכן פון דעם, און אפילו דאס האט געמיינט פאר אים פארלירן זיין פרנסה, ווי זיין זוהן הרה"ק רבי יוסף ברוך זי"ע האט מעיד געווען, אז דאס דחקות ביים טאטן אין שטוב יענע צייט איז געווען גאר שווער, אז אסאך מאל מוצאי שבת קודש האט זיך געמאכט, אז מען האט נישט געהאט מיט וואס צו אפרעכטן מלווה מלכה, און ווען מען האט געזינגען די זמירות און מען איז אנגעקומען צו "**איש חסיד היה**" צו די ווערטער "**מה נאכל מעתה**", האט דער טאטע איבער געזאגט די ווערטער אפאר מאל און מיט דעם האט מען זיך געזעטיגט.

אבער די גאנצע צייט האט דער טאטע דער צדיק רבי יהושע ווייטער עוסק געווען בתורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה, מען האט נישט אנגעזעהן אויפן צדיק אז עפעס פעילט אים בכלל, דער טאטע איז געווען א מעביר על מדותיו און אפילו מען האט אים אוועק גענומען דאס רבנות, פלעגן די רבנים וואס מען האט אויף גענומען אויף זיין פלאץ קומען, און אויך שיקן אידן מיט שאלות צום צדיק רבי יהושע, און ער האט זיי אלע אויף גענומען בסבר פנים יפות, ווייל דער צדיק האט געהאט איין מטרה אין לעבן, און דאס איז געווען צו דינען דעם באשעפער מיט א אמת.

רוב צדיקי הדור האבן דעם צדיק וקדוש זייער מעריץ און מכבד געווען, איינמאל האט הגה"ק רבי דוב בערשי מטשעבין זי"ע געטארפן א קבוצה בחורים פון די ישיבה פונעם צדיק רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע, און די בחורים האבן פאר טשעבינער רב פאר געלייגט עפעס שאלות בהלכה, האט זיי דער צדיק מטשעבין געזאגט בזה"ל, "**איר זענט דאך פון שטאט סאסנובצא, דארט געפינט זיך דאך רבי איציק'ל זוהן רבי יהושע, פרעגט אים די שאלות ער איז דאך א גאון בתורה**".

הרה"ק **רבי שלמה חנוך מראדומסק** זי"ע הי"ד, ווען ער האט פאר א שטיק צייט געוואוינט אין

שטאט סאסנובצא, האט ער דעם צדיק רבי יהושע זי"ע גאר שטארק מכבד געווען און זיך מתייחס געווען צו דעם צדיק מיט א געוואלדיגע כבוד.

איינמאל איז דער צדיק רבי יהושע געקומען מיט זיין זוהן צום טיש פונעם צדיק מראדומסק, און ער האט גאר שטארק מכבד געווען דעם צדיק רבי יהושע און אים געזעצט נעבן זיך אויבן אן, ביים ארויס גיין האט דער צדיק רבי שלמה חנוך מראדומסק צו גערופן דעם זוהן, און געגעבן צוויי מאראנצין ער זאל דאס געבן פארן טאטן, וואס דאן זענען מאראנצין געווען גאר טייער, אלעס לכבודו פון דעם גרויסן גאסט.

בשנת ת"ש האבן די דייטשן ימ"ש איין גענומען פולין און האבן דאן אנגעהויבן ליידער פירן טויזענטער אידן קיין אוישוויץ, גאר אסאך אידן האט מען קודם געטראגן צום שטאט סאסנובצא ובתוכם די אידן פון שטאט קשאנוב און אושפיצין.

דאן האט דער צדיק רבי יהושע געהאט די זכי', אז ביי אים אין שטוב איז איין געשטאנען דער צדיק וקדוש **רבי אלעזר מאושפיצין** זי"ע הי"ד, וואס איז געווען א איידעם ביים **הייליגען דברי חיים מצאנז** זי"ע, און א אייניקל פון הרה"ק **רבי שלום מקאמינקא** זי"ע.

אפילו דער צדיק אליין האט יענע צייט גאר אסאך מיט געמאכט, און אויך צו זעענדיג די צרות וואס אידישע קינדער מאכן ליידער מיט וואס האט באמת צו געטרעטן צום הארץ פארן צדיק, האט ער אבער אויף א רגע נישט פארלוירן זיין ריינע אמונה אינעם גרויסן באשעפער, ער האט ווייטער געדינט אלס רב אין שטאט און מחזק געווען יעדן איד וואס איז געקומען צום אים, ער האט זיך דאן אראפ געלאזט צו יעדן איד און זיך אפ געגעבן מיט יעדן מיט א געוואלדיגע מסירת נפש.

דער צדיק האט צו זיין משפחה כסדר גערעדט, אז מען זאל ח"ו נישט פארלירן די אמונה אינעם גרויסן באשעפער, דער צדיק האט כסדר גערעדט, **אז א איד ברויך זיין יעדע רגע גרייט זיך מוסר נפש זיין פארן גרויסן באשעפער**, און דער צדיק האט דערציילט פאר די קינדער, ווי אזוי אידן האבן זיך אין אלע דורות מוסר נפש געווען על קידוש השם, אויך בשנת ת"ח ות"ט האבן זיך אידן מוסר נפש געווען על שמו הקדוש.

איינמאל ווען די רעבעצין האט געהערט ווי דער מאן דערציילט וועגן די מסירת נפש וואס כלל ישראל האט אייביג געהאט, האט זי געזאגט פאר איר מאן, "**דער באשעפער זאל אונז היטן פון די נסיונות**", האט דער צדיק געענטפערט מיט א געוואלדיגע התלהבות בזה"ל, "**הארך אויס, אז עס וועט קומען די צייט, וועלן מיר נעמען די קינדער און אריין טאנצן אין פייער פאר זיין ליב'ן נאמען**", און דער צדיק האט די ווערטער כסדר איבער געזאגט, ביז דאס איז באמת אריין אין קאפ פאר די קינדער.

גאנץ אנפאנג איז די צרות אין שטאט סאסנובצא נישט געווען אזוי ביטער ווי אין אנדערע שטעט, וויבאלד סאסנובצא איז געווען ביים גרעניץ פון דייטשלאנד, און דערפאר איז טאקע אריבער געקומען זיין שווער הרה"ק **רבי יהושע העשיל מחנטשין** זי"ע וואוינען ביים איידעם אין סאסנובצא, אויך האט דער צדיק רבי יהושע דאן גאר שווער געארבעט צו ערלעדיגען אז דער הייליגער צדיק זיינס א קרוב רבי אהרן מבעלזא זי"ע זאל אויך אריבער קומען קיין סאסנובצא און אזוי וועט ער געראטעוועט ווערן.

אבער די לעצטע מינוט האט זיך דאס נישט אויס געארבעט און דער הייליגער בעלזא רב האט די לעצטע מינוט אפ געמאכט נישט צו פארן קיין סאסנובצא, שפעטער האט מען טאקע געזעהן די גרויסע יד השם, ווייל ליידער נישט לאנג נאכדעם האבן די רשעים די דייטשן ליידער אומגעברענגט אידן דארט אין סאסנובצא ובתוכם רוב רובם פון די רבנים, און ווען דער הייליגער בעלזא רב וואלט ווען דארט געווען, ווער ווייסט וואס עס וואלט ווען געשען.

און דער הייליגער בעלזא רב זי"ע האט שפעטער שוין זייענדיג אין ארץ ישראל געזאגט, אז דער הייליגער חנטשינער רבי האט געהאט א חלק אין זיין הצלה, ווייל מען האט אים כסדר מזכיר געווען ביים צדיק רבי יהושע העשיל מחנטשין זי"ע אז ער זאל ניצל ווערן.

איין נאכט האט מען ליידער געכאפט די צוויי קינדער "**יוסף ברוך**" און "**מאיר דוד**", און זיי אוועק געפירט צו די ארבעט'ס לאגער, די מאמע די צדקת האט גלייך אויס געבראכן אין א געוויין און געזאגט פאר איר הייליגע מאן, "**יוס'לע און מאיר'ל האט מען גענומען צום ארבעט, און ווי אונז גייען ווייסטו דאך**".

האט דער הייליגער מאן רבי יהושע זי"ע געזאגט פאר די רעבעצין בזה"ל, "**דארפסט דאנקען דעם אייבערשטן אז דו האסט צוויי קדיש זאגער'ס אינדרויסן**", און לפלא מיט גרויסע ניסים זענען נאר די צוויי קינדער בחסדי השי"ת איבער געבליבן נאך די מלחמה, אפילו דער זוהן רבי יוסף ברוך איז צוויי מאל שוין געווען צווישן די טויטע, איז ער בחסדי השם מיט ניסים ניצל געווארן, און ממשיך געווען דעם שושלת היוחסין פון **חנטשין** און **סאסנובצא**.

דער צדיק האט ליידער מקריב געווען על קידוש השם רוב פון זיינע הייליגע קינדער, צוויי קינדער זענען ברוב רחמיו וחסדיו פונעם גרויסן באשעפער איבער געבליבן און ווייטער ממשיך געווען דורות ישרים ומבורכים נאך די מלחמה.

בתו **הרבנית הצדקת מרת רייצא זלדה תמר** ע"ה, הי"ד, אשת הרה"ק **רבי אברהם ראזענפעלד מקאמינקא** זי"ע, הי"ד, בן הרה"ק **רבי חיים יעקב מקשאנוב** זי"ע,<br>
בנו **הילד חיים שמואל אשר ישעי'** ע"ה, ער איז נפטר געווארן ל"ע יונגערהייט,<br>
בנו הרה"צ **רבי יוסף ברוך גליקמאן** זצ"ל, חתן הרה"ח **המפורסם בנש"ק רבי אביגדור לעהרער מאנטווערפן** זצ"ל,<br>
בנו הרה"ח **רבי מאיר דוד** זצ"ל, חתן הרה"ח **ר' משה הכהן מעץ** ז"ל,<br>
בנו **הילד משה** ע"ה, הי"ד,<br>
בנו **הילד יצחק** ע"ה, ער איז נפטר געווארן ל"ע יונגערהייט,<br>
בנו **הילד פנחס ישכר דוב** ע"ה, הי"ד,<br>
בתו **הילדה שפרה חנה העניא** ע"ה, הי"ד,<br>
בנו **הילד גרשון שאול יום טוב ליפמאן** ע"ה, הי"ד.

ליידער בשנת תש"ג האבן די דייטשן ימ"ש אוועק געפירט טויזענטער אידן פון שטאט סאסנובצא קיין אוישוויץ ובתוכם איז געווען דער צדיק רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע, און זיין שווער הרה"ק רבי יהושע העשיל מחנטשין זי"ע, און ליידער **ז' אלול בשנת תש"ג** האבן די רשעים ימ"ש אומגעברענגט דעם צדיק וקדוש רבי יהושע הי"ד על קידוש השם, עדי ראי' האבן מעיד געווען, אז די אידישע קאפו האבן מיט געוויינט מיט ביטערער טרערן ווען זיי האבן געזעהן ווי מען פירט דעם צדיק צום עקידה.

הר"ר אברהם קרקובסקי ע"ה האט דערציילט, די שמיעס צווישן דעם צדיק רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע און זיין ידיד נאמן הרה"צ רבי יצחק אלימלך זינגער זי"ע בשעת זיי האבן זיך געגרייט צו גיין אויף קידוש השם, דער צדיק רבי יהושע זי"ע האט געפרעגט, "**נו, רבי אלימלך'ל וואס זאגט איר אין אזא צייט**", האט דער צדיק רבי יצחק אלימלך געזאגט, איך וועל אייך דערציילן א מעשה.

דער צדיק וקדוש רבי יצחק מאיר אלטער בעל חידושי הרי"ם מגור זי"ע איז אמאל געפארן אויף א וואגן מיט הרה"ק רבי יצחק מווארקא זי"ע, און ווען די צוויי צדיקים זענען אנגעקומען אין שטאט, האבן זיי באמערקט אז זייער אלע חפיצים די טלית און תפילין און אלעס וואס זיי האבן געהאט איז נעלם געווארן, און דער הייליגער חידושי הרי"ם האט געמיינט, אז זיכער איז דאס געווען די ארבעט פונעם בעל עגלה.

האט ער געפרעגט דעם הייליגען צדיק רבי איציקל ווארקער זי"ע איבער דעם בעל עגלה, האט דער צדיק רבי איציק'ל מווארקא זי"ע געזאגט בזה"ל, "**אזוי ווי איך בין ארויף געקומען אויפן וואגן, האב איך מפקיר געווען אלע מיינע חפצים**", דאס איז געווען די לעצטע ווערטער וואס די צוויי צדיקים רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע און רבי יצחק זינגער זי"ע האבן צווישן זיך גערעדט, בעפאר זיי זענען אומגעקומען על קידוש השם, **ובסוד קדושים מי יעמוד**.

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד' ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב"א.

זכותו הגדול יגן עלינו<br>
ועל כל ישראל אמן.

**צו פארשטיין אביסל וואס מיינט א נסיעה צו א צדיק,** וואס די נסיעה אליין איז אויך א דבר גדול מאוד, דערציילט מען, אז דער צדיק רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע האט זיך מתפאר געווען, אז ער האט נאך געהאט א זכי' צו פארן אויף א נסיעה **צום הייליגען שינאווא רב** זי"ע, און מעשה שהיה כך היה.

בשנת תרנ"ט האט די באבע די צדקת מרת שרה ע"ה די טאכטער פון הרה"ק רבי משה מקארוב זי"ע געהערט, אז ליידער איז דער הייליגער שינאווא רב זי"ע זייער נישט געזונט און איז ליידער גאר שוואך.

האט די רעבעצין זיך ארויס געלאזט קיין שינאווא מיט אפאר אייניקלעך, כדי נאך אריין צו כאפן א ברכה פינעם הייליגען שינאווא רב זי"ע, צווישן די אייניקלעך איז אויך געווען דער אייניקל **יהושע מסאסנובצא** זי"ע.

אבער ליידער ווען זיי זענען אנגעקומען אין שטאט קראקא ו' שבט איז אנגעקומען די שמועה, אז ליידער כבה נרו של ישראל, אז ליידער איז דער צדיק הדור דער הייליגער שינאווא רב זי"ע נסתלק געווארן, די באבע די צדקת האט זייער געוויינט אויף די גרויסע אבידה פון כלל ישראל, און אז זי האט ליידער שוין נישט אנגעיאגט צו נעמען א ברכה פונעם הייליגען שינאווא רב זי"ע, אבער דער צדיק רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע האט זיין גאנץ לעבן כסדר גערעדט, און האט גאר מכיר טובה געווען פאר די באבע, אז ער האט כאטש זוכה געווען צו א נסיעה צום הייליגען שינאווא רב זי"ע.

• • •

**דער צדיק וקדוש רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע האט דערציילט**, אז יענע צייטן נאכן ערשטע וועלט מלחמה ווען ער האט זיך כסדר מסתופף געווען בצלו פינעם צדיק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע, האט אמאל ביים טיש פאסירט, אז ווען דער הייליגער בעלזא רב זי"ע איז ארויס נאכן טיש, האט ער געזעהן דעם צדיק רבי יהושע וואס האט געטראגן א "**ספאדיק**" שבת, און דער הייליגער בעלזא רב זי"ע האט געפרעגט דעם גבאי'ן, "**ווער איז דער מיטן ספאדיק**".

דער גבאי האט גלייך געזאגט פארן הייליגען בעלזא רב זי"ע, רבי, דאס איז רבי יהושע, רבי איציק'ס זוהן, אבער דער הייליגער בעלזא רב האט זיך געמאכט ווי ער כאפט נישט פון וועם מען רעדט, דער גבאי האט נאכאמאל פראבירט צו מסביר זיין פארן רבין ווער איך בין, רבי דאס איז רבי יהושע דער זוהן פון רבי איציק'ל און אזוי ווייטער די זיידעס.

ביז דער גבאי האט אויס גערעכנט די יחוס פארן רבין ביזן זיידן דער הייליגער שר שלום זי"ע, דאן האט די רבי געכאפט ווער ער איז, לפלא ווען ער איז אהיים געפארן, האט מען אים געמאכט גרויסע צרות ביים גרעניץ, אבער צום סוף איז ער דורך בשלום, האט דער צדיק רבי יהושע זי"ע געזאגט, אז דאן ביים טיש האט אים די רבי דער הייליגער בעלזא רב "**געפראוועט**".

• • •

**מען דערציילט א מעשה נורא וואס האט פאסירט אין שטאט סאסנובצא**, אין די צייט ווען עס איז ליידער פאר געקומען די מחלוקת איבער די רבנות פאסטן, זענען ליידער געווען דארט אין שטאט אידן וואס האבן ליידער מחלל שבת געווען, מען פלעגט נישט פארמאכן די געשעפטן ווען עס איז געקומען שבת, און דאס האט ליידער זייער מצער געווען דעם צדיק רבי יהושע, און אפילו ער איז נישט געווען דער רב פון שטאט מטעם הממשלה, איז דער צדיק אבער יעדן ערב שבת קודש געגאנגען אין מארק פון שטאט, און דער צדיק האט זיך ממש בתחנונים געבעטן צו די אידן, אז מען זאל פארשליסן די געשעפטן לכבוד שבת קודש.

איין ערב שבת שובה איז דער צדיק אנגעקומען אין מארק, דארט איז געווען א געשעפט וואס האט באלאנגט צו א אידישע פרוי, זי האט ליידער געהאלטן דעם געשעפט אפען שפעטער ווי מען האט געמעגט ערב שבת, ווען דער צדיק איז דורך די געשעפט האט ער געזאגט פאר די פרוי, עס איז היינט ערב שבת שובה און עס איז שוין באלד דער זמן, פארמאכט די געשעפט ווייל עס איז ליידער חילול שבת צו בלייבן אפען.

די פרוי האט אבער מיט חוצפה צוריק געזאגט פארן רבין, וואס מישט איר זיך אין מיינע געשעפטן

לאזט מיך אפ און גייט אייך אוועק, דער צדיק וקדוש וואס אין אים האט געברענגט קדושת השבת און האט געזעהן די חילול השם וואס די פרוי האט געמאכט מיט די ווערטער, האט ער געזאגט פאר די פרוי בזה"ל, "**אויב וועט איר נישט פארמאכן די געשעפט יעצט, זאלט איר וויסן אז די קומענדיגע וואך וועט איר נישט שטיין דא**", אבער די פרוי מיט איר חוצפה האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט פון די ווערטער פונעם צדיק.

ליידער אינמיטן די וואך איז די מאן פון די פרוי געקומען צו לויפן צום צדיק רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע, און ער האט געבעטן מיט טרערן אז די רבי זאל אים העלפן, ווייל זיין פרוי איז אריין געפאלן אין בעט און איז אין א מצב סכנה, האט דער צדיק געזאגט פארן מאן, איך בין א רב און נישט קיין רבי און דערפאר קען איך דיר נישט העלפן, אבער לויף אריבער צו מיין שווער אין חנטשין, אפשר ער וועט דיר קענען העלפן.

אבער ליידער איז דער מאן שוין נישט אנגעקומען אין צייט און זיין פרוי איז נפטר געווארן, דאס האט ארויס געברענגט א גרויסע קידוש השם אין די גאס זעענדיג ווי פון הימל נעמט מען זיך אן **פארן כבוד השבת** און אויך **פארן כבוד פונעם צדיק רבי יהושע** זי"ע.

• • •

**אביסל צו משיג זיין די מסירת נפש און ריינע אמונה און קדושה פון דעם צדיק** איז ראטזאם צו דערציילן די מעשה וואס הרה"ח ר' אברהם יששכר קראקובסקי ז"ל האט דערציילט, זייענדיג מיטן צדיק רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע אין בונקער פון די געטו רודולה, וואס ליידער האט מען שוין דאן געוויסט אז עס איז נישט דא קיין וועג ארויס פון דארט בדרך הטבע, האט דער צדיק קיין רגע נישט פארלוירן זיין אמונה אינעם גרויסן באשעפער.

אין טאג האט דער צדיק געזעהן א קליינעם גריב און ער האט געזאגט פאר ר' אברהם יששכר, די זעסט דא קען מען ווען מאכן א מקו' אז מען זאל זיך כאטש קענען טובל'ן, און דער צדיק איז ארום געגאנגען ביינאכט און צוזאמען געגומען שטיקלעך העלצער און אנדערע זאכן, און האט מיט די אייגענע הענט געגראבן די מקו', ווייל עס האט באמת געברענט פארן צדיק זיך מטהר צו זיין אפילו אין אזאנע שווערע צייטן, און לפלא האט זיך יענע טאג אראפ געלאזט א רעגן און האט אנגעפילט דעם גרוב און דער צדיק האט געהאט זיין מקו'.

• • •

**אין שטאט סאסנובצא האט געוואוינט א איד א בנש"ק** הגה"צ רבי יצחק אלימלך זינגער זי"ע, הי"ד, ער איז געווען א אייניקל פונעם הייליגע רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, דער צדיק רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע האט גאר אסאך עוסק געווען בצדקה וחסד אויף גאר א געהויבענע מדרגה, ביי זיך אין שטוב האט זיך דער צדיק מסתפק געווען במיעוט, אבער פאר אנדערע האט דער צדיק געטיילט ביד רחבה.

אבער ספעציעל האט דער צדיק רבי יהושע תומך געווען די אייניקלעך פון רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, אויך דעם אייניקל רבי יצחק אלימלך האט ער גאר אסאך געלט געגעבן, איינמאל האט דער צדיק רבי יהושע וואס איז געווען מפורסם מיט זיין כוח התורה והלכה, געפירט א גרויסע דין תורה צווישן צוויי גרויסע עשירים, די דין תורה האט זיך פארצויגן א שיינע פאר טאג, און די קינדער האבן געווארט ווען מען וועט שוין ענדיגן די דין תורה און דער טאטע וועט באקומען "**פסק געלט**", וואס באמת האט דער צדיק געקענט ניצן דאס געלט ביי זיך אין שטוב.

די נאכט ווען מען האט געענדיגט די דין תורה האט דערציילט דער זוהן רבי יוסף ברוך, אז דער טאטע האט געזעהן ווי ער שלאפט נאכנישט, האט ער אים גערופן אז ער זאל מיט אים מיט קומען, און דער טאטע איז אריבער געגאנגען צום שטוב פון רבי יצחק אלימלך זינגער זי"ע, ווען זיי זענען אנגעקומען שפעט ביינאכט צום שטוב, איז דער צדיק רבי יצחק אלימלך געזעצן און עוסק געווען בתורה.

ווען ער האט געזעהן דעם טאטן אנקומען אזוי שפעט ביינאכט צו אים אין שטוב, האט ער זיך זייער געוואונדערט וואס ער זיכט אזוי שפעט ביי אים, האט דער טאטע דערציילט, אז ער האט יעצט געענדיגט א גרויסע דין תורה און האט באקומען א שיינע סכום פסק געלט, און ער וויל זיך צעטיילן מיט אים האלב אויף האלב מיט די געלט, דער

צדיק רבי יצחק אלימלך האט קודם מסרב געווען צו נעמען דאס געלט.

אבער ווען דער טאטע האט זיך געהאלטן ביי זיינס, האט ער גענומען דאס געלט, און האט גלייך געהייסן פאר איינע פון זיינע קינדער, אז ער זאל שוין אריבער לויפן צום בעקער ברענגען עפעס ברויט, ווייל די קינדער האבן זיך שוין יענע נאכט געלייגט אן האבן עפעס צו עסן, און דער צדיק רבי יצחק אלימלך האט געזאגט מיט טרערן פארן טאטן, **הלוואי זאל איך האבן נאך אזאנע פריינט ווי אייך**, ווייל ליידער האט ער נישט געהאט צו געבן פאר די קינדער צו עסן, אבער דאס ברענגט ארויס די מידת הצדקה פון דעם צדיק רבי יהושע, אז ער האט אפילו נישט געווארט ביז אינדערפרי צו טראגן דאס געלט וויסנדיג ווי וויכטיג מען ברויך עס.

און דער צדיק רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע האט כסדר געזאגט, אז די מידת הצדקה האט ער געלערנט פונעם הייליגען בעלזא רב רבי ישכר דוב זי"ע, ווייל איינמאל ווען ער איז געווען ביים בעלזא רב אין שטוב ערב שבת קודש, איז א איד אריין געקומען און געגעבן פארן בעלזא רב א פדיון, האט דער הייליגער בעלזא רב גלייך געגעבן דאס געלט פאר גבאי'ן, און געהייסן אז ער זאל דאס גלייך אריבער טראגן צו א ארימאן.

דער גבאי האט אבער דאס נישט גלייך געטראגן צום ארימאן, מוצאי שבת קודש האט דער הייליגער בעלזא רב געפרעגט דעם גבאי'ן אויב ער האט ערב שבת טאקע געטראגן די געלט פארן ארימאן, האט דער גבאי געזאגט, אז עס איז שוין געווען גאר שפעט נאנט צו שבת האט ער דאס נישט געטראגן בעפאר שבת, האט דער הייליגער בעלזא רב זי"ע זיך זייער געבייזערט און געזאגט, **איך האב דווקא יא געוואלט אז די זאלסט עס טראגן בעפאר שבת, זאל דער ארימאן זיין גאנץ שבת ראויג אז ער האט געלט אויף נאך שבת**.

• • •

**ווי באוויסט איז דער צדיק רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע** געווען גאר שטארק מקושר לבית בעלזא, גאר א שטארקע קשר האט דער צדיק געהאט מיט הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע, ער האט געהאט א אפען טיר ביים צדיק מבעלזא, סיי ווען ער איז געקומען האט מען דעם צדיק גלייך צו געלאזט צום בעלזא רב וויסענדיג ווי שטארק די רבי האט דעם צדיק ליב אהבת נפש.

בשנת תרצ"ט ווען דער הייליגער בעלזא רב זי"ע איז געפארן קיין קראקא צו היילן זיינע אויגן, איז דער צדיק רבי יהושע זי"ע געפארן קיין קראקא מיט זיין זוהן רבי יוסף ברוך זצ"ל, נאכן אפעראציע וואס דער הייליגער בעלזא רב האט געהאט אויף די אויגן, האט מען קיינעם נישט צו געלאזט צום רבין, אבער ווען דער צדיק רבי יהושע איז אנגעקומען האט מען אים גלייך אריין געלאזט מיט א קוויטל און א פדיון צום רבין.

האט דערציילט דער זוהן רבי יוסף ברוך זצ"ל, אז דער טאטע האט געגעבן א מטבע אלס פדיון פארן בעלזא רב, און אפילו די בעלזא רב האט דאן נישט געקענט זעהן מיט די אויגן, האט ער גלייך איבער געדרייט די מטבע אז די צורה אויף מטבע זאל נישט ווייזן, וואס ווי באקאנט האט דער צדיק מבעלזא זייער מקפיד געווען אויף מטבעות וואס האבן געהאט אויף זיך א צורה פון א פנים, בשעת דער צדיק רבי יהושע איז געווען דארט ביים צדיק מבעלזא מיט זיין זוהן יוסף ברוך, איז געווען א שטארקע געדרענג און עס איז געווען זייער הייס, ווען ער איז דורך ביים הייליגען בעלזא רב, האט דער הייליגער בעלזא רב געזאגט פארן טאטן, אז ער זאל זעהן צו גוט צודעקן דעם קינד, ווייל אינדרויסן איז גאר קאלט און מען קען זיך פארקילן.

אויך יענעם שבת מברכים כסלו האט מען קיינעם נישט צו געלאזט דאווענען מיטן בעלזא רב, אבער דעם צדיק רבי יהושע מיט זיין זוהן האט מען יא צו געלאזט דאווענען מיטן רבין, און דער זוהן רבי יוסף ברוך זצ"ל האט געזאגט, אז דער הייליגער בעלזא רב זי"ע האט געבענטשט ר"ח האט ער געזאגט "**ראש חודש כס-לב**".

אויך האט דערציילט דער זוהן רבי יוסף ברוך זצ"ל, אז דאס לעצטע מאל וואס ער איז געווען מיטן טאטן אין בעלזא בעפאר עס האט אויס געבראכן די צווייטע וועלט מלחמה, ווען די טאטע איז אריין זיך געזעגענען פונעם בעלזא רב זי"ע, האט דער הייליגער בעלזא רב געבעטן פונעם

טאטן בזה"ל, "**רבי יהושע'לע דו פארסט אהיים, איך בעט אייך טרעט אן ליזענסק, און זאלסט פועל'ן אז דער רשע זאל האבן א סוף**".

• • •

**דער זוהן הרה"צ רבי יוסף ברוך גליקמאן זצ"ל האט דערציילט**, אז די דייטשן ימ"ש האבן אים גלייך געפירט צום ארבעט'ס לאגער אין שטאט **מארקשטאט**, דארט זענען געווען טויזענטער אידישע קינדער, דארט איז געווען איינע פון די אנפירער'ס וואס מען האט גערופן "**לאגער עלטסטער**", וואס איז געווען ליידער א איד א בעלזא חסיד וואס איז ליידער פארקראכן, ער איז געווען געשטעלט צו איינטיילן די ארבעט פאר יעדן אין לאגער.

ווען דער ר' יוסף ברוך איז אנגעקומען, האט מען אים גע'עצה'ט, אז ער זאל יענעם בעלזא חסיד גיין בעטן אז ער זאל אים געבן א מער גרינגערע ארבעט, אנדערע דארט אין לאגער האבן אים אבער אפגערעדט פון גיין צו יענעם, וויבאלד יענער איז געווען באוויסט אלס א גרויסע רשע ליידער, אבער בלית ברירה איז ר' יוסף ברוך אריין צו יענעם איד.

ווען ער איז אריין געקומען האט דער איד קודם געפרעגט מיט א כעס, ווי אזוי האסטו גענומען די חוצפה אריין צו קומען בעטן עפעס פון מיר, אבער ווען ר' יוסף ברוך האט אים געזאגט, אז ער האט א פריסת שלום פון זיין טאטן רבי יהושע זי"ע, און אויך האט דער טאטע רבי יהושע געהאט געשיקט פאר דעם איד די ערשטע יאר פון די מלחמה מצות אויף פסח, האט דער איד גלייך געטוישט זיין קול און געפרעגט וואס איך וויל, און שפעטער איז ער טאקע אריין געקומען און געגעבן א ארבעט פון פארבן, וואס איז געווען פון די גרינגערע ארבעט אין לאגער, און דורך דעם האט דער ר' יוסף ברוך מיטן ברודער ר' מאיר געהאט די כוחות דורך צו מאכן די מלחמה און געראטעוועט געווארן בחסדי השם.

• • •

**דער זוהן הרה"ח ר' מאיר דוד זצ"ל האט דערציילט**, אז איינמאל איז ער געגאנגען אין ביהמ"ד מיטן גרויסן טאטן הרה"ק רבי יהושע מסאסנובצא זי"ע, אזוי גייענדיג אין גאס האט ער געזעהן צוויי אידן וואס זענען ליידער געגאנגען מיט א הוילן קאפ אן א קאפל, ווען ער האט געפרעגט די טאטע ווי אזוי עס קען זיין אז א איד גייט מיטן הוילן קאפ אן א קאפל, האט דער טאטע געזאגט פארן זיין זוהן, **איך בין זיכער אז די צוויי אידן האבן פארגעסן אז זיי האבן נישט קיין קאפל, ווייל דער צדיק האט כסדר מלמד זכות געווען אויף אידישע קינדער**.

**יארצייט ח' אלול**

**הרה"ק רבי אברהם שמשון ב"ר יעקב יוסף הכהן זי"ע, (אשכנזי - כ"ץ), מראשקוב**

ער איז געבוירן אלס **בן יחיד** צו זיין טאטן הרה"ק **רבי יעקב יוסף הכהן כץ בעל תולדות יעקב יוסף מפולנאה** זי"ע, **תלמיד מובהק וממשיך דרכו פונעם בעש"ט הקדוש** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי צבי הכהן** זי"ע,
פון די גזע פון גדולים און גאונים מדורות הראשונים, ובתוכם פון.
הגה"ק **רבי שמשון מאוסטרופולי** זי"ע, הי"ד,
הגה"ק **בעל תוספות יום טוב מקראקא** זי"ע,
הגה"ק **רבי יוסף כ"ץ בעל היסוד יוסף** זי"ע.

דעם נאמען **שמשון** האט מען אים געגעבן ביים ברית נאכן זיידן הגה"ק **רבי שמשון מאוסטרופולי** זי"ע.

ער איז געווען א איש קדוש מאוד, און דער המאור הגדול בדורו, ער איז געווען א חריף עצום בתורת הנגלה והנסתר, ער איז געווען מפורסם אלס א בקי נפלא בתורה וביראה ובחסידות, ער איז געווען באוויסט מיט זיין גרויסע חכמה, צדיקים בדורו אפילו עלטער ווי אים האבן דעם צדיק גאר שטארק מעריץ געווען און באוואונדערט זיין גדלות בתורה און קדושה, ער האט זיך גאר אסאך מסתופף געווען בצלו פון די גרויסע תלמידי בשע"ט הקדוש זי"ע.

ער האט רוב פון זיין תורה געלערנט ביי זיין הייליגן טאטן, וואס איז געווען פון די **שישים גבורים מתלמידי בעש"ט הקדוש** זי"ע, ער האט אסאך זיך מסתופף געווען מיטן טאטן ביים הייליגן בעש"ט, און ער האט זיך געציילט צווישן די יונגסטע תלמידים פונעם בעש"ט זי"ע, ווי מען זעט ווי ער דרוקט זיך אויס אין זיין סידור האר"י אויפן בעש"ט אלס "**מורי ורבי**", אויך איז דא וואס זאגן אז ער איז געווען א תלמיד פונעם **הייליגן מגיד ממזריטש** זי"ע.

מיט די יארן האט זיך דער צדיק מטהר און מקדש געווען בקדושה של מעלה, און חוץ פון זיין געוואלדיגע התמדת התורה בתורת הנגלה, האט ער זיך געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה על דרך הקבלה, ווי דער צדיק איז מעיד אין זיין סידור האר"י בזה"ל, "**ענין חכמת הקבלה מסוגלת בלילות הארוכים אחר חצות, וגם בשבתות וימים טובים, ובפרט בסוכות בתוך הסוכה וליל שבועות, ואת כל אלה ניסיתי**", און ווי עס שיינט אויס האט ער אויך עוסק געווען אין **קבלה מעשית**.

לויט רוב גירסאות האט ער חתונה געהאט מיטן טאכטער פון הרה"ק **רבי משה אריה לייב** זי"ע הי"ד, וואס איז ליידער אומגעקומען עקה"ש אין אוקראינה, די זון פון הרה"ק **רבי דוד לאה'קס מבאר** זי"ע, פון די תלמידים מובהקים פונעם בעש"ט זי"ע, וואס דער זון פונעם בעש"ט הרה"ק רבי צבי זי"ע האט חתונה געהאט בזיווג ראשון מיט דעם אנדערן טאכטער פון רבי משה אריה לייב זי"ע.

עס ווערט געברענגט, אז ביי זיין חתונה איז דארט געווען דער בעש"ט הקדוש זי"ע, און אויך הרה"ק **רבי פנחס קאריצער** זי"ע, און נאך אסאך גדולי הדור תלמידי בעש"ט זי"ע, און די חופה איז פאר געקומען אונעם הויף פונעם ביהמ"ד, **און ביים פענסטער איז געשטאנען א פייגל און מצפצף געווען די גאנצע צייט ביים חופה**.

דער בעש"ט האט געפרעגט פון רבי פנחס'ל קאריצער זי"ע, איהר הערט וואס דאס פייגעלע זאגט, ס'זאגט "**לאלה תחלק הארץ**", עס איז געווארן א שמחה ביי די משתתפים, ווייל זיי האבן פארשטאנען אז דער בעש"ט איז מרמז אז עס קומט **די גאולה שלימה**.

אבער אפאר יאר נאך די חתונה, ווען דער צדיק רבי אברהם שמשון זי"ע, האט זייער געוואלט זיך אריבער ציען קיין ארץ ישראל, האט אבער זיין רעבעצין נישט געוואלט, זענען זיי געפארן צו רבי פנחס'ל קאריצער, און אנגעפרעגט וואס מען זאל טון, האט רבי פנחס געזאגט, דער בעש"ט האט דאך שוין געזאגט "**לאלה תחלק הארץ**", און לויט די הלכה פסק'נט מען שכופין לקבל גיטה, און דער צדיק האט דאן געגעבן א גט פאר זיין רעבעצין, און ארויף קיין ארץ ישראל.

בשנת תקי"ב ווען זיין טאטע דער הייליגער תולדות יעקב יוסף זי"ע איז אריבער צום שטאט **נמירוב**, האט מען דעם זון רבי אברהם שמשון אויף גענומען אלס ממלא מקום אין שטאט **ראשקוב**, וואס אויף דעם שטאט ווערט ער גערופען.

מען דערציילט, אז נאכן פטירה פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, האט דער טאטע רבי יעקב יוסף זי"ע געשיקט דעם זון ער זאל זען די הנהגה ביי רבי פנחס'ל קאריצער זי"ע, אויב ער איז א מתמיד, און א שונא בצע, און א בעל רוח הקודש, און אויב יא זאל ער בעטן פון רבי פנחס'ל, אז ער זאל אריבער קומען צו אים פאר שבת קודש.

ווען דער זון רבי אברהם שמשון איז געווען אין קאריץ, האט ער געזען אז דער הייליגער צדיק פארמאגט די אלע מעלות וואס די טאטע האט געפרעגט, האט ער געבעטן דעם רבי פנחס מקאריץ, אז ער זאל קומען צום טאטן פאר א שבת, און שבת קודש האט דער צדיק מפולנאה מכבד געווען דעם גאסט צו זאגן תורה, און דער גאנצער עולם האט זיך זייער געשטיפט צו הערן זיינע דברי תורה.

ווען רבי פנחס מקאריץ האט געזען אז פארן צדיק מפולנאה טוט ווי אז דער עולם שטיפט זיך מער ביים תורה פונעם קאריצער רבי, האט ער געזאגט פארן רבין, עס זאל נישט ווייטאן פארוואס דער עולם שטיפט זיך אזוי ביי מיר, ווייל מען קען זען ביי די פיש אין וואסער, וואס זיי וואוינען דאך די גאנצע צייט אין וואסער, אבער ווען עס רעגענט שטעקן זיי ארויס דעם קאפ כדי ארייננצוכאפן פרישע וואסער פון די רעגן, דאס זעלבע איז דא מיט די חסידים, **די תורה פון זייער רבי הערן זיי דאס גאנצע יאר, אבער איך בין דאך יעצט דא אלס גאסט און דערפאר שטיפט מען זיך אזוי**.

דער צדיק רבי אברהם שמשון זי"ע האט שפעטער אנגעהויבן דריקן דעם **ספר תולדות יעקב יוסף**, פון זיין הייליגען טאטן, וואס איז געווען פון די ערשטע חסידישע ספרים וואס זענען ארויס געקומען אויפן דרך החסידות, און ווי עס איז באקאנט האט דער הייליגער צדיק וקדוש הרה"ק רבי פנחס מקוריץ זי"ע געזאגט, אז די אלע נייע ספרים וואס קומען ארויס זענען נישט אויפן אמת'ן דרך, **חוץ דער ספר תולדות יעקב יוסף, און דער ספר אור החיים הקדוש**, וואס עס איז נישט דא קיין ספר אויף די וועלט אזוי ווי די ספרים.

אונעם ספר שטייט 213 מאל די ווארט "**שמעתי ממורי**", און רבי פנחס מקוריץ האט מעיד געווען, **אז מיט יעדע מאל וואס עס שטייט די ווארט שמעתי ממורי קען מען מאכן תחיית המתים**, און ער האט צוגעלייגט אז דער ספר **איז א סגולה מבטל צו זיין דעם יצר הרע און אוועק טרייבן מרה שחורה**.

הרה"ק דער שפאלער זיידע זי"ע ווען מען איז געקומען צו אים מזכיר זיין א חולה, האט ער געהייסן אז מען זאל לייגען דעם הייליגען ספר תולדות יעקב יוסף אונטערן קאפ פונעם חולה, און דער חולה איז געזונט געווארן.

דער הייליגער צדיק רבי אברהם שמשון זי"ע האט מחבר געווען בכתב יד קדשו א סידור האר"י, וואס איז געבליבן ביז היינט בכתב יד קדשו, דארט שרייבט ער סיי די ניסוח האר"י און אויך פון זיין רבין דער בעש"ט הקדוש זי"ע, און בשנת תקי"ט האט ער גענדיגט די ערשטע חלק, און י"ט סיון בשנת תק"כ 13 טאג נאכן הסתלקות פונעם בעש"ט הקדוש האט ער גענדיגט דער צווייטער חלק.

בשנת תק"מ איז דער צדיק רבי אברהם שמשון ארויף קיין ארץ ישראל, און ער האט זיך באזעצט אין שטאט **טבריה**, און דארט האט ער געהאט א גאר שטארקע קשר מיט די תלמידי הבעש"ט הקדוש וואס זענען אויך ארויף קיין ארץ ישראל, ובתוכם הרה"ק **רבי מנחם מענדל מוויטעפסק** זי"ע, און הרה"ק **רבי אברהם מקאליסק** זי"ע.

ווערט געברענגט, אז ווען דער צדיק רבי אברהם שמעון מראשקוב זי"ע איז אנגעקומען אין ארץ ישראל אין שטאט עכו, האט ער דארט געטראפן דעם בעל דבר דער יצר הרע וואס האט אים אויך דארט פראבירט צו איבער רעדן פאר עבירות, האט ער געפרעגט דעם בעל דבר, איך האב דאך געקויפט נאר איין בילעט פארן שיף פאר מיר, איז ווי אזוי בוסטו אויך אנגעקומען קיין ארץ ישראל.

האט דער בעל דבר געזאגט, די מיינסט איך האלט מיך אויף אין חוץ לארץ, ניין מיין עיקר וואוינונג איז אין ארץ ישראל, נאר דארט אין חוץ לארץ, דארט וואוינען מיינע שליחים וואס טוען מיין ארבעט דארט, אבער אין ארץ ישראל דארט איז מיין עיקר ארבעט.

שפעטער האט ער זיך אריבער געצויגען פאר א קורצע צייט קיין **צפת**, אבער בעפאר זיין פטירה

איז ער צוריק קיין **טבריה**, און ער איז דארט נסתלק געווארן.

ליידער האט דער צדיק נישט איבער געלאזט קיין זש"ק, אבער ער האט פאר די וועלט איבער געלאזט זיין הייליגן סידור אויפן ניסוח האר"י ז"ל און אויך ניסוח הבש"ט הקדוש זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **ח' אלול בשנת תקנ"ט**, ומנוחתו כבוד איז אין די ביה"ח הישן אין שטאט **טבריה**, **אינעם חלקה פון די תלמידי בעש"ט הקדוש** זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**אינעם קובץ שפתי צדיקים ווערט דערציילט**, אז א גביר איז אמאל געקומען צום הייליגן צדיק רבי אברהם שמשון מראשקוב זי"ע, און זיך באקלאגט אז זיינע געשעפטן גייען נישט אזוי גוט, און ער בעט א ברכה צו ווערן גאר רייך, האט אים דער הייליגער צדיק רבי אברהם שמשון געזאגט, "**אין די תורה שטייט ביי ברכת כהנים, 'יברכך ד' וישמרך', און דער טייטש איז, אז דער אייבערשטער זאל דיר געבן ברכה, אבער ער זאל דיר היטן אז די עשירות זאל דיר נישט קאליע מאכן און נישט אפקילן דיין אידישקייט**", און דער רבי האט אים אנגעוואונטשן מיט דער תנאי אז ער זאל פארבלייבן ערליך און שטענדיג געבן צדקה פאר עניי עירך, דער איד איז טאקע געווארן גאר א גרויסער עושר און האט געהאלטן זיין צוזאג.

• • •

**אין די הקדמה פונעם ספר תולדות יעקב יוסף ווערט געברענגט**, אז ווען דער צדיק וקדוש רבי אברהם שמשון מראשקוב זי"ע האט געדרוקט דעם ספר "**תולדות יעקב יוסף**" פון זיין גרויסן פאטער אין קאריץ **בשנת תק"מ**, איז געווען א גרויסע התנגדות אויפן ספר, דער צדיק רבי אברהם שמשון האט זיך מוסר נפש געווען, און פארקויפט זיינע אייגענע חפצים, און געוואנדערט פון שטאט צו שטאט כדי צו פארשפרייטן דעם ספר, און ער פלעגט זאגן, "**מיין פאטער האט אריינגעלייגט דאס גאנצע הארץ און נשמה אינעם הייליגן בעל שם טוב'ס תורות, און מיין ארבעט אויף דער וועלט איז צו מאכן זיכער אז דאס ליכטיגקייט זאל אנקומען צו יעדן אידיש קינד**".

• • •

**אין סיפורי חסידים ווערט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער צדיק רבי אברהם שמשון מראשקוב זי"ע האט געפירט זיין רבנות אין שטאט ראשקוב, פלעגט ער שטענדיג אויסמיידן יעדעס ביסל כבוד, איינמאל ביים שלש סעודות טיש, ווען די שטאטס-לייט און חסידים זענען געזעסן מיט גרויס יראת הכבוד, האט איינער פון די מקורבים געזאגט א שבח איבער זיין גרויסער קדושה און אויף זיין ייחוס אלס זון פונעם הייליגער בעל תולדות יעקב יוסף זי"ע, האט זיך דער צדיק רבי אברהם שמשון אנגערופן מיט טרערן, "**דער גרעסטער זכות און די גרעסטע אחריות פון א מענטש איז נישט ווער זיין טאטע איז געווען, נאר וואס ער אליינס טוט אויף דער וועלט צו דינען דעם בורא עולם מיט אמת און א פשטות**".

• • •

**אין ספר בית פנחס ווערט געברענגט**, אז איין שבת נאכמיטאג איז אנגעקומען אן ארעמער וואנדערער קיין ראשקוב, צוריסן און הונגעריג, און ער האט זיך געשעמט אריינצוגיין אין שול, ווען דער צדיק רבי אברהם שמשון האט דאס געהערט, איז ער אליינס ארויסגעאנגען אים זוכן אין די גאסן, און האט אים אריינגענומען צו זיך אין שטוב, **אים געגעבן צו עסן מיט די אייגענע הענט, און אים געזעצט אויבן אן ביים טיש**, ווען די בני בית האבן געפרעגט פארוואס ער באמיט זיך אזוי אליינס, האט ער געענטפערט מיט א פשטות, "**דער טאטע דער הייליגער תולדות האט מיר געלערנט פונעם הייליגן בעל שם טוב, אז הכנסת אורחים איז גרויס נישט נאר מיט געבן ברויט, נאר מיטן מחיה זיין א צובראכן אידיש הארץ**".

• • •

**אינעם קובץ כרם החסידות ווערט דערציילט**, אז א מלמד אין שטאט ראשקוב איז שטעקן געבליבן מיט א שווערן חוב פון חתונה מאכן זיין טאכטער, און ער האט מורא געהאט אז מען וועט אים אריינלייגן אין תפיסה, ער איז געקומען וויינען צום צדיק רבי אברהם שמשון מראשקוב זי"ע, און דער רבי האט גלייך צוזאמגענומען די גבירים פון שטאט און געזאגט, "**א מלמד וואס לערנט תורה מיט תינוקות של בית רבן איז דער יסוד פון כלל ישראל, קיינער גייט נישט אהיים פון דא ביז מיר**

**דעקן נישט אפ דעם גאנצן סכום ביזן לעצטן גילדן**", דער רבי אליינס האט אוועקגעגעבן די לעצטע פאר גילדן וואס ער האט געהאט אין שטוב, און ביז א שעה איז דער גאנצער חוב געווען באצאלט.

• • •

**אין קובץ מאורות החסידות ווערט דערציילט**, אז מען פלעגט דערציילן, אז דער הייליגער צדיק רבי אברהם שמשון מראשקוב זי"ע האט זיך אזוי שטארק אפגעהיטן די אויגן, אז אפילו ווען ער איז געגאנגען אין די גאסן פון שטאט, האט ער קיינמאל נישט אויפגעהויבן די אויגן העכער די ד' אמות, איינמאל האט אים א תלמיד געפרעגט, וויאזוי מען קען זוכה זיין צו אזא מדריגה פון קדושת המחשבה, האט אים דער רבי געענטפערט, "**דער טייטש פון 'שויתי ד' לנגדי תמיד' איז, אז ווען א מענטש שטעלט זיך פאר אין מוח אז ער שטייט שטענדיג פארן מלך מלכי המלכים, איז אינגאנצן נישט דא קיין פלאץ אין קאפ פאר קיין שום פרעמדע אדער אומאיידעלע מחשבות**".

• • •

**אין סיפורי בית פולנאה וראשקוב ווערט דערציילט**, אז פארן דאווענען פלעגט דער הייליגער צדיק רבי אברהם שמשון מראשקוב זי"ע זיצן שעה'ן לאנג אין א באזונדער צימער איינגעהילט אין טלית און תפילין, און רעדן צו קיינעם קיין איין ווארט, ווען ער פלעגט צוטרעטן צום עמוד זאגן "הודו", פלעגט זיין גאנצער קערפער ציטערן פון גרויס פחד און דביקות בשם, און זיין פנים פלעגט לייכטן ווי א פייער, זיינע מקורבים האבן דערציילט, אז מען פלעגט שפירן אין שול א שרעקליכע יראת הרוממות, און יעדער וואס איז דארט געשטאנען האט באקומען א הרהור תשובה פשוט פון צוקוקן ווי דער רבי שטייט און רעדט צום באשעפער מיט אזא קדושה וטהרה.

• • •

**אינעם ספר דרכי החסידות ווערט דערציילט**, אז אין די ביטערע קאלטע ווינטער נעכט אין שטאט ראשקוב, ווען דער טייך איז געווען פארפרוירן מיט דיקע אייז, פלעגט דער צדיק אויפשטיין פארטאגס צו חצות און זיך גיין טובל'ען אין אייז-קאלטן וואסער פאר עבודת הבורה, איינמאל האט איינער פון די מקורבים געוואלט אים צוריקהאלטן וועגן זיין שוואכן געזונט, אבער דער רבי האט געזאגט, "**די ריינקייט פון א אידישער נשמה און די טהרת הגוף קומט נאר ווען מען ברעכט דעם גוף און מען גיט זיך איבער אינגאנצן פארן באשעפער, דאס קאלטע וואסער לעשט אויס אלע ברענענדיגע גשמיות'דיגע תאוות פון דער וועלט**".

• • •

**אינעם קובץ נפלאות החסידים ווערט דערציילט**, אז א איד פון די דערנעבנדיגע דערפער איז איינמאל געקומען צו לויפן קיין ראשקוב מיט בכיות נוראות, אז זיין איינציג קינד ליגט שוין עטליכע טעג מיט א גאר הויכן היץ און די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן אויף זיין לעבן, דער הייליגער צדיק רבי אברהם שמשון האט אים אויסגעהערט, גענומען א שטיקל קמיע/כתב יד פון זיין גרויסן פאטער דעם בעל "תולדות יעקב יוסף", עס אריינגעלייגט אין א שטיקל פאפיר, און געזאגט צום פאטער, "**לייג דאס אונטער דעם קינד'ס קישן, און זאג פארן באשעפער, אז בזכות די תורה פונעם הייליגן בעל שם טוב וואס מיין פאטער האט אפגעשריבן, זאל דאס קינד האבן א רפואה שלימה**", דער פאטער איז געלאפן אהיים, געטון ווי דער רבי האט געהייסן, און נאך אין יענע נאכט האט זיך דער היץ אינגאנצן אראפגעלאזט און דאס קינד איז געזונט געווארן.

• • •

**אינעם ספר נחלת צדיקים ווערט דערציילט**, אז א איד וואס האט געדונגען א קרעטשמע פונעם לאקאלן פריץ, איז אריינגעפאלן אין גרויסע חובות, און דער פריץ האט געסטראשעט אז אויב ער באצאלט נישט ביז מארגן בייטאג, וועט ער אים מיט זיין גאנצע משפחה אריינווארפן אין טונקעלן קעלער, דער איד איז אריבער געלאפן צום הייליגן צדיק רבי אברהם שמשון מראשקוב זי"ע און געוויינט מיט ביטערע טרערן און געבעטן דעם צדיק פאר א ישועה.

דער צדיק רבי אברהם שמשון האט געזאגט פאר דעם איד, "**גיי צוריק אהיים בשלום, און ווען דער פריץ שיקט דיך רופן, גיי מיט בטחון און קוק אים גלייך אין די אויגן אריין**", ווען דער איד איז אנגעקומען צום פריץ, האט דער פריץ פלוצלונג געטוישט זיין פנים, אים פריינטליך אויפגענומען, און פארענטפערט פון דעם איד האט דער פריץ צעריסן דעם שטר חוב, און אים נאך געגעבן צייט אויף ווייטער צו צאלן, און דער פריץ האט שפעטער

געזאגט פאר זיינע קנעכט, "**ווי נאר דער איד איז אריינגעקומען, האב איך געזען א געשטאלט פון אן אלטן הייליגן מאן הינטער אים און איך האב באקומען א גרויסן שרעק**".

• • •

**אינעם קובץ תולדות אנשי מופת ווערט דערציילט**, אז אן עלטער פארפאלק וואס האבן שוין געווארט קרוב צו צוואנציג יאר אויף קינדער זענען געקומען צום רבי'ן און זיך אויסגעוויינט דאס הארץ, דער הייליגער צדיק רבי אברהם שמשון האט זיך פארטראכט מיט א גרויסער דביקות, און דערנאך געזאגט, "**נעמט אויף זיך שטענדיג צו האבן אפענע טירן פאר אורחים עניים, און נעמט אייך פאר צו געבן צדקה פארן דרוקן ספרי קודש, און מיטן באשעפער'ס הילף וועט איר געהאלפן ווערן בקרוב**", זיי האבן דאס גלייך מקבל געווען אויף זיך מיט גרויס שמחה, און דער רבי האט זיי אנגעוואונטשן, "**לעת כזאת איבערס-יאר וועט איר געהאלפן ווערן מיט א בן זכר**", טאקע פונקט א יאר שפעטער איז געבוירן געווארן ביי זיי א געזונט יונגל, און דער צדיק רבי אברהם שמשון איז אליינס געווען דער סנדק ביים ברית.

• • •

**אין סיפורי מופתים פון צדיקי פודאליע ווערט דערציילט**, אז א סוחר א חסיד פלעגט פארן יעדע עטליכע חדשים מיט גרויסע סומעס געלט דורך די געפארפולע וועלדער קיין יאסי צו קויפן סחורה, איינמאל פארן ארויספארן איז ער אריין נעמען א ברכה פונעם הייליגן צדיק רבי אברהם שמשון מראשקוב זי"ע, דער רבי האט אים אנגעקוקט און געגעבן זיין אייגענעם שטעקן, און געזאגט, "**האלט דעם שטעקן נעבן דיר אויפן וואגן, און אויב דו וועסט זען א געפאר, זאלסטו זאגן דריי מאל, 'דער זכות פון מיין הייליגן פאטער רבי יעקב יוסף הכהן זאל מיר ביישטיין**".

אינמיטן וועג אין וואלד זענען פלוצלונג ארויסגעשפרונגען באוואפנטע רויבער און ארומגערינגלט דעם וואגן, דער סוחר האט גלייך געכאפט דעם שטעקן און געזאגט די ווערטער מיט גרויס כוונה, אין יענע רגע זענען די פערד פונעם וואגן געווארן ווי אויפגעוועקט מיט א ברענענדיגע קראפט, זענען אריבערגעפלויגן די רויבער אן קיין שום שאדן, און די רויבער זענען געבליבן שטיין פארגליווערט ווי שטיינער אן קענען רירן א האנט אדער א פוס.

• • •

**אינעם ספר נר ישראל ווערט געברענגט**, א מעשה מיט א איד וואס האט געדונגען א שענק פון א פריץ אין שטאט, און די גוים פון שטאט האבן מיט זייער גרויסע שנאת ישראל געוואלט דעם איד אונטערברענגען, האבן זיי צוגע'גנב'עט זיינע גרויסע פעסער ברוינפן, אזוי אז עס איז אים בלויז געבליבן איין קליין פעסל אויף שבת און יום טוב, אבער דער איד האט זיך געזעהן אין א גרויסע צרה, וויבאלד ער האט נישט וואס צו פארקויפן מער און ער וועט דורך דעם נישט האבן צו באצאלן דאס געלט פארן פריץ.

דער איד איז געלאפן צום צדיק רבי אברהם שמשון זי"ע און מיט ביטערע טרערן זיך מזכיר געווען, אז ער גייט ח"ו באנקראטירן און פארלירן זיין גאנצע פרנסה, האט אים דער רבי געזאגט, "**גיי אהיים, עפן דעם קראן פונעם קליינעם פאס, שעפ דערפון פאר יעדן וואס קומט איינקויפן, אבער היט זיך גוט, עפן קיינמאל נישט אויף דעם אויבערשטן דעקל צו קוקן וויפיל עס איז נאך דא אינעווייניג**", דער איד האט אזוי געטון, און חדשים לאנג האט ער פארקויפט גאנצעטע פלעשער ברוינפן פונעם קליינעם פעסל און געהאט פרנסה בשפע גדול, הערשט נאך עטליכע חדשים ווען ער האט פארגעסן, און אויפגעדעקט דעם דעקל צו זעהן דעם נס, האט זיך דער שטראם אפגעשטעלט.

• • •

**אינעם קובץ צדיקי הדורות ווערט דערציילט**, א שטאטסמאן פון שטאט ראשקוב האט איינמאל געשיקט א שליח קיין מעזיבוז מיט א וויכטיגן בריוו און געלט, און דער שליח איז פארשוואונדן געווארן אויפן וועג פאר עטליכע וואכן, ביז די משפחה האט שוין מורא געהאט אז ער לעבט מער נישט חלילה, זענען זיי געקומען צום הייליגן צדיק רבי אברהם שמשון מיט גרויס יאוש, און האבן דערציילט די מעשה פארן רבין.

דער רבי האט פארמאכט די אויגן פאר עטליכע מינוט, דערנאך האט ער זיך אנגערופן מיט א שמייכל, "**דער שליח איז געזונט און פריש, ער איז פשוט פארבלאנדזשעט געווארן אויפן וועג צוליב די גרויסע שנייען, און ער געפינט זיך יעצט אין א אידישער קרעטשמע ביים עק דארף, און מארגן נאכמיטאג ביי מנחה וועט ער אריינטרעטן אין שטאט**", די מענטשן האבן אפגעווארט ביים שטאט-אריינגאנג, און פונקט ווי דער צדיק האט פאראויסגעזאגט מיט זיין הייליגן רוח הקודש, איז דער שליח אנגעקומען פונקט פאר שקיעה אינגאנצן געזונט מיט אלע בריוון און געלט.

**יארצייט ט' אלול**

**הרה"ק רבי צדוק ב"ר יעקב הכהן זי"ע, (רבינוביץ)**
**בעל פרי צדיק, מלובלין**

ער איז געבוירן אין שטאט קרייזבורג, **כ"ג שבט בשנת תקפ"ג**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי יעקב הכהן אב"ד קרייזבורג** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי אשר הכהן אב"ד קריניק** זי"ע,
פון די מאמע'ס זייט איז ער געווען א אייניקל **פונעם של"ה הקדוש** זי"ע.

ער איז געווען א בקי נפלא בתורה, און א חריף ולמדן עצום און א גרויסע שקדן בתורה, ער איז געווען מפורסם אלס א קדוש ופרוש מאוד, ער האט עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה שטייענדיג אויף די פיס די גאנצע צייט, אויך איז ער געווען באוויסט אלס א גרויסע בקי אין אלע עניני חכמה עד להפליא, ער איז אויך געווען מפורסם אלס א בעל רוח הקודש אמיתי, און געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

ליידער ביי די זעקס יאר אלט, איז דער טאטע זי"ע נסתלק געווארן, און די מעשה מיטן טאטן איז געווען, אז יענע צייט איז דער קינד צדוק שוין געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע התמדת התורה, און ביינאכט ווען דער קינד איז געגאנגען אויפן גאס שטארק פארטראכט אין זיינע מחשבות, איז א פערד אין וואגן איבער געפארן דעם קינד צדוק, און ווען די טאטע האט דאס געהערט, האט ער פון גרויס צער ליידער געכאפט א הארץ אטאקע, פון וואס ער איז ליידער נפטר געווארן, אבער בחסדי ד' האט פארן קינד גארנישט ערענסט פאסירט.

לגבי זיין געוואלדיגע קדושה דערציילט מען, **אז ביי די איין יאר אלט האט ער שוין צוגעדעקט זיין קאפ ווען ער האט געמאכט א ברכה, און ביי די צוויי יאר האט ער שוין געדאווענט אין א סידור אלע תפילות**.

ער איז געווען א ילד הפלא, און ביי די 3 יאר אלט האט ער שוין געלערנט גמרא רש"י תוספות, און ער האט עוסק געווען בתורה מיט א מסירת נפש, און וויבאלד ביי זיי אין שטוב האט געהערשט א געוואלדיגע עניות, און עס איז נישט געווען קיין ליכט אין שטוב, פלעגט דער יונגער קינד ארויסגיין אויף די גאס, **און ער פלעגט לערנען צום לעכטיקייט פונעם לבנה**.

וויבאלד אונעם שטוב איז נישט געווען קיין פרנסה, איז דער קינד נתגדל געווארן אונעם שטוב פון זיין פעטער הגה"ק **רבי יוסף הכהן בעל כפות זהב אב"ד קריניק** זי"ע, און ער האט דארט ביים פעטער אין שטוב עוסק געווען בתורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדה, אויך האט ער שוין דאן געלערנט באהאלטענערהייט תורת הנסתר.

מען דערציילט, אז ווען דער קינד איז געווען 7 יאר אלט, און ער האט געוואוינט אונעם שטוב פונעם פעטער הגה"ק רבי יוסף הכהן מקריניק זי"ע, איז דער פעטער דאן ארום געפארן אין שטעט, צו צוזאמען שטעלן געלט צו דריקן זיין ספר "**כפות הזהב**", און נאכן נישט זיין פאר גאר א לאנגע צייט אין שטוב, און נישט באקומענדיג קיין בריוו פון זייער טאטן, זענען די קינדער געווארן זייער באזארגט וואס עס האט ח"ו פאסירט מיטן טאטן.

האט דער יונגער צדוק געמאכט אן **השבעת חלום**, און ער האט באקומען א פונקטליכע תשובה, און מען האט אים געוויזן אין חלום דעם פעטער'ס געשטאלט, און אין וועלכע שטאט ער איז, און אויך אין וועלכע אכסניא ער געפינט זיך, דאן האבן זיך די שטוב מענטשן בארואיגט אביסל.

טאקע שפעטער ווען דער פעטער איז צוריק אהיים געקומען און מען האט אים אויסגעפרעגט, האט מען געזעהן אז די גאנצע זאך האט געשטימט פונקט ווי דער צדוק האט געזאגט, דאן איז ער מפורסם געווארן מיט זיין געוואלדיגע חכמה און אלס גרויסע בעל מדריגה.

בעפאר די בר מצוה האט ער שוין געמאכט א סיום הש"ס, וואס ער האט געלערנט מיט א געוואלדיגע חריפות און בקיאות, ביי די בר מצוה האט ער געזאגט 4 אייגענע גאר טיפע פלפולים, וואס זענען שפעטער געדריקט געווארן אין זיין ספר משיב צדיק, און אלע גאונים און גדולים פונעם שטאט זענען ממש ארויס פון התפעלות פון

דעם יונגען גאון, מען האט אים פון דאן גערופן מיטן נאמען "**דער עילוי פון קריניק**".

ביי די 18 יאר אלט האט ער זיך שוין מפלפל געווען בתורה מיט די גדולים בדורו, ובתוכם הגה"ק **רבי יצחק חיות** זי"ע, הגה"ק **רבי שלמה קלוגער** זי"ע, הגה"ק **רבי יוסף שאול נאטענזאהן בעל שואל ומשיב מלבוב** זי"ע, הגה"ק **רבי יעקב משולם אורנשטיין בעל ישועות יעקב מלבוב** זי"ע, הגה"ק **רבי יצחק אלחנן מקובנה** זי"ע, און די אלע גדולים בתורה האבן אלע אייניג מעיד געווען, **אז דא וואקסט א גדול בישראל א יחיד בדורו**.

ער האט חתונה געהאט בזיווג ראשון מיטן טאכטער פון הגביר **הר"ר שמואל הירש הכהן מוולאדאווקא** ז"ל, אבער נאך אפאר יאר האט ער זיך גע'גט פון דעם זיווג ראשון.

דאן האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת חנה דבורה** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי ישראל יעקב מטשעחין** זי"ע.

בשנת תר"ג האט זיך דער צדיק וקדוש רבי צדוק אריבער געצויגען צום שטאט **לובלין**, און גאנץ אנפאנג איז ער געווען פון די מתנגדים צום דרך החסידות, אבער דער צדיק איז יענע צייט געזעצן על תורה ועבודה ממש יומם ולילה מיט גאר געהויבענע התמדת התורה, ער איז שוין דאן געווען מפורסם אלס איינע פון די גאונים וגדולים בתורה בדורו.

אבער דאן איז ער אנגעקומען צום שטאט **איזביצא**, און דארט איז ער נתקרב געווארן צום גאון הרה"ק **רבי מרדכי יוסף ליינער בעל מי השילוח מאיזביצא** זי"ע, און גאר שנעל איז ער דארט נתקרב געווארן צום דרך החסידות, שפעטער איז ער געווען פון די גרעסטע גדולים וואס האבן פארשפרייט דעם דרך החסידות אין די וועלט.

נאך די פטירה פון זיין רבין דער מי השילוח זי"ע ז' טבת בשנת תרי"ד, איז ער דאן געווארן גאר שטארק מקושר צום גרויסן גאון הגה"ק **רבי יהודה לייב אייגער בעל תורת אמת מלובלין** זי"ע, און ער האט גאר אסאך תורה געלערנט פון דעם גאון, און ער האט דעם גאון גענומען אלס זיין רבו מובהק, אויך איז ער געבליבן גאר שטארק מקושר מיט זיין רבין'ס זון הגה"ק **רבי יעקב ליינער בעל בית יעקב מאיזביצא וראדזין** זי"ע.

מען האט דעם גאון רבי צדוק געוואלט אויפנעמען אלס רב אין גרויסע שטעט, אבער ער האט בשום אופן נישט געוואלט אנעמען קיין רבנות, נאר ער האט געוואלט עוסק זיין בתורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדת התורה אן קיין שטער.

בשנת תרכ"ז ווען דער רב הגה"ק **רבי יהושע העשיל אשכנזי אב"ד לובלין** זי"ע איז נסתלק געווארן, האט מען געוואלט דעם גאון אויפנעמען אלס ממלא מקום אין לובלין, אבער דער גאון האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען דאס רבנות, און מען האט אויף גענומען הגה"ק **רבי שניאור זלמן פרדקין בעל תורת חסד** זי"ע.

בשנת תרמ"ח ווען זיין רבי און הרה"ק רבי יהודה לייב אייגער בעל תורת אמת מלובלין זי"ע איז נסתלק געווארן, האבן די אידן אין שטאט זיך געבעטן צום גאון, אז ער זאל זיין דער ממלא מקום, אנפאנג האט ער נישט געוואלט מסכים זיין, אבער בלית ברירה האט ער גענומען דאס רבנות, אבער דאס געלט וואס ער האט באקומען אלס שכר רבנות, האט דער גאון מיט דעם געקויפט ספרים פארן ביהמ"ד פון שטאט, כדי מען זאל האבן ספרים צו לערנען.

ער האט באמת נישט געוואלט פירן קיין רבנות, ווען אידן זענען צום אים געקומען מיט קוויטלעך האט ער דאס בלית ברירה גענומען, אבער קיין פדיון האט ער בשום אופן נישט גענומען, די חסידים האבן אייביג פראבירט צו געבן מיט דריידלעך געלט פארן רבין, אבער ער מיט זיין חכמה האט אייביג צוריק געגעבן דאס געלט, אפילו תורה זאגן האט ער ממש געזאגט געצווינגענערהייט.

ער איז דאן נתפרסם געווארן אלס א גרויסע פועל ישועות, אידן פון אלע שטעט ארום זענען זיך געקומען מזכיר זיין ביי דעם צדיק, און דורך זיינע ברכות געהאלפן געווארן מיט גרויסע ישועות.

בשנת תר"נ ווען זיין רעבעצין בזיווג שני איז ליידער נפטר געווארן, האט דער גאון חתונה געהאט בזיווג שלישי מיט דעם טאכטער פון

הרה"ק **רבי פישל משטקשין** זי"ע אייניקל פון הרה"ק **היהודי הקדוש מפשיסחא** זי"ע, און א אײדעם ביי הרה"ק **רבי משה בעל תפארת משה מלעלוב** זי"ע.

די זיווג שלישי האט מיט געברענגט קינדער פונעם פאריגן זיווג, און דער צדיק וקדוש איז געווען פאר די קינדער ווי א טאטע און ער האט זיי ערצויגען מיט א געוואלדיגע איבער געגעבענקייט.

אין ספר תפארת הצדיקים ווערט געברענגט, אז דער גאון מיט זיין געוואלדיגע עניות, האט ער בעפאר די חתונה דערציילט א מעשה פונעם הייליגען צדיק הרה"ק רבי מנחם מענדל השרף מקאצק זי"ע, אז בשעת ווען דער שרף מקאצק האט חתונה געהאט, מיט זיין רעבעצין הצדקת מרת חיה ע"ה, בת הרה"ק רבי משה ליפשיץ מווארשא זי"ע.

האט דער שרף געזאגט פאר זיין שוואגער הרה"ק רבי יצחק מאיר אלטר בעל חידושי הרי"ם מגור זי"ע, אז חז"ל זאגן דאך, (קידושין מ"ט) **אז אויב א מענטש איז מקדש א פרוי בתנאי אז ער איז א צדיק גמור, איז אפילו ער איז באמת א רשע, זאגט די גמרא אז די קידושין איז חל, ווייל אפשר האט דער מענטש געהאט א הרהר תשובה אין זיין מחשבה בשעת מעשה**.

אבער יעצט זאגט דער הייליגער שרף מקאצק פאר זיין שוואגער דער הייליגער חידושי הרי"ם, אויב א מענטש איז מקדש א פרוי **בתנאי אז ער איז א רבי**, און באמת ווערט מען געוואויר אז ער איז נישט קיין רבי, איז די קידושין נישט חל, האט דער חידושי הרי"ם געזאגט פאר זיין שוואגער, אז לפי דעתו ברויך ער נישט מורא האבן פאר דעם, ווייל די טעם פארוואס די כלה האלט אז ער איז א רבי, איז ווייל דער עולם האלט אים פאר א רבי, און דער עולם וועט דאך נישט אויף הערן טראכטן אז ער איז א רבי, וועט דאך די רעבעצין אויך נישט האלטן אנדערשט.

האט דער גאון רבי צדוק געזאגט פאר זיין גרויסן שווער רבי פישל זי"ע, אז דער הייליגער שרף מקאצק, וואס די גאנצע וועלט האט אים געהאלטן פאר א רבי, און ער איז דאך באמת געווען א רבי, האט זיך נישט געברויכט זארגן אויף די טעות, אבער ער רבי צדוק הכהן, איז דאך באמת נישט קיין רבי, און דער עולם האלט דאך זיכער נישט אז ער איז א רבי, דערפאר האט ער געבעטן דעם שווער, **אז ער זאל מודיע זיין פאר די רעבעצין, אז זי זאל נישט טראכטן אז זי האט יעצט חתונה מיט א רבי, ווייל באמת איז ער נישט קיין רבי און קיינער טראכט אפילו נישט אז ער איז א רבי.**

ער האט איבער געלאזט פאר די וועלט צענדליגע הייליגע ספרים ובתוכם.

**ספר פרי צדיק, על התורה ומועדים,**
**ספר אור זרוע לצדיק,**
**ספר לבושי צדקה, על ספרי בעל הלבושים,**
**ספר רסיסי לילה, דברי תורה שנתגלו לו בחלום,**
**ספר ישראל קדושים, מעלת קדושת ישראל,**
**ספר פוקד עקרים,**
**ספר תפארת צבי, על שו"ע יורה דעה, ושו"ת.**

ער האטליידער נישט איבער געלאזט קיין זש"ק.

בשנת תר"ס שביעי של פסח איז דער גאון ליידער זייער קראנק געווארן מיט א גאר שווערע מחלה, ער האט זיך גאר שטארק געמיטשעט מיט יסורים נוראים, און ליידער סוף יאר ט' אלול איז דער גאון נסתלק געווארן.

נסתלק לגנזי מרומים **ט' אלול בשנת תר"ס**, ומנוחתו כבוד איז אונעם ביה"ח אין שטאט **לובלין**, סמוך ונראה צו זיין הייליגן רבין הגה"ק **רבי יהודה לייב אייגער בעל תורת אמת** זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

**מען דערציילט**, אז דער גאון רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע האט זיין גאנצע לעבן געלעבט אין א געוואלדיגע עניות און דחקות, ער האט אבער גארנישט געברויכט, און זיך מפרנס געווען פון דאס ביסל וואס זיין רעבעצין האט פארדינט, פון דעם קליינעם געשעפט וואס זי האט געפירט, אויך ווערט דערציילט, אז דער גאון האט כמעט גארנישט געגעסן איבערן טאג, **נאר אויב ער האט יענעם טאג געענדיגט א מסכת אין ש"ס, האט ער ביינאכט געגעסן צוזאמען מיט א סיום און סעודת**

**מצוה, און עס איז באקאנט אז ער האט יעדע צוויי חדשים געמאכט א סיום הש"ס.**

אויך האט דער גאון געהאט א געוואלדיגע אמונה אונעם באשעפער, ווי מען זעט וואס ער שרייבט אין זיין ספר פרי צדיק, אז עס שטייט אין די גמרא (מסכת ברכות ס"ב) **כל מה דעביד רחמנא לטב עביד**, האט דער גאון געזאגט, דאס מיינט נישט, אז מען זאל אנעמען יעדע זאך וואס דער באשעפער טוט מיט א שמחה, וואס דאס איז כפרת עוונות, **נאר מען זאל באמת וויסן אז וואס דער באשעפער טוט, איז באמת ממש נאר לטובה פאר דעם מענטש**, ווי למשל די גזירה פון המן הרשע, וואס ער האט געוואלט ח"ו אום ברענגען אלע אידן, איז פון דעם ארויס געקומען א טובה, **אז אידן קענען דורך דעם מקיים זיין דעם מצוה פון מחיית עמלק.**

• • •

**מען דערציילט**, אז די רבי דער צדיק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע האט אמאל מסביר געווען, דאס וואס שטייט אין גמרא (מסכת שבת קנ"ג) "**תנן התם רבי אליעזר אומר שוב יום אחד לפני מיתתך, שאלו תלמידיו את ר"א וכי אדם יודע איזהו יום ימות, אמר להן וכל שכן ישוב היום שמא ימות למחר ונמצא כל ימיו בתשובה**", איז לכאורה שווער, פארוואס האט דער תנא רבי אליעזר נישט געזאגט גלייך פאר די תלמידים די טעם, פארוואס מען דארף תשובה טון, ווייל אפשר גייט די מענטש מארגען שטארבן.

נאר זאגט דער גאון רבי צדוק, אז רבי אליעזר האט געוואלט אויס לערנען פאר זיינע תלמידים, אז א איד ברויך באמת תשובה טון יעדן טאג און זיך פירן אלעס אזוי ווי די תורה הייסט, מיט די זעלבע מחשבה און אמת כאילו ער גייט מארגן שטארבן, ווייל אויב האט מען נאר א ספק אויב מען גייט שטארבן, איז די עבודה נישט מיט די זעלבע השלמה, ווי ווען מען גלייבט באמת אז מען גייט שטארבן מארגען, און דערפאר האט די תנא רבי אליעזר געוואלט אז די תלמידים זאלן קודם פרעגן דעם שאלה, און דערנאך האט ער דאס מסביר געווען מיט זיין תשובה.

• • •

**אויך דערציילט מען**, אז די רבי האט די ווארט נאך געזאגט פון א חסיד אחד, וואס די תלמידים האבן געזאגט, אז באמת האט די רבי אליין געזאגט די ווערטער, אבער מחמת זיין גרויסע עניות האט ער געזאגט, אז ער האט דאס געהערט פון א אנדערן, **אז ער האט באמת נישט מורא פון דעם גיהנום, אדרבא ער פרייט זיך אז ער וועט קענען מאכן א נייע ברכה פארן באשעפער און זאגן בזה"ל, "ריבונו של עולם יפה דנתני, ויפה חייבתני".**

• • •

**עס איז ידוע**, אז עס פלעגט זיך איהם כסדר חלום'ען תורה, און סוף ימיו, אויב עס איז דורך א נאכט וואס עס האט זיך איהם נישט געחלום'ט תורה, האט ער דעם קומענדיגע טאג געפאסט א תענית חלום, אין זיינע יונגערע יארן פלעג ער פארשרייבען די חלומות, און און איינע פון די חיבורים זיינע, איז געדרוקט א קונטרס דברי חלומות, וואס איז א ליקוט פון די אלע תורות.

• • •

**הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע שרייבט** אין זיין ספה"ק פרי צדיק, כ'האב געהערט זאגן, אז דער צדיק דער יהודי הקדוש האט יעדן טאג פון זיין לעבן געלערנט **עטליכע פסוקים פון משנה תורה**, וואס דאס איז **ספר דברים, ווייל דאס איז א מוסר ספר**, האט דער צדיק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע געזאגט, אז וואס עפעס דוקא ספר דברים האט דער הייליגער צדיק דער יהודי הקדוש זי"ע געלערנט יעדן טאג.

ברענגט דער הייליגער בעל התניא אראפ, אז ווען מ'הערט מוסר פון א לעבעדיגן מוכיח גייט דאס אריין אסאך שטערקער אין הארץ פון א איד, ווייל דברים היוצאים מן הלב נכנסין אל הלב, דאקעגן ווען מ'הערט מוסר פון א ספר האט דאס נישט דעם התעוררות, אבער אין סדר הדברים האט משה רבינו אריין געלייגט א כח, אז מ'ווערט דערפון נתעורר פונקט ווי פון א לעבעדיגן מוכיח, ווי דער פסוק זאגט, **אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל, פאר יעדן איד באזונדער, און דער קול רעדט נאך אלץ, און האט דעם כח ווי פון א לעבעדיגן מוכיח.**

• • •

**אין הקדמה צו ספרי ר' צדוק הכהן ווערט געברענגט**, אז אין זיינע יונגע יארן איז אמאל פארגעקומען א שרפה אין זיין שטאט, און אלע זיינע ספרים און כתבים זענען פארברענט געווארן, דער צדיק רבי צדוק הכהן איז געווען שטארק בצער, האט ער זיך אנגערופן מיט זיין געוואלדיגן כח התורה, "**פון היינט מאך איך א קבלה, אז יעדעס**

**ספר וואס איך לערן, וועל איך קענען אזוי גוט בעל פה, אז אויב עס וועט חלילה נאכאמאל פארברענט ווערן, זאל איך גארנישט פארלירן**", און פון דעמאלט אן האט ער געדענקט דעם גאנצן ש"ס, ראשונים און פוסקים אות באות בעל פה.

• • •

**אין תולדות בעל פרי צדיק ווערט דערציילט**, אז דער צדיק וקדוש רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע איז אין די יונגע יארן געווען **א מתנגד צום דרך החסידות אבער ער איז געווען א גאון מופלג בתורה**, ווערט דערציילט אז א פרוי האט איינמאל פרובירט אים צו פארפירן און ח"ו אים מכשיל זיין אין א שווערן נסיון, און ער איז אנטלאפן מיט מסירות נפש אונטער גרויסע יסורים, **כדי זיך צו ראטעווען פון חטא, ממש ווי יוסף הצדיק**.

נאכן דורכגיין דעם ביטערן נסיון, האט ער געשפירט אז ער דארף א הייליגן רבי'ן וואס זאל אים אויסרייניגן די מחשבה און אריינברענגען אין אים קדושת הלב, איז ער דעמאלט צוגעפארן צום הייליגן צדיק וקדוש **רבי מרדכי יוסף מאיזשביצא בעל מי השילוח** זי"ע, און ווען ער איז אנגעקומען, האט דער איזשביצער אים אנגעקוקט און געזאגט, "**שלום עליכם רבי צדוק, מען זעט אויף אייך דעם ריח פון יוסף הצדיק**", און פון דעמאלט איז ער געווארן זיין געטרייער תלמיד, **און דאן איז ער נתקרב געווארן צום דרך החסידות**.

• • •

**אין ספר שבת אחים ווערט געברענגט**, אז כאטש דער צדיק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע איז געווען א ריז אין תורה און אין חכמה, האט ער זיך געבויגן מיט אן אמת'ע ענווה פאר גאון וקדוש **רבי לייבעלע איגר** זי"ע דעם אייניקל פונעם גרויסן גאון וקדוש רבי עקיבא איגר זי"ע, און ער האט זיך באמת מכניע געווען צו דעם גאון מיט א געוואלדיגע הכנעה.

מען פארציילט, אז ביידע האבן געוואוינט אין שטאט לובלין, און רבי צדוק פלעגט קומען יעדן שבת זיצן ביים טיש פון רבי לייבעלע ווי א פשוט'ער חסיד, איינגעבויגן פאר עטליכע שעה אן רירן אן אבר, און מיט געזינגען די הייליגע ניגונים מיט א גרויסער התלהבות, ער האט נישט מסכים געווען אנצונעמען די הנהגה ביז נאך דער פטירה פון רבי לייבעלע בשנת תרמ"ח, **אפילו מען האט כסדר געבעטן דעם גאון רבי צדוק אנצונעמען דאס רבנות אין שטאט לובלין**.

• • •

**אין די הקדמה פונעם ספר צדקת הצדיק ווערט געברענגט**, אז דער גאון וקדוש רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע האט געלעבט אין גאר א גרויסער דלות און פרישות, ער האט געוואוינט אין א קליין ענג צימערל אין לובלין וואס איז געווען אנגעפילט מיט ספרים פון די ערד ביזן דאך, זיין גאנצע עסן כמעט א גאנץ יאר איז געווען שטיקלעך טרוקענע שמורה מצה און א ביסל וואסער אדער טיי.

ער פלעגט זיצן טעג און נעכט ארומגענומען מיט ספרים, **און מען פלעגט זען ווי דער פעדער לויפט אויפן פאפיר אן קיין שום אפשטעל, שרייבנדיג טיפע גילויים אין קבלה, נגלה און חסידות מיט א בליציקער מהירות**.

• • •

**אינעם ספר תולדות אנשי שם ווערט דערציילט**, אז אמאל איז א גרויסער למדן געקומען קיין לובלין און געוואלט בוחן זיין רבי צדוק'ס בקיאות, ער האט אים געפרעגט, "**וואו אין ש"ס ווערט דערמאנט דער ענין פון פלוני אלמוני**", רבי צדוק האט אים תיכף ומיד אויסגערעכנט אלע בלעטער אין בבלי, ירושלמי, תוספתא און מדרשים וואו דער ענין ווערט דערמאנט, און דערצו צוגעלייגט, "**און קוק נאך אויפן רמב"ם אין הלכות פלוניות, וואס לויט דעם ווערט פארענטפערט א שווערע קושיא אין יענער גמרא**", דער למדן איז ארויס אינגאנצן איבערגענומען פון זיין אומבאגרייפליכן זכרון.

• • •

**אינעם ספר מאורות החסידות ווערט געברענגט**, אז אין זיינע יונגע יארן, כדי צו קענען לערנען תורה אן קיין הפסק טעג און נעכט, פלעגט ער זיך שרעקלעך פלאגן נישט איינצושלאפן איבער די גמרא, מען פארציילט, **אז ער פלעגט אריינשטעלן זיינע פיס אין א שיסל מיט אייז-קאלט וואסער, און אריינווארפן א קופערנעם גראשן אויפן באדן פונעם שיסל**.

און יעדעס מאל וואס די אויגן האבן זיך געוואלט פארקלעבן פון מידקייט, פלעגט ער זיך אראפבייגן און זוכן דעם גראשן מיטן פינגער אין דעם קאלטן וואסער, כדי די קעלט זאל אים

אויפוועקן און ער זאל קענען ממשיך זיין צו הארעווען אן א שום ביטול תורה.

• • •

**אינעם ספר תולדות גדולי ישראל ווערט דערציילט**, אז ווען דער גאון וקדוש רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע איז נאך געווען א יונג בחור'ל, איז ער אמאל געפארן מיט א בעל עגלה פון איין שטאט צום צווייטן, אינמיטן וועג האט זיך דער וואגן אפגעשטעלט אין א וואלד, כדי די פערד זאלן זיך אפרוען און עסן, דער צדיק וקדוש רבי צדוק הכהן זי"ע איז אראפגעשפרינגען פונעם וואגן, **זיך געזעצט אונטער א בוים און געעפנט א גמרא צו לערנען, און ער איז אזוי פארזונקען געווארן אינעם עומק פונעם סוגיא, אז ער האט אינגאנצן פארגעסן וואו ער געפינט זיך אויף דער וועלט**.

דער בעל עגלה האט איינגעשפאנט די פערד און אפגעפארן, אן צו באמערקן אז דער בחור איז נישט אויפן וואגן, ערשט עטליכע שעה שפעטער, ווען ער איז אנגעקומען אין דארף, האט ער געזען אז דער עילוי ר' צדוק הכהן איז נישט אינעם וואגן, מען איז צוריקגעלאפן אינעם טונקעלן וואלד אים זוכן, **און מען האט אים געטראפן זיצן אויפן זעלבן ארט, איינגעטינקען אין לערנען, אן צו וויסן בכלל אז עטליכע שעה זענען פארביי אדער אז דער וואגן איז אוועקגעפארן**.

• • •

**אינעם הקדמת בני המחבר לספר פרי צדיק ווערט געברענגט**, אז עס איז באקאנט, אז דער גאון וקדוש רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע האט געשריבן טויזנטער בלעטער פון חידושי תורה בנגלה ובנסתר, און אויך אין הלכה און חסידות.

עדות האבן דערציילט, אז ווען ער פלעגט זיצן שרייבן, איז זיין האנט געלאפן אויפן פאפיר מיט אן אומנאטירליכער שנעלקייט, אן דארפן אפשטעלן דעם מחשבה אפילו אויף איין רגע צו טראכטן אדער נאכקוקן א מקור אין ספרים, אלעס איז געווען איינגעקריצט אין זיין זכרון קלאר ווי אויף א טאוול, ער פלעגט שרייבן שעה'ן לאנג אן קיין שום הפסק, און די בלעטער האבן זיך אנגעזאמלט אין הויפענס אונטער זיין טיש.

• • •

**אין סיפורי חסידים בית לובלין ווערט דערציילט**, אז אין זיינע יארן פון גרויס ארימקייט, פלעגט זיין רעבעצין זיך זארגן אז עס פעלט געלט פאר די נויטיגע הוצאות הבית, פאר רבי צדוק איז אבער געווען נאר איין זאך וויכטיג, "**צו האבן גענוג ליכט צו קענען לערנען ביינאכט**", מען פארציילט, אז ווען עס איז אויסגעגאנגען דאס געלט פאר ליכט, האט ער אוועקגעגעבן א זילבערנעם כלי/לייכטער וואס ער האט געהאט בירושה, נאר כדי צו קענען קויפן פשוט'ע וואקס-ליכט, זאגנדיג, "**וואס העלפט מיר א זילבערנער לייכטער אין דער פינסטער, אויב איך האב נישט קיין ליכט מיט וואס צו לערנען די הייליגע תורה**".

• • •

**אין תולדות בעל פרי צדיק ווערט דערציילט**, אז ווען דער צדיק וקדוש רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע פלעגט מוזן ארויסגיין אין די גאסן פון לובלין - צי איז דאס געווען צו גיין זיך טובל'ן אין מקוה, אדער פאר א געוויסע דבר מצוה, פלעגט ער גיין מיט אראפגעלאזטע אויגן אינגאנצן צוגעקלעבט צו די ערד, אן קוקן רעכטס אדער לינקס, ער פלעגט אפט האלטן אן אפענעם שירעם נידעריג איבער זיין פנים, אפילו אין די זוניגע טעג ווען עס האט נישט גערעגנט, **נאר כדי זיין בליק זאל חלילה נישט אויפכאפן קיין שום מראה אדער בילד וואס קען שטערן די ריינקייט פון זיין הייליגן מוח**.

• • •

**אין די הקדמה פונעם ספר מחשבות חרוץ ווערט געברענגט**, אז דער צדיק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע האט זוכה געווען צו א מדריגה פון קדושת הגוף וואס איז געווען העכער פון די נאטור, מען פארציילט, אז ער האט אזוי אויסגעלייטערט זיינע חומר'דיגע חושים, **אז ער האט אינגאנצן נישט געשפירט קיין שום טעם אדער תאוה אין עסן**, זיין עסן א גאנץ יאר וואס איז געווען די שטיקלעך טרוקענע מצה מיט וואסער, איז געווען ריין פאר עבודת השם און קיום הגוף, **ממש ווי א כהן וואס עסט קדשים בטהרה**, ער פלעגט זאגן, "**אז א איד דארף אפשיידן די מחשבה פון גשמיות אזוי ווייט, אז אפילו ביים עסן זאל דער קאפ זיין פארנומען מיט דביקות בשם און סודות התורה**".

• • •

**אינעם ספר מאורות החסידות ווערט געברענגט**, אז ווען דער צדיק רבי צדוק הכהן זי"ע איז דאס ערשטע מאל געקומען קיין איזשביצא צום הייליגן "מי השילוח" זי"ע, האט אים דער רבי תיכף דערקענט מיט רוח הקודש אלס א קדוש עליון, דער איזשביצער האט זיך אנגערופן צו די חסידים, "**דער איד איז א בחינה פון יוסף הצדיק, ער איז דורכגעגאנגען פייער און וואסער און געבליבן הייליג און ריין אן קיין שום פגם**", דער רבי האט אים געגעבן א ספעציעלע מדרגה פון קירוב און אים געלערנט די טיפסטע סודות אין

עניני קדושה וטהרה, וואס שפעטער האט רבי צדוק מבאר געווען אין זיינע הייליגע ספרים ווי "צדקת הצדיק" און "קדושת שבת".

• • •

**אין תולדות אנשי שם ווערט געברענגט**, אז אין זיינע כתבים און אין זיין פירונג איז געווען א כלל, **אז א מענטש מוז היטן זיין מחשבה אין יעדער רגע פונעם טאג**, עס ווערט דערציילט, אז דער צדיק וקדוש רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע פלעגט זיך אפגעבן מיט שרעקליכע תעניות און כוונות אויסצוריייניגן דעם מח אפילו פון א ברעקל **'הרהור קל'**, תלמידים האבן געזאגט, אז מען האט געקענט זען אויף זיין הייליג פנים **א ליכטיגקייט וואס קומט נאר פון א נשמה וואס לעבט אין עולמות העליונים און איז אינגאנצן אפגעריסן פון דעם יצר הרע.**

• • •

**אין תולדות בעל פרי צדיק ווערט דערציילט**, אז דער צדיק וקדוש רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע, אין זיינע יונגע יארן, נאך איידער ער איז באקאנט געווארן אלס צדיק מפורסם, האט זיין ערשטע פרוי נישט פארשטאנען זיין גרויסע מדריגה און זיין גאנצע עבודה מיט א פרישות און זיין געוואלדיגע התמדת התורה, זי האט אים אפט מצער געווען און פארשעמט מיט ביטערע רייד אין פארענט פון מענטשן.

דער צדיק וקדוש רבי צדוק האט מיט זיין גרויס עניוות אלעס אראפגעשלונגען מיט א שטילקייט און קיינמאל נישט צוריק געענטפערט אדער זיך גערעגט, ער האט איר מכבד געווען מיט א מורא'דיגע ענווה און געזאגט פאר זיינע נאנטע, אז ער נעמט עס אן אלס א כפרת עוונות און א נסיון פון הימל זיך צו ברעכן דאס הארץ און אויסצולייטערן די מדות, ערשט שפעטער, ווען די רבנים האבן געזען אז זי לאזט אים נישט לערנען, האט מען איר געגעבן א גט בהסכמת גדולי הדור.

• • •

**אין מאורות החסידות ווערט דערציילט**, אז אין שטאט לובלין איז געווען **א בלינדער איד** וואס פלעגט קומען יעדן ערב שבת אין ביהמ"ד פון רבי צדוק, איינמאל האט מען אים געפרעגט, **"איר זענט דאך ליידער בלינד, וואס קומט איר זוכן ביים רבי'ן"**, האט דער בלינדער געענטפערט מיט אן ערנסטקייט, **"כאטש מיינע פליישיגע אויגן זענען פארלאשן, שפיר איך מיט מיין נשמה א געהויבענע ליכטיגקייט ווען דער רבי קומט אריין אין צימער, און איך בין מרגיש אז ארום אים ברענט א פייער פון קדושה וואס אפילו א בלינדער קען פילן"**.

• • •

**אינעם ספר פרי צדיק המבואר ווערט געברענגט די מעשה**, איין נאכט איז א גנב אריינגעקראכן אין רבי צדוק'ס שטוב, מיינענדיג אז ער וועט דארט געפינען געלט אדער חפצים מיט א טייערע ווערט, דער צדיק וקדוש רבי צדוק הכהן זי"ע איז געזעסן פארטיפט אין א ספר ביי דער שיין פון א ליכט, דער גנב האט אנגעהויבן זוכן אין די שאפעס, אבער רבי צדוק האט זיך אפילו נישט אויסגעדרייט צוליב זיין געוואלדיגע דביקות.

ווען דער גנב האט געזען דעם צדיק זיצן מיט אזא הייליגקייט און פארטיפט אין זיין הייליגע עבודה, האט אים אנגעכאפט א שרעק און א ציטער, ער האט פלוצלונג געשפירט א טיפן חרטה אויף זיין לעבנסוועג, און ער איז געפאלן צו רבי צדוק'ס פיס און אויסגעבראכן אין א געוויין מיט בקשת מחילה, דער צדיק רבי צדוק האט אים אויפגעהויבן מיט ליבשאפט, **אים געגעבן א ברכה און א וועג וויאזוי צו טוהן תשובה, און יענער איז געווארן אן ערליכער איד.**

• • •

**אין הקדמת ספר דובר צדק ווערט דערציילט**, אז דער צדיק וקדוש רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע האט געהאט אן אומגעהויערע אפגעהיטנקייט אויף דער מדה פון **אמת**, מען פארציילט, אז ווען ער פלעגט שרייבן זיינע חידושים, **אויב ער האט געשפירט אז איין ווארט אדער א סברא שטימט נישט הונדערט פראצענט מיט א ריינעם אמת פון דער תורה, פלעגט ער אפווישן גאנצע בלעטער און אנהייבן פונדאסניי**, אפילו אויב עס איז געווען א פלפול נפלא, און ער פלעגט זאגן, **"די תורה איז תורת אמת, און מען טאר נישט אריינמישן קיין שום פאלשן געדאנק אפילו בלויז לשם חכמה"**.

• • •

**הרה"ק רבי צדוק הכהן בעל פרי צדיק מלובלין זי"ע האט דערציילט**, אז ער האט נאך געהאט די זכי' צו קענען דעם צדיק וקדוש **רבי יהושע מאוסטרובה** זי"ע, און דער צדיק רבי צדוק מלובלין זי"ע האט גאר שטארק מפליג געווען בשבחו פון דעם צדיק, איינמאל ווען דער צדיק רבי צדוק הכהן זי"ע האט גערעדט פון די גדלות און קדושה פון רבי יהושע מאוסטרובה, האט ער זיך אויס געדריקט בזה"ל, **"הכרתי אותו צדיק היטב, שהיה "שלק"**, ווען דער צדיק רבי צדוק האט געזען ווי דער עולם וואונדערט זיך אויפן לשון **"שלק"**, האט ער מסביר געווען דעם ווארט, **"ער איז געווען ש'ומר ל'ברית ק'ודש"**.